STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
NO. 01979

VELT UN HEYM

Abraham Bick

Permanent preservation of this book was made possible
by Frances Wolf
in honor of Joseph Wolf -
A Dedicated Yiddishist

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS
413 256-4900 | YIDDISH@BIKHER.ORG
WWW.YIDDISHBOOKCENTER.ORG

•

MAJOR FUNDING FOR THE
STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
WAS PROVIDED BY:

Lloyd E. Cotsen Trust
Arie & Ida Crown Memorial
The Seymour Grubman Family
David and Barbara B. Hirschhorn Foundation
Max Palevsky
Robert Price
Righteous Persons Foundation
Leif D. Rosenblatt
Sarah and Ben Torchinsky
Harry and Jeanette Weinberg Foundation
AND MEMBERS AND FRIENDS OF THE
National Yiddish Book Center

•

The *goldene pave*, or golden peacock, is a traditional symbol of Yiddish creativity. The inspiration for our colophon comes from a design by the noted artist Yechiel Hadani of Jerusalem, Israel.

The National Yiddish Book Center respects the copyright and intellectual property rights in our books. To the best of our knowledge, this title is either in the public domain or it is an orphan work for which no current copyright holder can be identified. If you hold an active copyright to this work – or if you know who does – please contact us by phone at 413-256-4900 x153, or by email at digitallibrary@bikher.org

וועלט און היים

WELT UN HEIM

(WORLD AND HOME)

ESSAYS

By

RABBI ABRAHAM BICK

M. S. SKLARSKY
1145 Fox Street
Bronx, N. Y.

NEW YORK, 1941

הרב אברהם ביק

וועלט און היים

עסייען

בן בג בג אומר: הפך בה והפך בה דכולה בה (אבות).

הויפט־פארקויף:
פארלאג משה שמואל שקלארסקי

ניו־יארק, התש״ב

Copyright 1941, *by*
RABBI ABRAHAM BICK
615 Crescent Street
Brooklyn, N. Y.

PRINTED IN THE U. S. A. BY
SHULSINGER BROS., LINOTYPING & PUBLISHING CO.
TWENTY-THREE EAST FOURTH STREET, NEW YORK, N.

ב י י ל ע ן —
די עסייען אַ מתנה

ביכער פון אברהם ביק

חזון התקופה, ניו יורק התרצ״ז
גרונט־פרינציפן פון רעליגיעזן סאָציאַליזם, לאָדזש 1938
קעמפער און היטער, ניו יאָרק 1940.

אין מאַנוסקריפּט:

קעמפער און היטער, צווייטער טייל

א י נ ה אַ ל ט :

ו ו ע ל ט ן   א י ן   י י ד י ש ק י י ט

אַ ר י י נ פ י ר 9
די בריק צווישן סיני און דעם אָלימפּ 15
די יידיש־פילאָזאָפישע סיסטעם פון ר׳ יהודה הלוי 23
דיאַלעקטיק אַלס מעטאָדע און אַלס אַבסאָלוט 33
רבניזם און פאַנטעאיזם 38
דער מאָראַליסט פון פּאַדואַ 45
עטישער פעסימיזם 51
דאָס אויסגעקרימטע פנים פון דער יידישער אידעאָלאָגיע 59
בערגסאָן און חסידות 73
די אַמעריקאַנער פילאָזאָפיע און די פּראַקטישע יידישקייט 82
המשך אין דער יידישער ליטעראַטור 94

צ י י ט   א ו ן   א י י ב י ק י י ט

דער זשאָלקיעווער פילאָזאָף און וועג־ווייזער 115
מעטאַ־היסטאָריע 121
די שקיעה פון מערב און דער אייביקער יידישער ווידערקום 130

א ו מ ג י י ס ט   א ו ן   א ו מ ק ו ם

פרויד און די רעליגיע 145
ניצשע און יידישקייט 155
שווערד און האַמער און די קרוין פון מלאכה 167
דער מיטאָס פון געצנדינסט ; די נייע נאַצישע פילאָזאָפיע 176

אַרײַנפֿיר

אין אונדזער צײַט איז ווידער בולט געוואָרן דאָס גרויסע פּראָבלעם: איד און וועלט. עס מערקט זיך אַ ווילן באַ אַ גרויסער טייל פֿון דער יידישער אינטעליגענץ, צו געבן אַן אידייאישע געשטאַלטיקונג דער פּאָרמולע: איד און וועלט. פּרוּוון ווערן געמאַכט אויפֿצוגראָבן די יידישע וואָרצלען פֿון דער מאָדערנער געדאַנקלעכקייט, בולט צו מאַכן די קרובהשאַפֿט צווישן יידישן טראַדיציאָנעלן באַנעם מיט דער וועלט־קולטור און ברייִנגען צום אויסדרוק דעם געדאַנק, אַז יידישע געשיכטלעכע אחריות, געבונדנקייט מיטן טראַדיציאָנעלן יידישן שאַפֿן, איז ניט קיין סתירה צו פּראָבלעמען פֿון צײַט און וועלט.

אידנטום און וועלט! דאָס איז דאָס ברענענדיקסטע פּראָבלעם אין יידישן לעבן און דענקען פֿון דעם חורבן־אָן, און איז אין אַלע דורות געווען אַקטועל. יעדער דור, וואָס איז געווען טריי דער טראַדיציאָנעלער יידישקייט האָט אויך פּרובירט אויסשלאָגן יידישע מטבעות פֿון די גאָלד־שטיקער פֿון דער נישט־יידישער פֿילאָזאָפֿיע און אידעע, זיך באַמיט אַרײַנברענגען עלעמענטן פֿון דער דרויסנדיקער וועלט, און דערמיט געגעבן אַן אָנשפּאַר די, וועמען עס האָט זיך געדאַכט, אַז דער יידישער און וועלטלעכער קוק קענען זיך ניט צענויפֿקומען.

ניט קוקנדיק אויף זייער גרעטאָ־אָפּגעשלאָסנקייט, האָבן יידן דאָך געזוכט דעם רייִן־יידישן עלעמענט אין וועלטלעכן דענקען. דאָס האָט זיך אויסגעדריקט אין ידידיה פֿילאָנס פּרוּוו צו פֿאַראייניקן די ווינקלשטיינער פֿון דער יידישער אמונה מיט דער חכמה פֿון גריכישן מצרים. דאָס איז געקומען צום אויסדרוק ביים רמב״ם, ווען ער האָט פֿאַרקנסט דעם יידישן גאָט מיטן גויאישן אַריסטו און איז דורכדעם געוואָרן דעם וועג־ווייזער פֿאַר די פֿאַרבלאָנדזשעטע.

ביי יהודה הלוין אין זיין נעאָ־פּלאַטאָנישער, פּסיכאָלאָגיש־נאַציאָ־נאַלער פילאָזאָפיע, ביז הערמאַן קאָהענס פּרואוו צו פאַראייניקן דאָס יידנטום מיטן דייטשן קאַנטיאַניזם.

אַ כאַראַקטעריסטישע שטעלע אין „מדרש שמואל" זאָגט אין נאָמען פון אַ קדמון: „דאָס שטודירן אַנדערע חכמות, וואָס זיינען ניט־יידיש, דאַרף גרויס געהאַלטן ווערן, ווי די חכמות פון דער תורה, און דאָס איז דער זין פון דעם מאמר אין פרק: „והתקן עצמך ללמוד תורה שאינה ירושה לך".

אין זיין וידוי האָט דער פּרומער יידישער וואַנדערער און ביב־ליאָגראַף חיים יוסף דוד אזולאַי געשריבן: „בזינו חכמת התורה, בזינו חכמת חכמי הדור וספריהם". ער קלאָגט זיך אויף זיין צו קאָנסערוואַטיוון דור, וואָס פאַראַכטעט די לערע פון די „קלוגע פון דור", ניט ווייניקער ווי ער באַדויערט דעם בזיון פון דער תורה.

די יידישע רעליגיע איז געווען און איז טאָלעראַנט בנוגע די פילאָזאָפישע פאָרשונגען און דער וויסנשאַפט, איז אַליין, אין תוך, אַ פילאָזאָפישע, איז מחייב חקירה און וויסנשאַפטלעכע שטודיעס.

אויב יידישקייט באַקעמפט יעדע פילאָזאָפישע וועלט־אַנשויאונג, וואָס דערקלערט די נאַטור, אָדער די נאַטור־געזעצן, אַלס אַבסאָלוט דאָמינירנדיק יסודות אין אונדזער לעבן, איז זי אָבער, פון דער צווייטער זייט, טאָלעראַנט און איז מחייב צו פילאָזאָפישער פאָרשונג, צו וויסנשאַפטלעכער פאָרשונג — אין די ראַמען פון דעם באַ־גרענעצטן מענטשלעכן דענקען, וואָס דאָס איז דער וועג, קאָנטינועל צו דער דערקענטעניש פון אַבסאָלוטן, פון אין־סוף.

די עסייען זיינען אַ פּרואוו אָנצעווייזן אויף די אידעאָלאָגישע פעדים, וואָס דאַרפן צענויפבינדן דעם יידישן באַנעם מיטן וועלט־לעכן געדאַנק, אַ פאַרזוך צו געפינען יענעם סינטעז צווישן יידיש־קייט און פילאָזאָפיע, וואָס כמעט אַלע זיילן פון דער גרויסער יידיש־קייט האָבן זיך באַמיט צו שאַפן. די אַלע עסייען, געסדרט אין ציק־לען און רובריקן, האָבן דאָך אַ טעמאַטישן צוזאַמענהאַנג, ווייל זיי אַלע זיינען אויף דעם טעמע וועלט און היים, וועלט און ייד.

באַזונדער בולט זיינען דריי מינים גייסטיקע פּראָבלעמען, וואָס ווערן אין דער זאַמלונג באַהאַנדלט, לויט דעם סדר: 1) דער ערשטער ציקל עסייען „וועלטן אין יידישקייט" — וועגן יידישן שורש אין וועלטלעכן דענקען, צילט צו באַווייזן די נאָענטע קרובהשאַפט צווישן יידישקייט און דעם געדאַנק פון די גרויסע פילאָזאָפישע סיסטעמאַטיקער, אָנהויבנדיק פון נעאָ־פּלאַטאָניזם ביז דעם „בערגסאָניזם" און „פּראַגמאַטיזם". 2) דער ציקל „צייט און אייביקייט" איז געווענדט כלפּי פּנים, איז וועגן דער פּראָבלעמאַטיק פון דער יידישער געשיכטע אין ליכט פון די מאָדערנע געשיכטס־פילאָזאָפיעס, היסטאָראָזאָפיעס. 3) „אומגייסט און אומקום" — צילט אויפצוגראָבן די גיפטיקע וואָרצלען פון דער דורכאויס פרעמדער פילאָזאָפיע און באַווייזט די בולטע סתירהדיקייט צווישן דעם יידישן וועלט־קוק, זיינע אייגנאַרטיקע יסודות און טראַדיציעס, און דעם געצנדינערישן פּראָפּאַנעם בליק פון אַ פילאָזאָפיע, וואָס איז באַזירט אויף אומגייסט און האָט דערפירט צום אומקום.

צום סוף וויל איך זאָגן, אַז די אַרבעטן פּרעטענדירן בשום אופן ניט אויף השלמה, פולשטענדיקייט. ניט קיין אויסשעפּונג פון די טעמעס, נאָר מאָטיוון, בלויז שטריכן. דאָס איז, ווי געזאָגט, אַ פּאָרזוך, בשום אופן ניט קיין דערגרייכונג, כאָטש טיילמאָל ווערן דאָ באַהאַנדלט פּראָבלעמען און אידעען, וואָס זיינען אין דער בחינה פון קרקע בתולה.

עס קען זיין, אַז די עסייען זיינען בלויז אַן אָפּשפּיגלונג פון אַן אידייאישן וכוח, וואָס דער מחבר אַליין האָט געפירט מיט די וועלטלעכע געדאַנקען, זיי זיינען אָבער בשום אופן ניט קיין אַפּאָלאָגעטיק. די אַרבעט איז דער פּראָדוקט פון אַ ווילן צו געפינען די נצוצות פון יידישער קדושה אין וועלטלעכן חול, און אָנצעווייזן אויף דער יידישער רעליגיעזער דיאַלעקטיק, דעם מקור מים חיים אשר לא יכזבו מימיו.

●

די מערסטע עסייען זיינען דאָ געדרוקט צום ערשטן מאָל. די איבערזעצונגען פון פסוקים, ציטאַטן פון מדרש און תלמוד זיינען דעם מחברס.

אַ יישר־כח קאָלעגע שמחה לעוו, פאַר זיין זאָרג־פעליקער אַרבעט ביים זעצן דאָס בוך.

א. ב.

ערב ראש השנה, התש״ב

וועלטן אין יידישקייט

באַרירונג

ערגעץ מוז זיך ווידער אלץ צוברענען,
וואָס דער ווינט דער אונטערשטער פאַרלעשט.
ערגעץ מוז אַן אָרט זיין און אַ דור זיין,
וואו עס טרעפט זיך לענין
מיט'ן בעשט.

ערגעץ מוז זיך אַלץ מיט אַלעם טרעפן.
ערגעץ מוז א דור זיין און אַ לאַנד,
וואו עס טוען זיך די הענט אַן עפן,
וואו עס גיבן סתירות זיך די האַנט,
און דער ייד וועט זינגען אים אַ ליד.

אויף זיין וועג צו זאַראַטוסטראָן וועט זיך ניצשע
פאַרהאַלטן פאַר אַ טליתדיקן ייד:
לוי־יצחק פון באַרדיטשעוו.
און דער ייד וועט זינגען אים אַ ליד.

אַ בלייכער רב, אַ קדוש פון שנת־ת"ח,
וועט נאָך ערגעץ רעדן אויף איין שפּראַך
מיט'ן היאַדאַמאַק,
וואָס איז אים באַפאַלן מיט זיין האַק.
— — — — — — — — — —
ערגעץ מוז זיך אַלץ מיט אַלעם טרעפן.

אהרן צייטלין

צווישן סיני און דעם אָלימפּ

1. פילאָן דער אַלעקסאַנדריער

אין די טעג פון בית שני האָבן זיך אין אַלכסנדריה של מצרים, די יידישע מעטראָפּאָליע פון צפון אַפריקע, באַגעגנט די צוויי וועלטן: די יידישע און די העלעניסטישע.

די יידישע דענקער, וואָס האָבן אין זייער גאַנצן באַוואוסטזיין אַריינגעזאַפּט די עלעמענטן פון דער גריכישער פילאָזאָפיע, האָבן געוואָלט האַרמאָניש צענויפבינדן די אידעען פון דעם יידישן באַנעם מיט דעם גריכישן וועלט־קוק. טייער איז זיי געווען די אמונה פון זייערע אבות, אָבער זייער געדאַנק איז דאָך געווען צוגעשמידט צו דער גריכישער פילאָזאָפיע. דער יידישער גייסט האָט זיך דעמאָלט געקליידט אין אַבסאָלוטע גריכישע פאָרמען. עס זיינען אויפגעשטאַנען אַ גרויסע צאָל יידישע געלערנטע, וואָס האָבן זיך געלאָזט אויפן וועג פון פשרה צווישן דער יידישער אמונה און דער גריכישער אידעען־וועלט, פון פעסטשטעלן די עיקרים פון דת אויף פילאָזאָפישע יסודות, כדי אַזוי אַרום צו באַשיצן די ירושה פון די אבות מיט דעם פאַנצער פון גריכישן וויסן.

דער באַדייטענדסטער צווישן די אַלעקסאַנדריער דענקער ידידיה, אָדער פילאָן, האָט זיך באַמיט צו שאַפן אַ צוזאַמענלעבן צווישן דער גריכישער אידעע און דער יידישער וועלט־אַנשויאונג, אָדער ווי ער האָט זיך אויסגעדריקט, צווישן משה און פלאַטאָן, און האָט געמאַכט דעם ערשטן פּרואוו צו בויען אַ נייעם בנין און אויסלייגן אויפן יידישן באָדן די יסודות פון פלאַטאָנס פילאָזאָפיע.

פילאָן דער אַלעקסאַנדריער, אָדער ווי דער ערשטער יידישער היסטאָריאָזאָף ר׳ עזריה מן האדומים רופט אים, ידידיה היהודי, איז אַזוי אַרום געווען דער ערשטער צו בויען אַ בריק צווישן יידנטום

אין דעם וואָס אויסערהאַלב יידנטום. מען קען זיכער זאָגן, אַז פון אים ציט זיך די קייט פון ייד און וועלט, פון וועלן געפינען אַ לייזונג צום קאָמפּלעקס פּראָבלעמען און באַציאונגען, וואָס ליגן אין דער ספּערע צווישן אידנטום און וועלט.

פילון היהודי, וועלכער האָט אין זיינע ספרים פאַרבריידערט די טיפע אמונה פון תורת משה מיט פּלאַטאָנס אידעען־וועלט, האָט געשפּונען די גייסטיקע בריק, וואָס האָט זיך געצויגן אין דער וויי־טער צוקונפט אַריין. די מאַטעריאַלן פאַר די יסודות פון דער בריק זיינען גענומען פון יידנטום און פון וועלט.

מאַרטין בובער, זאָגט אַן אמת וואָרט: „קיין גריך האָט ניט געקענט אַזוי גוט פאַרשטיין פּלאַטאָנען ווי דער ייד פילאָ". פּילאָ האָט אָנגעהויבן פון דרויסן, ווען דער אינעווייניק איז שוין פאַר אים קלאָר געווען. דער גאַנצער פילאָזאָפישער גייסט, וואָס די גאונישע העלענער האָבן באַשאַפן, זיינען שוין לויט פילאָנען פרי־ער אַנטפּלעקט געוואָרן אין תורת משה. ניט קיין אַפּאָלאָגעטיק פאַרן יידנטום האָט פילאָן געזוכט אין גריכנטום, ער איז געווען זיכער, אַז „משה אמת ותורתו אמת", אָבער דער פילאָזאָפישער אמת, דער איינציקער אמת פון זיין צייט, איז געווען פאַר אים דער פּלאַטאָ־ניזם. דער „איש קדוש פּלאַטאָן", ווי פילאָן רופט אים אין זיינע יידיש־העלענישע ספרים, האָט אַנטפּלעקט דעם פילאָזאָפישן אמת, און דער אמת — האָט ער געהאַלטן — איז זיכער פאַרבאָרגן אין תורת משה.

מיט חריפישער דיאַלעקטיק באַווייזט פילאָן, אַז די גאַנצע תורה איז בלויז רמז, אַלעגאָריע, משל, וואָס ענטהאַלט אין זיך דעם גרי־כיש־פילאָזאָפישן תוך.

דעם גאַנצן ביבלישן טעקסט, תורת משה, האָט ער אויסגע־טייטשט אויף אַ ריין־אַלעגאָרישן אופן. אין אַלע מעשיות, גע־באָטן פון דער תורה האָט דער באַגייסטערטער פּלאַטאָניקער גע־זען לויטערע אַלעגאָריעס, וואָס אַנטפּלעקן בדרך משל און רמז די זעלביקע אידעען און געדאַנקען, אויף וועלכע דער „הייליקער

מענטש״, סאָקראַטעסעס תלמיד אפּלאַטון, האָט געבויט זיין פילאָזאָפישן סיסטעם.

באַפּאַרבן פּלאַטאָנס „אידעען וועלט״ מיט דער יידישער טעאָלאָגיע און זי פּאַראייניקן מיט תורת משה איז ניט פון די לייכטע אַרבעטן, פילאָן האָט אָבער פון פּלאַטאָנס לערע וועגן דער וועלט געמאַכט אַ לערע וועגן גאָט. דער אויסגאַנגס־פּונקט פון פּלאַטאָניזם איז ביי אים געווען ניט קיין פילאָזאָפישער, נאָר אַ טעאָלאָגישער. ווי די גריכישע פילאָזאָפן, האָט ער געהאַלטן, אַז דערוועגן וויסן וועגן גאָט איז דער ציל פון אַלע שטרעבונגען. זייענדיק אויך באַאיינפלוסט פון די סטאָאיקער, פון וועמען ער האָט איבערגענומען דעם לאָגוס באַגריף (לאָגוס — דאָס וואָרט. ביי די סטאָאיקער מיינט דאָס דער אינטעלעקט פון דער וועלט), האָט ער דאָס יידישע גאָט־בילד אַריינגעראַמט אין פּלאַטאָנישן באַנעם, דעם אַלטן תנכישן גאָט פּאַראידייאיזירט, אים צוגעגעבן אַ פּאַרמיטלער און אַרויסהעלפער.

זאָגט פילאָן: „דער קעגנזאַץ צווישן גאָט און דער וועלט איז צו שאַרף און צו גרויס. ער וואָלט זיך פּאַראומרייניקט, ווען ער רירט זיך צו צו איר, אַפילו ווען נאָר צו פאַרמירן די חיות, פּלאַנצונגען און וואַסערן. ער האָט ניט געקענט באַשאַפן די וועלט דורך אַ דירעקטן אַקט, נאָך ווייניקער האָט ער געקענט קומען אין באַרירונג מיט שלעכטס״. דערפאַר איז נאָכן אָנהויב פון גאָט, געקומען דאָס וואָרט, דער מאמר אָדער דער לאָגוס, און די אידעען (פּלאַטאָנס אידעען) וואָס באַשטייען פון געשטאַלטיקונגען פון זאַכן, און אַלע כחות, דורך וועלכע גאָט שטעלט זיך נאָנט צו אונדז ער זאָל אונז קענען דערגרייכן. דער לאָגוס איז דער פּאַרמיטלער צווישן גאָט און מענטשן. ער איז דער כלי־שרת, דער אינסטרומענט מיט וואָס גאָט האָט באַשאַפן די וועלט, דער געטלעכער מאמר — „בדבר ה׳ שמים נעשו״. אַזוי ווי גאָט איז אומבאַגרייפלעך האָט ער פון זיך אַרויסגעשטראַלט אַ פּראַכט, וואָס מיר רופן אָן שכינה. אַ פאָרמע וואָס שפּרייט אַרום דער נשמה שטראַלן,

וואָס זיינען ניט פון מאַטעריע, און זיי פילן אָן די נשמה מיטן הימלישן ליכט דורך דער פאַרמיטלונג צווישן די פאָרמען און די אורשפּרינגלעכע בילדער. די וועלט איז אַן אָפּשפּיגלונג פון אַן אידעאַלער וועלט. עס איז כאַראַקטעריסטיש, אַז ווען ער באַגעגנט אין דער תורה שטעלן, וואָס שרייבן צו צו גאָט מענטשלעכע אייגנ־שאַפטן, באַמיט ער זיך תיכף אויסצוגעפינען זייער סימבאָלישקייט. די קערפּערלעכע אייגנשאַפטן זיינען נאָר סימבאָלן פאַר קאָסמישע עלעמענטן.

זייענדיק אַ שטאַרקער מאַמין אין תורה מן השמים, גלויבנדיק, אַז נאָר די תורה ענטהאַלט דעם אַבסאָלוטן אמת, האָט ער זי דער־קלערט אין איינקלאַנג מיט פּלאַטאָנס אידעען־לערע — אינגאַנצן אַלעגאָריש, מעטאַפאָריש, און אַרויסגעזאָגט געדאַנקען, וואָס זיינען שפּעטער געוואָרן דער פונדאַמענט פון נעאָ־פּלאַטאָניזם, די לע־רע וואָס רעפּרעזענטירט דעם תמצית פון דער „אידעען־וועלט".

פילאָן האָט געשטרעבט צענויפצושמעלצן די יידישע טראַדיציע מיט דער גריכישער איבערליפערונג, דעם באַרג סיני מיט דעם אָלימפּ, די יידישע תורה מיט דער העלעניסטישער פילאָזאָפיע. דאָך ווען מיר ווילן זיין געטריי דעם אמת, מוז מען זאָגן, אַז ניט דער גאַנצער גריכישער גאָט איז פילאָנס. ווען ער האָט זיך אָנגע־שטויסן אויף דעם פּראָבלעם פון אַריסטאָטעלס הנחה, אַז די וועלט איז אַ קדמון, ניט קיין יש מאין, אַז זי איז אייביק און ניט באַשאַפן אין דער צייט, האָט ער אַרויסגעוויזן, ווי שפּעטער דער רמב"ם, אַ לחלוטינדיקע קעגנערשאַפט צו אַריסטאָטעלס מיינונגען וועגן דער אייביקייט פון דער וועלט, אין הסכם מיט דער ביבל, האָט פילאָן געהאַלטן, אַז די וועלט איז באַשאַפן געוואָרן אין דער צייט און וועט קיינמאָל ניט אונטערגיין.

עס איז מעגלעך — ווי אַ סך דענקער און היסטאָריקער באַ־הויפּטן — אַז פילאָן, דורך זיין לערע, וואָס איז געווען אַ מין דריי־אייניקייט פון אָריענטאַלן מיסטיציזם, יידישן מאָנאָטעאיזם און גריכישער אַלעגאָריע, — האָט דערפירט דירעקט צום קריסטנ־

טום. עס איז אויך גאַנץ מעגלעך, אַז די צופּאַסונג־שטרעבונגען פון ידידיה דעם אַלעקסאַנדריער, האָבן אויסגעפּלאַסטערט דעם שליאַך פון די קריסטן. זאָגט דאָך פילאָן אויף אַן אָרט: „דער לאָגוס איז אַ צווייטער גאָט" (על החלומות). אין דער לאָגוס־קאָנ־צעפּציע זיינען זיכער פאַרוואָרצלט די דאָגמעס פון קריסטנטום. זאָל דאָס אפשר זיין די סיבה, צוליב וועלכער ער האָט ביי זיין לעבן ניט געקענט אַריינדרינגען אין דער ספּערע פון יידישן קולטור־באַוואוסטזיין און איז געבליבן איזאָלירט? ניט קוקנדיק אויף דעם, בלייבט אָבער פילאָן איינער פון די ווייניקע וואָס האָבן געזוכט אַריינצוברענגען פּראָגרעס און אַנטוויקלונג אין יידנטום. דערפאַר וואָס ער האָט געוואָלט ברענגען אין הסכם מיט די פילאָזאָפישע אידעען פון זיין צייט דעם אייביקן אמת פון תורת משה.

דאָס וואָס פילאָנען איז ניט געלונגען צו שאַפן די קלאַסישע האַרמאָניע פון תורת משה מיטן גריכנטום, איז אפשר יאָ געלונגען די שפּעטערדיקע ניי־פּלאַטאָניקער, און די אַריסטאָטעליאַנער, וועלכע זיינען נעענטער געווען צום גייסט פון אָריגינעלן יידנטום. געדערכט איז אָבער איינער פון די חסידי אומות העולם, פּאול דע־סיינט וויקטאָר, ווען ער זאָגט: „די געלייטערטע און סאָלידע פי־לאָזאָפיע פון פילאָנען איז דער אָרון, וואָס אויף אים באַרירן זיך דער יידישער געניוס און דער גריכישער באַנעם מיטן געזיכט און מיט די פליגלען, ביידע זיינען געריכטעט צו איין גאָט ווי די כרובים אין משכן פון חומש".

2. דער וועג פון שכל צום אמת

מער ווי אַכט הונדערט יאָר נאָכן טויט פון „נשר הגדול" פון קאָרדאָווא און מצרים און די גייסטיקע בנינים פון רמב"ם דער־הויבן זיך שטאָלץ און לעבעדיק איבער אונדזער דור.

היסטאָריש וואָלט אפשר דער רמב"ם — דער רמב"ם פון „מורה נבוכים", ניט פון זיין געניאַלסטן חבור די פערצן גאָרנדיקע

משנה תורה — געדארפט זיין טויט. זיין גאנצע פילאזאפיע איז פארעלטערט. זיין אריענטאציע אויפן „ראש פון די פילאזאפן", אויף אריסטאטעלעס, זיין מי צו בויען א בריק צווישן אריסטאטע־לעס און יידנטום, פונקט ווי דעם אלעקסאנדריערס מי צו פלאטא־ניזירן דאס יידנטום, דארפן פאר אונדז ניט האבן קיין לעבעדיקע ממשות, ווייל אונדזער וויסן איז אנדערש, ברייטער, גרעסער און הונדערט מאל טיפער. און דאך איז דער גרויסער יראת הכבוד פון דער הייניטיקער וועלט פארן רמב"ם ניט בלויז קיין עסטעטישע התפעלות פאר „גרויסארטיקייט" פון זיינע גייסטיקע בנינים, און דער שיינקייט פון זיינע מאנומענטאלע יצירות. נאר א לעבעדיקע באציאונג. דעם רמב"מס וועלט־בילד איז אזוי ברייט, אז יעדער איינער קען אין איר געפינען דעם ענטפער אויף אלע טעארעטישע פראבלעמען פון זיין צייט. און דאס אלץ דערפאר, ווייל — „דברה תורה כלשון בני אדם", ווייל דער גרונט־געדאנק פון דעם רמב"ם, זיין צענטראלע אידעע, איז געווען טיפער ווי בלויז א דערקלערונג פון דער תורה, נאך דער שיטה צי נאך דער אנדערער. דער רמב"ם איז געווען דער ערשטער וואס האט באוויזען, אז דעם גרויסן יידישקייט בנין קען מען בויען, פארפאלקאמען מיט די געדאנקען־עלעמענטן פון דער צייט, אלץ איינס פון וואס פאר אן עפאכע און פון וואס פאר א סטיל.

„השכל השופע עלינו הוא הדבוק בינינו ובין השם יתברך" („מורה נבוכים"). אין דעם שעפערישן פארשטאנד איז די פאר־בינדונג צווישן אונדז און גאט, ווייל גאט איז אמת, איז שכל, ווייל די וועלט איז שכל, און דער מענטש איז שכל. „שכל הפועל", דער אקטיווער אינטעלעקט, ד. ה., נישט בלויז דער פארשטאנד, וואס נעמט אויף איינדרוקן פון דער אויסנוועלט, נאר דער אק־טיווער, דער שאפנדיקער, וואס צעשטערט און שאפט, שאפט און צעשטערט אויף דאס ניי. דער שכל, דאס איז די חכמה, די חכמה, דאס איז דער סינטעז פון אלץ.

מעגן מיר היינט שטיין ווייטער אין דער פילאָזאָפיע און אין דער וויסנשאַפט, ספּעציעל אין דער עקאָנאָמישער וויסנשאַפט, וועלכע איז אינגאַנצן נאָך נישט געווען אַנטוויקלט אין רמב״מס צייט. זיינען אָבער די טענדענצן פון דעם גרויסן חכם און אמת־זוכער אייביק. דער רמב״ם האָט געוואוסט, אַז ער שאַפט אַ בנין פאַר דורות, ווייל דער יידישער גייסט איז אַזוי ברייט, אַז ער קען אין זיך אַריינעמען אַלע צייט־שטראָמען. דער תמצית פון יידישן גייסט פאַראייניקט לעבן און דענקען אין איין נייער און העכערער האַר־מאָניע.

„צריך האדם שיהיה מכת מי שיצייר האמת וישיגהו״, דער מענטש, ד. ה. דער מענטש, וואָס פאַרקערפּערט אין זיך דעם „שכל הפּועל״, דעם אַקטיוון אינטעלעקט, באַדאַרף זיין פון דעם סאָרט מענטשן, וואָס באַגרייפט, אַז די חכמה, די געטלעכקייט איז אמת און וואָס מער וויסן און שכל, וואָס מער שעפערישן דענקען דער יידישער גייסט וועט אין זיך אַריינזאַפּן אַלץ נעענטער וועט ער זיין צו דער מדרגה פון העכסטער פאַלקאָמענהייט.

מעג און זאָל דאָס אַלטע יידנטום פאַראַריסטאָטעליזירט און אויסגעטייטשט ווערן אויף טויזנטער פילאָזאָפישע אופנים, ווייל דער קערן פון יידנטום אַליין נויטיקט זיך אין לבושים, קליידער וואָס פּאַסען פאַר אַ געוויסער צייט פון דער אַנטוויקלונג און פון אַ באַשטימטן גייסטיקן וואוקס.

„אינו אוהב הקב״ה אלא בדעת שידעהו . . . ועל פי הדעה תהיה האהבה: אם מעט־מעט, ואם הרבה־הרבה (סוף הלכות תשובה) — לויטן וויסן איז די מדרגה פון נאָנטקייט צום אמת, צו גאָט. דערווייל איז בלויז אַלץ אַן אַנטוויקלונג און אַ טרעפּן־גאַנג פון איין מדרגה צו דער צווייטער, ביז צו דער העכסטער, צו דער לעצטער חכמה, צו דער דעה, וואָס דאָרט איז דער צענטער פון אַלץ, דאָס איז דער אמת.

און דעריבער, אויף וועלכע וועגן פון וועלטלעכן דענקען דער תהומיק־טיפער יידישער גייסט זאָל זיך ניט קרייצן, אַלץ נעענטער

וועט ער קומען צו זיין ציל, צו דער ידיעה, צו דער דערקענונג פון דעם גאַנצן קאָסמאָס און צו דעם סך הכל פון גאַנצן קאָסמאָס — צו גאָט.

אַזוי האָט געלערנט דער „מורה נבוכים" פון אַלע דורות, פון יעדער צייט.

דאָס איז לויט אים דער זין און דער צוועק פון יידנטום.

די יידיש-פילאָזאָפישע סיסטעם
פון רבי יהודה הלוי

קודם כל, וואָס איז הלויס פילאָזאָפישער באַנעם? וואָס איז דער גרונט־מאָטיוו פון זיין פילאָזאָפיש ווערק דער „כוזרי״? ווען מ׳רעדט וועגן הלויס וועלט־באַנעם דאַרף מען זיך ניט באַשרענקען מיטן „כוזרי״, מען מוז דעם אינהאַלט פון דעם דאָזיקן הויפּט־ווערק זיינעם פאַרבינדן מיט די אידעען, וואָס ער האָט באַזונגען אין זיין נאַציאָנאַלער פּאָעזיע. דעמאָלט וועט זיך אַרויסווייזן, אַז זיינע אידעען פליסן פון איין און דעם זעלביקן קוואַל פון אומענדליכער בענקשאַפט נאָך אינערלעכער יידישער אויסלייזונג.

דער „כוזרי״ אַלס דער פעסטער גרונד־שטיין פון זיין אידעאָלאָגיע, האָט נאָר פילאָזאָפיש, און דורך אידעען גענומענע פון דער ניט יידישער וועלט, באַפעסטיקט זיין גלויבן אין דעם יידישן פיל ערדיקן און פיל הימלדיקן דאַ־זיין, און געהאָלפן קריסטאַליזירן זיין יידישן באַוואוסטזיין.

דער „כוזרי״ איז געשריבן אין פאָרם פון אַ דיאַלאָג צווישן דעם מלך פון די כוזרים און אַ יידישן געלערנטן. דער מלך פון די כוזרים, האָט געהערט אין חלום, אַ געהיימע שטימע רופט צו אים: „דיין כוונה איז באַוויליקט, אָבער ניט דיינע מעשים״. ער האָט איינגעלאַדן אַ פילאָזאָף, אַ קריסטלעכן טעאָלאָג און אַ מוסול־מאַנישן דענקער. קיינער פון זיי האָט אָבער דעם מלך ניט צו־פרידנגעשטעלט מיט זיינע ענטפערס. דאַן האָט ער גערופן אַ יידישן „חבר״ (אַ געלערנטן), וועלכער האָט פאַר אים גערעדט קלאָרע איבערצייגנדיקע רייד. אין דעם „חבר׳ס״ תשובות אַנטוויקלט ר׳ יהודה הלוי זיין אייגענעם וועלט־קוק און אידישן באַנעם. אָבער כדי זיך באַקענען מיט די גרונד־געדאַנקען פון הלויס פילאָזאָפיע,

מוזן מיר זיך באַקענען מיט דער הערשנדיקער פילאָזאָפישער ריכ־טונג אין יענער עפּאָכע.

די תקופה, אין וועלכער יהודה הלוי האָט געלעבט און גע־שאַפן, איז געווען די עפּאָכע פון נעאָ־פּלאַטאָניזם.

דער נעאָ־פּלאַטאָניזם, לויט דער דעפיניציע פון די דענקער אָסבאָרן און בערגסאָן, איז באַשטאַנען פון אַ רעאַקציע קעגן דעם אינטעלעקטואַליזם, ווי אַן אָפּווענדונג פון דעם באַגריף, אַז דאָס העכסטע גוטע געפינט זיך אין דעם פאַרשטענדלעכן און אין האַנדלען אין האַרמאָניע מיט דעם; נאָר אַז „דאָס העכסטע גוטס", וואָס איז די געטליכקייט, קען מען דערגרייכן דורך עמאָציעס, דורך אַ מיס־טישן עקסטאַז, ווען מען ברענגט זיך אַריין אין אַ באַשטימטן גע־מיט־צושטאַנד.

אין זיין פאַרזוך צו שטעלן זיך קעגן עקסטרעמען אינטעלעקטו־אַליזם, איז דער נעאָ־פּלאַטאָניזם געווען די פילאָזאָפיש־מיסטישע שטרעמונג, וואָס האָט פאַרגעברייט דעם באָדן פאַר דעם אויפקום פון קריסטנטום און האָט נאָך באַהערשט די מוחות פון פילאָזאָפן און דענקער הונדערטער יאָרן נאָך דער פאַרשפּרייטונג פון קריס־טנטום ביזן ווייטן מיטלאַלטער. און עס איז מערקווירדיק, אַז אין זיין קאַמף מיטן אינטעלעקטואַליזם האָט זיך דער נעאָ־פּלאַטאָניזם באַנוצט מיט געווער פון אינטעלעקטואַליזם גופא.

די צייט, אין וועלכער דער נעאָ־פּלאַטאָניזם האָט געווירקט, איז געווען שטאַרק באַהערשט פון דעם גריכישן אינטעלעקטואַליזם, בעיקר פון דער אַריסטאָטעלישער דעדוקטיווער לאָגיק, וואָס האָט אַוועקגעשטעלט די הנחה, אַז דער מענטש קען אַלץ דערגיין פון אייגענעם שכל אַרויס צו דער וועלט, און ניט פון דער וועלט צום שכל. אין אַזאַ צייט איז נויטיק געווען, אַז די פילאָזאָפיע זאָל מיט דעם געצייג פון שכל גראָבן אַ קבר פאַר אים אַליין. דאָס איז גע־ווען דער ציל פון נעאָ־פּלאַטאָניזם. דער טיפסטער און באַדייטנ־דיקסטער פון די, וואָס האָבן אויסגענוצט די פילאָזאָפיע קעגן דער פילאָזאָפיע איז געווען דער אַראַבישער דענקער אַלגאַזאַלי, באַוואוסט

מיט זיין ווערק „דער אונטערגאַנג פון דער פילאָזאָפיע״. אַלגאַזאַלי האָט געהאַט אַן אומגעהויערע השפּעה אויף יהודה הלוי.

ווי אַנדערע נעאָ־פּלאַטאָניקער, טרעט הלוי שאַרף אַרויס קעגן אַריסטאָטעלס אַליין־הערשאַפט פון שכל. דער עיקר אינטערעס פון זיין פילאָזאָפיע איז ניט, ווי דעם רמב״םס, וועלכער האָט געהאַלטן, אַז עס איז מעגלעך רעליגיעז צו גלויבן אין דעם באַשעפער, און אין דער זעלביקער צייט איינהיטן די פולע פרייהייט פון דער פילאָזאָפיע און די אַנדערע נאַטור־וויסנשאַפטלעכע מעטאָדן, דורך פאַרבינדן די גרונט־דאָגמעס פון אידישן גלויבן מיט דער פילאָ־זאָפיע. הלויס פילאָזאָפיע האָט פאַר זיך געהאַט איין באַשטימטן ציל: צעוואַרפן די גרונט־אידעען פון דער דורכאויס הערשנדיקער פילאָזאָפישער ריכטונג.

„מה בין אלהי אברהם ואלהי אריסטו!״ — ווי קען מען פאַרגלייכן דעם גאָט פון אברהם מיטן גאָט פון אַריסטאָטעל! — רופט אויס יהודה הלוי אין אָנהויב פון זיין דיאַלאָג. — דעם יידישן גאָט קען מען ניט משיג זיין מיטן אַקטיוון אינטעלעקט (שכל הפּועל), מיטן אויסשליסלעכן ראַציאָנעלן דענקען, נאָר אויף אַן אינטואיטיוון אופן. ניט דאָס קלערן אַליין איז וויכטיק, נאָר דאָס פילן. און נאָכדעם ווי דער כוזרי טרעט אַרויס מיט אַ שאַרפער קריטיק אויף אַריסטאָטעלס לערע וועגן די פיר עלעמענטן, די היפּאָטעזע וועגן דעם, אַז די גאַנצע מאַטעריעלע וועלט באַשטייט אין עצם פון פייער, לופט, וואַסער און ערד, וואָס איז, לויט אים, ניט מער ווי אַ השערה, וואָס קען נישט באַשטעטיקט ווערן דורך קיין שום עמפּירישע אָב־סערווירונגען און גייט פולשטענדיק להיפוך צו די פאָדערונגען פון פילאָזאָפישן שכל, באַמיט זיך הלוי צו באַווייזן, אַז די יידישע טראַ־דיציע איז גאָרנישט אין ווידערשפּרוך מיט דער נאַטור־וויסנשאַפט; פאַרקערט, די יידישע לערער זיינען געווען באַהאַוונט אין אַלע צווייגן פון וויסנשאַפט און די חכמי־התלמוד האָבן פאַרמאָגט אַן אוצר מיט נאַטור־וויסנשאַפטלעכע ידיעות, וואָס שטייגן אַריבער דאָס וויסן פון אַריסטאָטעלן.

אויב עס זיינען דאָ אין דער תורה הנחות, וואָס לייקענען דעם שכל, מיינט עס נאָך ניט, אַז די עצם הנחות זיינען ריכטיק. דער שכל איז בכלל ניט דער הויפּט־קוואַל פון מענטשנס דערקענטעניש. אַן אַנדער מקור פאַר דער דערקענטעניש איז די נבואה, וואָס האָט אָוועקגענומען די בכורה פון ספּעקולאַטיוון דענקען און זי באַהאַפטן מיט די חושים, מיט די הייס־ברוזנדיקע געפילן פון דער מענטשלעכער נשמה. און אונזער נשמה איז נישט נאָר שכלדיק, נאָר אויך פילנדיק. נשמה דאָס איז אַן עמאָציע, וואָס ווירקט דורך דער אידעען־קראַפט פון שכל. די נבואה, אַלס גייסטיקע דערשיינונג, איז געווען פעאיק צו אינטעלעקטועלער אַנטוויקלונג, אָבער זי איז אויפגעקומען אויפן באָדן פון געפיל. אין דער ספערע פון קאָמפּליצירטער מעטאַפיזישער פּראָבלעמאַטיק הערשט ניט נאָר דער שכל, נאָר אויך דאָס געפיל. דערפאַר האָלט יהודה הלוי, אַז די הנחות פון יידישן גלויבן, וואָס זיינען סותר דעם שכל, האָבן זייער, אַזוי צו זאָגן, דערקענטעניש־באַרעכטיקונג אין דער נביאישער אינטואיציע.

3

אַז עס זיינען דאָ באַשטימטע גרעניצן פאַרן שכל און אַז עס זיינען דאָ אַנדערע קוואַלן פאַר דער מענטשלעכער דערקענטעניש, האָט שוין באַוויזן די פּראָגרעסיווע פילאָזאָפיע פון דער עמפּיראָ־קריטישער שולע ביז אַנרי בערגסאָן און דער „פּראַגמאַטיזם" פון די אַמעריקאַנער פילאָזאָפן דזשעימס און דיואי. דאָס באַשטעטיקט אפילו די דיאַלעקטישע מעטאָדע פון דענקען, אויף וועלכער מאַרקס און ענגעלס האָבן געבויט זייער סאָציאַל־פילאָזאָפישע סיסטעם.

די דיאַלעקטישע מעטאָדע אַליין באַשטעטיקט די באַגרעניצונג פון דער ווירקונגס־ספערע פון מענטשלעכן שכל. וואָס איז דען די צענטראַלע הנחה פון דער דיאַלעקטיק? „איינע און די זעלביקע זאַך איין און דערזעלביקער צייט — איז זי עקזיסטירט, אי זי

עקזיסטירט ניט״, און ניט קוקנדיק, וואָס אַזאַ הנחה שטערט די עצם יסודות פון לאָגישן געדאַנק, פונדעסטוועגן האָבן אַזעלכע עמפּיריקער ווי מאַרקס, ענגעלס און פּלעכאַנאָוו און אפילו לענין פעסטגעשטעלט די באַדינגלעכקייט פון דיאַלעקטישן געזעץ און געפאָדערט, אַז דער געזונטער שכל זאָל זיך בויגן פאַר די העכערע פאָרמען פון דעם דיאַלעקטישן גאַנג און איר אמת. כאַראַקטעריסטיש איז יהודה הלויס דערקלערן אויף אַ פילאָזאָפישן אופן, פאַרוואָס דער אַריס־טאָטעליזם און די אַנדערע גריכיש־פילאָזאָפישע סיסטעמען האָבן זיך טועה געווען.

די גריכישע פילאָזאָפן האָבן מבטל געווען יענע זאַכן, וואָס מען קען זיי ניט משיג זיין מיטן שכל. ווייל דאָס באַטראַכטן מיטן שכל וואַרפט אָפּ אַלץ, וואָס דער שכל געפינט נישט דערצו קיין אַנאַלאָגיע אין דער ווירקלעכקייט. אָבער די נביאים האָבן באַ־שטעטיקט די דאָזיקע זאַכן ריין עמפּיריש, ווייל זיי האָבן ניט גע־קענט אָפּלייקענען דאָס, וואָס זיי האָבן געזען מיט זייערע גייסטיקע אויגן. „אויב די גריכישע פילאָזאָפן וואָלטן געזען די נביאים מיט זייערע נבואות און מופתים, זאָגט ער אין „כוזרי״, „וואָלטן זיי גע־גלויבט אין זיי און וואָלטן אויף דעם אָדער אויף אַן אַנדער וועג פון שכלדיקן באַטראַכטן געגומען זוכן צו פאַרענטפערן די פראַגע, ווי אַזוי אַ מענטש קען דערגרייכן צו אַזאַ מדרגה. דערפאַר דאַרפן מיר ניט באַשולדיקן די גריכישע פילאָזאָפן, ווען מיר זעען, אַז אין אַ סך פראַגן גייען זיי זיך פאַנאַדער מיט דער אידישער טראַדיציע. צו זייערע טעאָלאָגישע מיינונגען האָבן זיי דאָך געקענט דערגיין נאָר מיט איין וועג: דער וועג פון פילאָזאָפישער באַטראַכטונג.

באַזונדערס אינטערעסאַנט איז הלויס פאַרטיידיקונג פון זיין הויפּט־קעגנער, אַריסטאָטעל. ער זאָגט: „אַריסטו האָט שווער באַ־מיט זיין שכל און זיין געדאַנק, ווייל ער האָט ניט פאַרמאָגט בקבלה, האָט ניט געירשנט קיין ענטפער פון קיינעם, ווען ער וואָלט גע־קענט גלויבן. ער האָט געטראַכט און געקלערט וועגן דעם אָנהויב און דעם סוף פון דער וועלט און דעם דענקען זיינעם איז פונקט

אַזוי שווער געווען זיך פאָרצושטעלן דעם אָנהויב פון דער וועלט, פונקט ווי ס׳איז אים ניט ווייניקער שווער געווען זיך פאָרצושטעלן דעם סוף פון דער וועלט . . . אָבער אויב דער דאָזיקער פילאָזאָף וואָלט געלעבט צווישן דעם פאָלק, וואָס האָט באַקומען בירושה די דורך דער נבואה אנערקענטע טראַדיציעס, וואָס איז אוממעגלעך זיי אָפּצולייקענען, ווייל זיי האָבן אַ באַשטימטן עמפּירישן יסוד, וואָלט ער לייכט געקענט באַשטעטיקן זיין טעאָריע״.

אַזאַ פאַרטיידיקונג פון אַריסטאָטעלן און זיין פילאָזאָפיע האָט צוגעגעבן נאָך מער קראַפט דער פּאָלעמישער קריטיק וועגן אירע גרונט־הנחות. אַ פאַלשע מיינונג ווערט דאָפּלט באַזיגט, ווען מען אַנטפּלעקט די רעאַלע אומשטענדן, וואָס אַ דאַנק זיי האָט זי אום־פאַרמיידלעך געמוזט קומען אויף דער וועלט.

רבי יהודה הלוי, וואָס האָט שטרענג באַגרעניצט די קאָמפּע־טענץ פון שכל, איז נאָך ניט אַוועק לגמרי פון דער פילאָזאָפיע ; פאַרקערט, מיט דעם עמפּירישן גרונט, וואָס ער גיט צו דער נביאי־שער אינטואיציע, דורך דעם וואָס ער זעט איר אמת אין דער עמפּיריש באַגלויבטער ריכטיקייט פון אירע רעזולטאַטן, ברענגט ער זיין וועלט־באַנעם גאָר נאָענט צו דעם געדאַנקען־בוי פון דער מאָדערנער פילאָזאָפיע.

אויף דעם סמך קען מען טאַקע באַצייכענען די גרונט־טענדענץ פון הלויס פילאָזאָפיע אַלס אַ פּרוּוו צו געבן אַ נאַטור־וויסנשאַפט־לעכע עמפּירישע באַגרידונג פון דער אידישער טראַדיציע, און מען מוז מודה זיין, אַז פון שטאַנדפּונקט פון דער נאַטור־וויסנשאַפט פון יענער צייט, איז דער דאָזיקער פּרוּוו אַ געלונגענער.

יהודה הלויס קריטיק אויפן אַריסטאָטעליזם און אינטעלעקטו־אַליזם האָט ניט אָנגעוואָרן זיין פילאָזאָפישן ווערט עד היום.

4

נאָך זיין שאַרפן אַנאַליז פון דער גריכישער פילאָזאָפיע, דער־

גרונטעוועט ער זיך צו זיין יידיש־נאַציאָנאַלן באַנעם און צייכנט אָן זיין יידנטום־קאָנצעפּציע.

יידנטום, האַלט הלוי, קען מען ניט באַנעמען מיט אַ קלאָרער ליניע פון אָפּגעשלאָסענעם געדאַנק. ווייל יידנטום איז ניט קיין אינטעלעקטועלער פּראָצעס, נאָר אַ פּסיכאָלאָגיש־מאָראַלער. דאָס יידישע פאָלק איז אַן אייגנאַרטיקער אָרגאַניזם, אייגנאַרטיק ביאָלאָגיש און גייסטיק, און די יידישע אידעען זיינען ניט קיין פאַרשטיינערטע, נאָר לעבעדיק־פולסירנדיקע. די יידישע רעליגיע איז ניט קיין קאָדעקס פון דינים, בלויז אַן אַמאַלגאַמע פון טרוקענע ריטואַלע פליכטן, נאָר אַ לעבעדיקע דערפאַרונג. יידן זיינען אויך ניט קיין רעליגיעזער קיבוץ, נאָר אַ פּסיכאָלאָגיש־אייגנאַרטיקער קאָלעקטיוו, וואָס איז דורכגעגאַנגען אַ לאַנגע מאָראַלע אַנטוויקלונג. די יידישע אמונה — דאָס איז די אַנטפּלעקונג פון מאָראַלן באַוואוסטזיין פון פאָלק.

יעדעס פאָלק מאַכט דורך אַ היסטאָריש־עטנישע אַנטוויקלונג. די אַנטוויקלונג איז אַ קאָלעקטיווע. אין דער עטישער דערציאונג פון מענטשלעכן קאָלעקטיוו, אין דער אַנטוויקלונג פון זיין מאָראַלן באַוואוסטזיין שפּילן די באַדייטנדיקסטע ראָלן היסטאָריש־פּסיכאָלאָגישע און אויך געאָגראַפיש־עטנישע פאַקטאָרן. די פּרינציפּן פון מאָראַל,וואָס מער זיי לעבן אין באַוואוסטזיין פון אַ פאָלק אין משך פון לאַנגע דורות און ווערן איינגעוואָרצלט אין פאָלקס־לעבן און געהיט דורך דער טראַדיציע, אַלץ מער וואַקסט זייער קולטור־היסטאָרישער באַטייט.

די טראַדיציע איז ביי יהודה הלוין דער „קאַטעגאָרישער אימפּעראַטיוו״, אַ באַפעל פון הארצן, פון אינעווייניקסטן באַוואוסטזיין, וואָס גיט דעם מענטשן די פעסטע זיכערקייט, אַז אַזוי מוז עס זיין. די טראַדיציע, דאָס איז די איבערצייגנדיקע קראַפט, וואָס איז פריי פון ספקות. ביי יידן ווירקן פּסיכאָלאָגיש־היסטאָרישע פאַקטאָרן, עטנישע עלעמענטן, וואָס זיינען איבערגעגאַנגען פון דור צו

דור און געווירקט אומאויפהערלעך אויף אַ גאַנץ לאַנגער קייט פון דורות.

אַ דאַנק זייער עטישן באַוואוסטזיין זיינען יידן געוואָרן אַן אויס־דערוויילט פאָלק. ביי יידן איז דער צענטער ניט דער אינדיווידואום, דער אָפּגעזונדערטער יחיד, דער איינצלנער עטישער מענטש, נאָר דער גאַנצער קיבוץ. יידן זיינען אַן אויסדערוויילט פאָלק ניט אַ דאַנק משהן אָדער אַן אַנדער גרויסן נביא, נאָר פאַרקערט, משה האָט געשעפּט זיין יניקה פון דער הויכער מאָראַלער שטופע, אויף וועלכער עס האָבן זיך געפונען די ברייטע שיכטן פון פאָלק, וועלכע האָבן שוין דאַן געהאַט אַ רייכע מאָראַלע ירושה, וואָס זיי האָבן איבערגענומען פון זייערע עלטערן, די גרינדער פון מאָנאָ־טעאיזם. דורך דער ירושה איז דער אידישער קאָלעקטיוו גע־וואָרן אַן אויסשליסלעכע גאַנצקייט און כח.

יידן ליידן מער פון אַלעמען, ווייל דאָס פאָלק ישראל צווישן די אומות איז ווי דאָס האַרץ צווישן אַלע איבעריקע אַברים. עס פילט מער ווי אַלע אַנדערע אברים, דערפאַר ליידט עס מער. און יידן ליידן מער, ווייל זיי זיינען אין זייער היסטאָרישער אַנטוויק־לונג דערגאַנגען צו שלמות. דאָס איז דער כאַראַקטעריסטישער שטריך פון זייער נאַציאָנאַלער פיזיאָנאָמיע און זייער אייגנאַרטיקע וואָרצלדיקע קראַפט, וואָס קיינע געשיכטלעכע ווינטן קענען ניט אויסרייסן.

אָבער אין דעם גלאָררייכן קאַפּיטל, וואָס הייסט פאָלק ישראל דערקענט מען אויך די טריט פון אָרט. אויף דער געשטאַלטונג פון יידישן באוואוסטזיין האָבן געווירקט קלימאַטישע באַדינגונגען. ארץ ישראל איז געווען די טעריטאָריע, וואָס האָט פאַרמאָגט אָט דעם קלימאַט, וואָס האָט אויסגעוואָרימט די גרויסע עטישע אידעען פון די נביאים. כדי דער אידישער גענוס זאָל זיך אויסשמידן צו נאַ־ציאָנאַלער גאַנצקייט, האָט זיך געפאָדערט אַ באַשטימטער ווינקל. דאָס קליינע לאַנד אין נאָענטן מזרח, מיט איר מיסטיש־לויטערער לופט, האָט געווירקט אויף דער אַנטוויקלונג פון יידישן גייסט. ארץ

ישראל איז דערפאַר ניט נאָר דאָס וויגעלע פון נביאישער שאַפונג, נאָר אויך דער באָדן, אויף וועלכן עס קען ווידער קומען דער יידי־שער רענעסאַנס. זעלבסטפאַרשטענדלעך, אַז אָט דער מאָטיוו אין יהודה הלויס באַנעם מאַכט אים פאַר דעם עלטסטן און וויכטיקסטן אידעאָלאָג פון ציוניזם.

דאָס איז אין אַלגעמיינע שטריכן די יידישע פילאָזאָפיע פון יהודה הלוי, מיט וועלכער, ווי ער דריקט זיך אַליין אויס, ער איז אויסן געווען צו ברייגנען אַ טרייסט דעם פאָלק אין פיינפולן מיטל־אַלטער.

דיאַלעקטיק אַלס מעטאָדע און אַלס אַבסאָלוט

שווער צו שרייבן איצט וועגן ענין „דיאַלעקטיק". שווער פאַר יעדן איינעם, וואָס טראַכט זיך אַריין ערלאַך אין די געשעענישן, וואָס ווערן סטימולירט פון דער אידעע: דיאַלעקטיק. דיאַלעקטיק איז געוואָרן אַ וואָרט, וואָס איז אַריין אין דער „יאַטקע גאַס" און ווערט געניצט פון דעם ביליקסטן פּאָליטיקאַניזם. מען מוז שוין היינט ניט שטודירן העגעלן, זיינע „אַנטיטעזן", „ווידעראַנאַנדן" און „סינטעזן", כדי צו מעלה־גרהען דאָס וואָרט דיאַלעקטיק צען טויזנט מאָל אַ טאָג.

ביז מיט ניט לאַנג צוריק, איז אין דער דענקענדיקער וועלט אָנגעגאַנגען אַ פּלוגתא, איז מאַרקס געווען אַ העגעליאַנער, ווי דער גרעסטער טייל מאַרקסיסטן האַלטן, אָדער צי האָט ער זיך נאָר באַנוצט מיט העגעלס פילאָזאָפיע — מיט דער דיאַלעקטישער מעטאָדע, ווי אַן אינסטרומענט פאַר זיינע צילן. ער האָט זיך באַנוצט מיט איר, פּונקט ווי מיר נוצן אין דער מלחמה די לעצטע דערגרייכונגען פון דער וויסנשאַפט און טעכניק. טייל האָבן געהאַלטן, אַז דער העגעליאַניזם איז פאַר מאַרקסן געווען אַ לאָגישע הנחה און אַ באַזיס פאַר זיין לערע. אַנדערע האָבן געדרונגען, אַז עס איז ניט געווען זיין ציל־פילאָזאָפיע, דאָס פאַרשטיין און דערקלערן די וועלט פון דערשיינונגען, נאָר ער האָט געשטרעבט צו אַן אַקטיוון ווירקן און צו איבעראַנדערשן דעם תוכן פון דער וועלט. „פילאָזאָפן האָבן בלויז דערקלערט די וועלט", לויטעט מאַרקס' באַרימטער פּסוק אין „עלנט פון דער פילאָסאָפיע", — עס האַנדלט זיך אָבער וועגן דעם, ווי אַזוי צו איבעראַנדערשן די וועלט". אַ סך האָבן געבראַכט צענדליקער אַנדערע מאַרקסיסטישע פּסוקים צו באַווייזן, אַז מאַרקס האָט מיט זיין דיאַלעקטישן מאַטעריאַליזם געשאַפן אַ פילאָזאָפיע פון דער געשיכטע, און אַנדערע האָבן געטענהט, אַז מאַרקס האָט בלויז „געשטעלט העגעלן אויפן קאָפּ", אַז נישט דאָס דענקען איז געווען זיין ציל, נאָר דאָס ווירקן.

ווי עס זאָל ניט זיין, צי מאַרקס איז געווען אַ הונדערט פּראָ־צענטיקער העגעליאַנער־דיאַלעקטיקער, צי סתם אַ „דיאַלעקטיקער", זיין „דיאַלעקטיק" איז געוואָרן אַן ענין פאַר מענטשן מיט צינגער אָן ביינער, פאַר מענטשן, וואָס זיינען פאַראַנטוואָרטלעך פאַר דער איראַנישער באַציאונג צו די אַבסאָלוטע ווערטן פון מאָראַל. פאַר די פאַרשוינען, וועלכע באַרעכטיקן פאַרברעכנס און אַלערליי בייזווילי־קייטן און מיאוסקייטן איז די דיאַלעקטיק די ק"ן טעמים לאָגיק צו כשר'ן די מיאוסטע שרצים, די ערגסטע פאַרברעכנס.

פרעגט מען: איז די דיאַלעקטיק אַליין פאַראַנטוואָרטלעך פאַר די מעשים תעתועים פון די „דיאַלעקטיקער"? דער ענטפער איז: יאָ און ניין. ווי אַ מעטאָדע — ניין. ווי אַן אַבסאָלוט — יאָ.

2

די דיאַלעקטיק אַליין איז ניט קיין אָריגינעלע אַנטדעקונג פון העגעלן, אָדער פון מאַרקסן. איר אָנשפּאַר איז נאָך אין דער גריכי־שער סאָפיסטיק. איר אָריגינאַליטעט באַשטייט בלויז אין דעם, וואָס ביי די סאָפיסטן און אַזוי אויך אין איר ווייטערדיקער פאַר־פאָלקאָמונג ביז העגעלן, האָט זי געהאַט צו טאָן מיט אַבסטראַקטע באַגריפן. ביי מאַרקסן דאַקעגן מיט קאָנקרעטע באַגריפן.

די גריכישן סאָפיסטן האָבן דורך זייער טעאָריע געגעבן אַ סיס־טעם פון באַגרינדן אַ געוויסע טעזע און אין דער זעלבער צייט זי צו נעגירן, בכדי צו באַווייזן די ניט זיכערקייט פון דער מענטשלעכער דערקענטעניש. דער ציל זייערער איז געווען סקעפּטיציזם, צוויפ־לען אין אַלץ.

אַחוץ דעם וואָס זיי האָבן געצילט צו שטענדיקן סקעפּטיציזם, האָבן זיי אויך באַוויזן צו אַנטוויקלען די דיאַלעקטיק פון וואָרט, וואָס זאָל קענען באַווייזן, אַז יעדע זאַך וואָס איז — איז נישט. אַזוי אַרום האָט זיך ביי זיי שטאַרק אַנטוויקלט די רעטאָריק. אָט די סאָפיסטי־שע באַגרינדונג פון יאָ איז ניין און ניין איז יאָ, איז שוין אַ געוויסער יסוד פון דיאַלעקטיק.

סאָקראַטעס האָט טאַקע שטאַרק באַקעמפט די סאָפיסטן, אַלס בלויזע וואָרט־זשאָנגלערן, וואָס פאָרן און באַווייזן פאַר געלט די קונסט פון שיין רעדן, פון אויסאַרבעטן פאַרטיקע פאָרמולעס אויף צו נעגירן יעדע טעזע. עס איז געקומען די רעאַקציע פון פלאַטאָן און אַריסטאָטעלס, וואָס האָט געגעבן פעסטערע יסודות פאַר דעם פילאָזאָפישן דענקען און האָט דערפירט צו דער פאַנאַנדערפאַלונג פון סאָפיזם.

דער גרויסער קאַרטיזעאוס, דעקאַרט, אַפּוואַרפנדיק אַלע פריי־ערדיקע פילאָזאָפישע יסודות, — איבערהויפּט די אַריסטאָטעלישע און סכאָלאַסטישע, וואָס זיינען געווען ביז אים די דאָמינירנדיקע אין דער פילאָזאָפיע, האָט אויך זיך אָנגעהויבן באַנוצן מיט צווייפלען. דאָס צווייפלען איז אָבער ביי אים ניט געווען קיין ציל, ווי ביי די גריכישע סאָפיסטן, נאָר ער האָט זי געמאַכט פאַר אַ מעטאָדע, דורך וועלכער ער האָט געזוכט צו געפינען דעם אַבסאָלוטן אמת, געפינענ־דיק דעם אמת, וואַרפט ער אָפּ דעם סקעפּטיציזם. דאָ, קען מען זאָגן, האָט די גריכישע סאָפיסטיק באַקומען אַ געוויסן תיקון. זי איז פאַרפאַלקאָמט געוואָרן דורך דעם, וואָס ער האָט געמאַכט פון איר אַ מעטאָדע, ניט קיין ציל.

דעקאַרט פרעגט: וואָס איז דאָס זיכערסטע פון דעם אַלעם, וואָס מיר ווייסן? וואָס איז דער אַקסיאָם פון אונדזער גייסטיק לעבן: איך בין? פונוואַנען ווייס איך? פונוואַנען ווייס איך, וואָס דאָס איז „איך“? און וואָס איז דאָס „בין“? ספיקות איבער ספיקות, פלפול אויף פלפול. עס איז אַ דזשאָנגל, פון וועלכן מען קען זיך גאָר ניט אַרויספּלאָנטערן. אָבער איינס איז זיכער, און דאָס איז אַקסי־אָמאַטיש: „קאָגיטאָ ערגאָ סום“, איך דענק, „קאָגיטאָ“, אפילו ווען איך דענק איבער דעם דענקען, אפילו ווען איך צווייפל איבער דעם „איך“, דענקען מוז איך דאָך. ווער דענקט? איך, הייסט עס, אַז איך בין, ווייל אין יעדן פּראָצעס פון דענקען איז שוין איינגעשלאָסן: איך בין עס, וואָס דענקט. און ווען מיר האָבן שוין דעם פונדאַמענט,

דעם אויסגאַנגס־פּונקט, קענען מיר „רעכענען״ ווייטער, קענען מיר געאָמעטריש קאָנסטרואירן אַ וועלט.

אין זיינע ווייטערע ווערק, ספּעציעל אין זיין בוך „דיסקורס וועגן דער מעטאָדע״, האָט ער אָנגענומען די פאָרם פון דיאַלעקטיק, אָבער בלויז ווי אַ מעטאָד. דיאַלעקטיק איז ביי אים בלויז אַ מיטל צו דערגריין צום ציל, און ווען ער דערגייט צום ערשטן געזעץ, „אַז איך דענק, ממילא עקזיסטיר איך״, וואַרפט ער אַוועק דעם סקעפּטיציזם, דאָס צווייפלען. פּונקט אַזוי, קען מען זאָגן, בנוגע דער דיאַלעקטיק פון מאַרקסיזם. זי קען זיין אַ מעטאָד, אָבער נישט קיין אַבסאָלוטער כח אין דער נאַטור, נישט קיין „בורא עולם״.

3

דיאַלעקטיק קען זיין אַ מעטאָדע פאַר וויסנשאַפטלעכער פאָר־שונג, אויף אַרויסברייינגען געוויסע רעלאַטיווע פעסטשטעלונגען, וואָס קענען דינען אַלס הילפס־מיטלען אויפן וועג צום אַבסאָלוטן, אָבער קיין אַבסאָלוט טאָר מען פון איר ניט מאַכן און מען קען ניט.

אויך דער יידישער רעליגיעזער בליק קען נישט לייקענען דעם דיאַלעקטישן מעטאָד צו דערקלערן דעם געשיכטלעכן גאַנג. דער חומש אַליין דערציילט וועגן אָדמען דעם „באַשאַפענעם פון גאָטס געשטאַלט״, וואָס האָט געזאָלט זיינע קינדער מאַכן ירשענען די וועלט, איז אָבער גלייך געקומען דער „נחש הקדמוני״ און „מטיל זוהמה״ געווען, געשאַפן דעם פּירוד צווישן מענטש און מענטש, און פאַרזייט האַס און ברודער קריג. אָבער אין דעם האַס און קריג גופא ליגט די טעזע פון תיקון, ליגט „דאָס ליכט פון די זיבן טעג״, דער „אור שבעת הימים״, וואָס וועט ווידער אַנטפּלעקט ווערן אין סוף פון די טעג.

ר׳ חסדאי קרשקש, אין זיין פילאָזאָפישן טראַקטאַט „אור ה׳ ״, האַלט בפירוש, אַז דאָס שלעכטע איז אויך אַ מדרגה, וואָס פירט צום גוטן, און איז ניט די אַבסאָלוטע פאַרלייקענונג, דעם לחלוטינדיקער

קעגנזאַץ פון גוטן. אין דעם פּרט, שטעלט זיך קרשקש אויפן דיאַ־לעקטישן שטאַנדפּונקט פון קבלה און חסידות, וואָס לערנען, אַז קיין „רע מוחלט", קיין אַבסאָלוטע שלעכטס, איז אויף דער וועלט ניטאָ, „נאָר שלעכטס איז אַ שטול צום גוטן".

די דיאַלעקטיק פון מאַרקסיזם איז פאַרדאָגמאַטיזירט געוואָרן, דערקלערט געוואָרן אַלס אַן אַבסאָלוט. דער אַלמעכטיקער כח, אונ־טער וועלכן דער מענטש איז אונטערגעוואָרפן, און וואָס בינדט און פּאַראַליזירט דעם פרייען ווילן ביים מענטשן, דעם שעפערישן אויפ־שוואונג פון דער אינעווייניקסטער וועזנהייט, און וועמען דער גאַנ־צער איך איז אונטערגעוואָרפן.

ערקלערנדיק זיך אַלס אַבסאָלוט טוט די דיאַלעקטיק אונטער־אָרדנען דעם מענטשנס ווילן — איר „ווילן", די מענטשלעכע „מאָ־ראַל", די מענטשלעכע לאָגיק — איר „לאָגיק", ווייל די דיאַלעקטיק האָט זיך איר אייגענעם ווילן, אייגענע מאָראַל, אייגענע לאָגיק. אָט די פאַרדאָגמאַטיזירונג מוז ברייינגען דער דיאַלעקטיק איר אייגענע צעשטערונג. פונקט אַזוי ווי די אורשפּרונג פון דער דיאַלעקטיק, דער סאָפיזם, האָט זיך אַליין דערפירט צו זיין פאַנאַנדערפאַל, אַזוי מוז די דיאַלעקטיק, אין איר היינטיקער מאַטעריאַליסטישער פאָרם, אויך דעגראַדירט ווערן. עס מוז ווערן קלאָר: דיאַלעקטיק קען נאָר זיין אַ מעטאָדע פון פאָרשן; אירע אויספירן זיינען נאָר רעלאַטיווע, אָבער ניט קיין אַבסאָלוטע. אויך יידישקייט האָט באַנוצט די מע־טאָדע פון כשרן אַ שרץ בק"ן טעמים, אָבער בלויז טעאָרעטיש, אַ שרץ בלייבט אַ שרץ, און עסן טאָר מען אים ניט.

שאָפּענהויער האָט געזאָגט וועגן דעקאַרטן, אַז ער איז געווען דער, וואָס האָט די דאַמאָלסדיקע דענקער געוויזן אַ וועג, אַז אין דענקען מוז מען זיך נישט דוקא באַנוצן מיט אַריסטאָטעלס שכל, נאָר מען מעג אויך דענקען מיט דעם אייגענעם שכל.

די זעלבע ראָל דאַרף נעמען אויף זיך דער טייל פון דער מענ־טשהייט, וואָס וויל אונטערהאַלטן און שטאַרקן דעם אידעאַליזם. מען דאַרף וויזן, אַז דענקען מוז מען ניט מיטן דיאַלעקטישן שכל, וואָס

איז בויגזאַם און עלאַסטיש, וואָס איז פּעאיק צו אויסטייטשן די גרעסטע נבלות, נאָר מען מעג אויך דענקען מיטן אייגענעם שכל. אָט פּונקט ווי דעקאַרט, אָפּוואַרפנדיק די מיינונגען פון די פריער־דיקע פילאָזאָפן, האָט ער אָנגעהויבן פון אינעוויייניקסטן „איך", און איז פון זיין סוביעקטיוון באַוואוסטזיין געקומען צום אַבסאָלוט, צו גאָט. צו דער דערקלערונג (אין זיין „פּרינציפּיאָפּילי"), אַז דאָס זיכערקייט אין דעם אמת פון יעדן וויסן הענגט אָפּ פון דער דער־קענטעניש פון אמתן גאָט, אַז אַלץ וואָס מיר האַלטן פאַר קלאָר אינ־גאַנצן, איז נאָר דערפאַר אמת, ווייל גאָט עקזיסטירט און איז שלימות־דיק" — פּונקט אַזוי דאַרף דער אידעאַליסטישער טייל פון דער מענטשהייט, געשטויסן דורך די מאָראַליש־געטלעכע אימפּעראַטיוון, קעמפן קעגן דער דיאַלעקטיק אַלס אַבסאָלוט.

אַז די אַבסאָלוטע קאָנצעפּציע פון דיאַלעקטיק איז פאַלש, האָט שוין געלערנט דער גרויסער דעקאַרט. מיט דעם איז ער נאָענט דעם יידישן וועלט־קוק, וואָס האָט זיין אחיזה אין אין־סוף.

רבניזם און פאַנטעאיזם

מען האָט די לעצטע יאָרן אַ סך גערעדט אין דער יידיש־דענקענדיקער וועלט וועגן אויפסניי אויפנעמען שפּינאָזאן אין כלל ישראל, וועגן אַראָפּנעמען פון אים דעם אַלטן חרם. אין ארץ ישראל, האָט דר. יוסף קלויזנער נאָך מיט צען יאָר צוריק צו שפּינאָזאס צוויי הונדערט און פופציקסטן געבורטסטאָג, אַרויסגעגעבן אַ פּערזענלעכן מאַניפעסט, אין וועלכן ער האָט ערקלערט, אַז דער אַמסטערדאַמער חרם איז בטל ומבוטל. דאָס איז סימפּטאָמאַטיש פאַרן שפּינאָזא־קולט אין יידישן לאַגער. גאָר לעצטנס האָט דער פראַנצויזיש־יידישער סאָציאַליסט שאַרל ראַפּאָפּאָרט פייערלעך ערקלערט: דער פּאַנטעאיזם (שפּינאָזאָאיזם) איז פון די גרעסטע וועלט אויפטוען, וואָס די יידישע רעליגיע האָט געשאַפן. ניט מער און ניט ווייניקער.

איבער הונדערט יאָר צייט, איז דער געבענטשטער (ברוך) געווען אַ קללה אין דער אידישער וועלט, אַ טריפה־פּסול אין דער ניט יידישער וועלט. נאָך אין דער צווייטער העלפט פון אַכצנטן יאָרהונדערט האָט דער גרויסער קאַנט זיך אפילו ניט געוואָלט צורירן צו שפּינאָזאס ווערק, און דער גרויסער סינטעטישער פילאָזאָף לייבניץ, וועמענס אייגענער „מאָנאַדן" סיסטעם איז גאָרניט אַזוי ווייט פון שפּינאָזאס סובסטאַנצן־באַגריף, האָט ערקלערט, אַז ער שעמט זיך מיט זיין צייט־חבר. פון מענדעלסאָגען, דעם פּאָטער פון דער יידישער השכלה איז אָפּגערעדט. ער האָט שאַרף פּראָטעסטירט קעגן די וואָס האָבן דערקלערט זיין פריינד לעסינג פאַר שפּינאָזאס אָן אָנהענגער. אויף שפּינאָזאס פונדאַמענטאַלער פאַרמולע, דעם יסוד פון זיין פילאָזאָפישער סיסטעם — „גאָט אָדער די סובסטאַנץ איז די נאַטור", האָט די קריסטליכע וועלט געענטפערט אַז דער „פּאַנטעאיזם איז אַטעאיזם".

אַ לאַנגע צייט איז אָנגעגאַנגען דער וויכוח, צי דער פּאַנטעאיזם — די שיטה לויט וועלכער גאָט און די נאַטור איז איינס און אַלץ וואָס עקזיסטירט איז געטליך — צי אַזאַ שיטה קען גאָר בכלל באַצייכנט ווערן אַלס רעליגיעז. אייגנטלעך איז דער וויכוח עד היום ניט פאַרענדיקט. אויפן שפּינאָזאַ יובל־קאָנגרעס, וואָס איז פאַר־געקומען אין האאג, האָט מען פון׳סניי זיך געפּלפּולט דערוועגן.

אויך אין דער משכיליש־רבנישער וועלט איז אָנגעגאַנגען דער וויכוח. ווען דער באַרימטער דענקער שד״ל, איז מיט אַ הונדערט יאָר צוריק, אַרויס קעגן שפּינאָזאַן און זיין תורה, האָבן אייניקע גאַליציאַנער משכילים מיטן גאַנצען משכיליש־נאַאיוון ברען זיך אָנגענומען די קריוודע פון דעם אַמסטערדאַמער פילאָזאָף. אַן אינטערעסאַנטן דיאַלאָג וועגן שפּינאָזאאיזם, געפינען מיר אין סמאָ־לענסקיס „השחר״ (שנה שניה, ע׳ 37, ביילאַגע: אבן הראשה), צווישן דעם זשאָלקיעווער רב ר׳ צבי הירש חיות און דעם זשאָל־קיעווער פילאָזאָף ר׳ נחמן קראָכמאַל, (צי האָט דער דיאַלאָג אַ באַשטימטן היסטאָרישן יסוד? דער קראָכמאַל פאָרשער ראַווידאָוויץ זאָגט, יאָ). נחמן קראָכמאַל נעמט שפּינאָזאַן אין שוץ קעגן אַטע־איזם־באַשולדיקונג, ערקלערט, אַז זיין פילאָזאָפיע איז דורכאויס אין הסכם מיט דער יידישער אמונה.

ניט איינער האָט שוין אָנגעוויזן מיט ציטאַטן, ליטעראַרישער בקיאות און פילאָזאָפישער חריפות, אַז שפּינאָזאַ איז אַ פאָרזעצער פון אבן גבירול, דעם נעאָ־פּלאַטאָניקער, פון דעם רמב״ם, פון חסדאי קרשקש, אברהם אבן עזרא, אַז ער איז אַ באַאיינפלוסטער פון זוהר, אַ היפּנאָטיזירטער פון דער קבלה. אָבער צי איז שפּינאָזאַס שיטה אַלס גאַנצע, אַזוי פרעמד געווען דעם רבניזם, דעם אָפיציעלן היטער פון דער יידישער טראַדיציע? איז טאַקע שפּינאָזאַס לערע הימל־ווייט פון דעם טראַדיציאָנעל־יידישן באַנעם? וואָס פאַר אַן אָפּקלאַנג האָט די לערע פונם גרויסן אַמסטערדאַמער גלאָז־שלייפער בכלל געפונען ביי זיין לעבן, באַלד נאָך זיין טויט, אין דער גע־שלאָסענער וועלט פון רבניזם? אומזיסט ווילן מיר זוכן אַן

ענטפער אויף דער פראַגע אין דער אָפיציעלער יידישער געשיכטע, אָדער אַפילו אין די געגויעסטע ביאָגראַפיעס שפינאָזאָס. זיי אַלע, סיי די היסטאָריקער, סיי די ביאָגראַפן, האָבן ניט געקענט מוחל זיין די עולה, וואָס די רעליגיעזע טראַדיציע, די רבנישע „אומטאָלע־ראַנץ״, איז קעגן אים באַגאַנגען אין יאָר 1656 און פאַרלייקענען, אַז זיין שיטה זאָל האָבן געפונען, אין דער רבנישער געדאַנקען־וועלט, דעם מינדסטן אָפקלאַנג. דער שפינאָזאָאיזם האָט דוקא יאָ געהאַט אַן אָפקלאַנג אין דער רבנישער „דלד אמות׳דיקער וועלט״, און גראָד אין די שאלות ותשובות פון דעם גרעסטן רבנישן קנאי פון זיין צייט. אָבער איידער מיר פירן צו דעם רבנישן מקור, לאָ־מיר דערמאָנען די וויכטיקסטע פונקטן פון שפינאָזאָס סיסטעם.

2

עס איז פאַראַן נאָר איין און איינציקער אייביקער אין־סוף, די געטלעך נאַטירלעכע סובסטאַנץ. די סובסטאַנץ איז פון איין זייט אויסגעשפרייטקייט, פון דער אַנדערער זייט איז זי דענקען, באַ־וואוסטזיין. די גאַנצקייט פון אַלע אידעען, וואָס זיינען צווישן זיך פאַרבונדן אין דער זעלביקער אָרדנונג, אין וועלכער עס זיינען פאַרבונדן די אויסגעשפרייטע קערפּער. קען עפּעס דאָס אָפּבילד אין שפיגל ווירקן אויף דער זאַך, וואָס עס שפיגלט אָפּ? אַזוי קען אויך דאָס דענקען ניט אַרײַנווירקן אויף דער מאַטעריעלער וועלט. די נאַטור־געזעצן, לויט וועלכע עס טוט זיך אַלץ און לויט וועלכע אַלץ גייט אַריבער פון איין פאָרם אין דער אַנדערער, זיינען אור־מעטום און שטענדיק די זעלביקע (עטיקע 3, אַריינפיר). אין אַנ־דערע ווערטער מיינט עס, אַז די אַל־וועלט איז אַ באַזעלטע גאַנצ־קייט, אָבער אָן אַ סוף; דאָס קלענסטע און דאָס גרעסטע אין דער נאַטור איז אַ טייל פון אוניווערס, פון קאָסמאָס, וואָס ציט זיך אין אין־סוף. פאָרם, סיבה, צוועק און מאַטעריע זיינען טיילן פון אין־סוף.

שפינאָזאַ פירט דורך אין זיין סיסטעם דעם שטרייננגסטן מאָניזם. די מאַטעריע און דער גייסט זיינען ניט קיין צוויי זעלבסטשטענדיקע סובסטאַנצן, וואָס זיינען גאַנץ פאַרשידן אין זייער מהות. די מאַטעריע (די אויסשפּרייטונג) און דער גייסט (געדאַנק) זיינען לויט שפּינאָזאָס וועלט־בילד צוויי אַטריבוטן פון דער סיבה ראשונה.

קיין מעגלעכקייט פאַר דעם מענטשנס פרייהייט איז אין שפּינאָזאָס פילאָזאָפיע ניטאָ. „דאָס גליק און די העכסטע פרייהייט איז צו זיין גאָטס קנעכט" (2טע אנמערקונג). גאָטס קנעכט זיין, און אים דינען אין אינטעלעקטועלער ליבע, דאָס מיינט לויט שפּינאָזאָן, פאַרשטיין, אַז דער מענטש איז אַ טיילעכל פון דער געטלעכער נאַטור, אַ רעדל פון דעם אַלוועלטלעכן מעכאַניזם. און דער מענטש איז אויף אַזוי וויט אַ איך, אויף ווי וויט עס שפּיגלט זיך אָפּ אין זיין באוואוסטזיין דער אוניוועורס. פאַרשטייט עס דער בן אדם, שאצט ער אָפּ דעם אָרט, וואָס ער פאַרנעמט אין דער וועלט, דעמאָלט איז ער אַ פרייער מענטש. פריי אין דעם זין, וואָס ער איז איינס מיט דעם אייביקן געזעץ, מיטן נאַטור געזעץ, מיטן „גאָט געזעץ".

ווי די קבלה — האַלט שפינאָזאַ, אַז גאָט איז די אַבסאָלוט איינציקע אור־סובסטאַנץ, פון וועלכער עס שטאַמט, אַן אויסנאַם, אַלץ וואָס עקזיסטירט. אַלץ וואָס איז, איז גאָט, און אויסער גאָט קען גאָרנישט עקזיסטירן, אַפילו ניט געדאַכט ווערן (עטיק, ערשטער טייל, לערזאַץ 15). אַזוי ווי דער זוהר מיט די מקובלים, האַלט דער פאָטער פון פאַנטעאיזם, אַז די וועלט טראָגט אין זיך אַן אומגעהויער מעכטיקן עטישן יסוד. דער מענטש, אַלס אַ טייל פון דער אומענדליכקייט, איז פולקאָם. דערפאַר די שיטה פון רו, פון געלאַסנקייט, פון גובר זיין די ליידנשאַפטן, די לערע פון עטישער וועלט־אָרדנונג, ווייל אַלצדינג אין דער וועלט איז איינס, בלויז בויגונגען פון דער איין און איינציקער אידעע, דער סובסטאַנץ. און ווען מען דערהויבט זיך ביז צו אַזאַ מדרגה פון פאַרשטיין, דעמאָלט נעמט מען אָן די וועלט באהבה, מיט ליבע, און עס גייט אויף די

שכל׳דיקע ליבע צו גאָט, וואָס איז דער געהויבנסטער וועלט־געפיל.

אָבער שפּינאָזאס גאָט שפּיגלט זיך אין זיך גופא, אין אים איז די שאַפנדיקע און די געשאַפענע נאַטור איינס, אַ באַשעפעניש וואָס דערקענט גאָט, איז גאָטס שפּיגל, און די „אינטעלעקטועלע ליבע צו גאָט״, צום וועלט־באַשאַפער, איז די אינ־סופיקע ליבע, מיט וועל־כער ער ליבט זיך אַליין.

די וועלט אין איר פיל־געשטאַלטיקייט, אין איר פיל־מהות־דיקייט, איז גאָט. גאָט און וועלט זיינען דאָס אייגענע. גאָט און נאַטור, און נאַטור איז גאָט. אַלץ וואָס איז — איז גאָט, און אויסער גאָט — קען גאָרניט עקזיסטירן אָדער ניט געדאַכט ווערן (עטיק, ערשטער טייל, דאָרטן).

דער גרונט־אויפטו פון שפּינאָזאס סיסטעם, איז ניט וואָס ער האָט גאָט אויסגעשפּרייט אין דער נאַטור; אים כביכול, אַזוי צו זאָגן, צעשטויבט אין דער וועלט פון אייביקע, אייזערנע, בלינדע געזעצן, נאָר וואָס ער האָט די נאַטור אַליין געמאַכט פאַר אַן אַבסאָלוט. די נאַטור איז ביי אים דער שם המפורש פאַר גאָט.

3

אין דער זעלבער שטאָט, אַמסטערדאַם, און אפשר אין דער זעלבער שול, וואו מען האָט דעם יונגן ברוך געמאַכט פאַר אַן אָרור, האָט אַ רב, דרייסיק פערציק יאָר נאָך שפּינאָזאס טויט אָנגעשריבן אַ תשובה, פון וועלכער עס ווערט קלאָר, אַז דאָס וועלט־בילד פון דעם אַסקעטישן שלייפער איז אים גאָרניט אַזוי פרעמד. און געטאָן האָט עס אַ רב, וואָס איז אַריין אין דער געשיכטע, ווי איינער פון די מערקווירדיקסטע קנאים און גאונים פון זיין דור, — ר׳ צבי הירש אשכנזי, דער „חכם צבי״, דער רב פון דער אַמסטערדאַמער קהלה, דער באַקעמפער פון שבתי צבי און זיינע תלמידים.

טראַכט מען זיך אַריין טיפער אין דער תשובה, געשריבן אין שטרענגן רבנישן הלכה־סטיל, אַן חקירה־פּאַטאָס, דערזעט מען, ווי

צווישן שפּינאָזאָס שיטה און דער אידעע פונם רב איז אפשר גאָר קיין תהום ניטאָ.

דורך אַ וואָרטלעכער איבערזעצונג איז ניט אַזוי גרינג צו באַ־נעמען דעם פּאַנטעאיסטישען אונטערשלאק פון חכם צביס האַרבער תשובה. אָבער דורך אַ געוויסער ענדערונג פון דער טערמינאָלאָ־גיע וויקלט זיך אַרויס דער געדאַנק־מאָטיוו פון דער האַרבער העב־רעאיש־אַראַמעאישער שקלא־וטריא. דער געדאַנק־מאָטיוו דערזן אין זיין פילאָזאָפיש־באַגרייפלעכער פאָרם.

דער אַמסטערדאַמער פרומער רב, וואָס האָט זיין גאַנץ לעבן גע־לערנט תורה און קבלה, און וואָס האָט זיך, זיכער, אַפילו ניט צו־גערירט צו דער „עטיק" אָדער צום „טראַקטאַט", האָט אין אַ שיי־נעם טאָג באַקומען אַ שאלה פון די „פּרנסים און מנהיגים" פון דער קהלה קדישה לונדראש בענגלי־טירא" (לאָנדאָן), וועלכע האָבן ביי אים אָנגעפרעגט, וואָס זיי זאָלן טאָן מיט זייער רב, „החכם ר' דוד ניטו, וועלכער האָט אין זיינער אַ דרשה געזאָגט: השי"ת והטבע והטבע והשי"ת הכל אחד". די פּרנסים פרעגן אים, דעם „חכם צבי", דעם אַווטאָריטעט, צי שמעקט ניט די דרשה פון אַ פרומען רב, מיט אָפענער אַפּיקורסות. און דער רב פון דער קהלה, וואו מען האָט מיט יאָרן צוריק מחרים געווען שפּינאָזאָן, ענטפערט אויף דעם: „ולא אבין תלונת העוררין על האומר שהוא יתברך יקרא טבע, אם הוא מצד היותו אומר שאין שם טבע כולל כל המציאות זולתו יתברך א"כ לא על החכם הדורש תלונת העוררין האנשים ההם, כי אם על כל חכמי האמת, קדושי עליון אשר מפיהם אנו חיים כי שגור בפי כל חכמי האמת, כי חפץ ורצון הבריאה היתה כי מטבע הטוב להיטיב". — דער געדאַנק, אין קורצן פאָרמולירט: איך פאַרשטיי ניט, וואָס מען האָט צום לאָנדאָנער רב, וואָס האָט אין זיין דרשה גערעדט וועגן ה' און טבע, עס איז אַן אַלטער אמת, וואָס די „חכמי האמת" האָבן פעסטגעשטעלט — דאָס וואָרט „טבע" נעמט אַרום די גאַנצע מציאות פון דער וועלט און די נאַטור איז נאָר אַן אַנדער וואָרט פאַר דער השגחה. עס ווערט קלאָר פון דער תשובה, אַז

די שיטה „טוב ורע״, גוטס און שלעכטס און „שכר ועונש״, שטראָף און לוין, (וועלכע מיר ערקלערן אַלס די גרונט־כחות אין דעם מענש און וועלט), איז גאָרניט באַרעכטיקט, און האָט גאָר קיין פּלאַץ ניט אין אוניווערס, ווייל זי איז דעטערמינאַציע.

פילט זיך דער מענטש ווי אַ טייל פון דעם צעשאָטענעם גאָט־שטויב אין דער נאַטור און פון דער אייביקייט, דאַן לעבט ער אין איינקלאַנג מיט דער נאַטור און געפינט אין דעם זיין גליק (גליק־זעליקייט איז ניט קיין שכר פאַר טוגנט, נאָר טוגנט אַליין, (עטיק 3). און אויב ער קען ניט האַרמאָניזירן זיין וועזן מיט דער נאַ־טור, באַווייזט ער מיט דעם, אַז ער פאַרנעמט ניט קיין אָרט אין דער וועלט און דאָס אַליין איז זיין עונש.

„עונש טבעי״ — נאַטירלעכע שטראָף, דאָס איז די פאָרמולע פון „חכם צבי״, וועלכע ער ציטירט פון ר׳ יהודה מוסקאטו און זיין „נפוצות יהודה״, דעם של״ה און אַנדערע. „עונש טבעי״, אַן אייגנ־אַרטיקער רבנישער אויסדרוק, האָט זיין פּאַראַלעל אין שפּינאָזיס־טישן „נאַטור געזעץ״.

ווי געזאָגט, איך וועל דאָ ניט איבערזעצן, וואָרט ביי וואָרט, די פיל־פאַרביקע העברעאישע און אַראַמישע טערמינאָלאָגיע פון דער „שאלה ותשובה״, אָבער זיכער איז, אַז דער אַמסטערדאַמער רב האָט, ניט ווויסנדיק אַפילו אַז ער טוט עס, געשאַפן אַן אייגענעם גאָט־נאַטור סיסטעם. ער האָט איבערגעגעבן די גרונט־געדאַנקען פון האאגער פּרוש, זיי דערפירט צו אַ לאָגישן רעזולטאַט, זיי באַ־שטעטיקט טעאָלאָגיש, און דאָס כמעט אַלץ צופעליק.

אַ באַווייז, אַז דער יידישער גייסט, ראַנגלט זיך אייביק מיט די אידעען פון דער צייט, פון דער וועלט, זוכט אַ וועג צו זיי און געפינט אים שטענדיק.

דער מאָראַליסט פון פּאַדואַ

1

שמואל דוד לוצאַטאָ, דער איטאַליענער ייד און משכיל, איז ניט נאָר געווען אַ גרויסע אידישע פּערזענלעכקייט אין ניינצנטן יאָרהונדערט, נאָר אויך אַ זעלבסטשטענדיקער גייסט און אייגנאַרטיקער דענקער. אַ שטאַרק־באַאיינפלוסטער ניט פון די אידעען פון זיין דור, פון דעם „צייט־גייסט" פון 19טן יאָרהונדערט, נאָר פון דעם 17טן און 18טן יאָרהונדערט, בעיקר פון די אידעען פון דעם פראַנצויזישן נאַטור־פילאָזאָף זשאַן זשאַק רוסאָ — האָט ער זיך פאַרהאַלטן קריטיש צו דער בליענדיקער אייראָפּיאישער ציוויליזאַציע, און אויך צו דער דאַמאָלסדיקער, ניי־אויפגעקומענער, יידישער השכלה.

שד"ל איז געווען אַן אומרואיקע עטישע נאַטור און אַ מוטיקער גייסט. ער האָט אין סאַמע מיטן פון ציוויליזאַטאָרישן יאָרהונדערט פאָראויסגעזאָגט זיין חרפּהדיקן צעזאַמענברוך און האָט אויך רעוואָלטירט קעגן דער זעלבסט־צופרידנקייט פון דער השכלה, פון די בילדונגס־זאַטע משכילים פון דייטשלאַנד און מזרח גאַליציע, וואָס האָבן אָראָפּגעקוקט מיט ביטול אויף דער מאַסע. שד"ל האָט אין דער פאַראָרעמטער מאַסע, אין די ניט־פאַרדאָרבענע ברייטע שיכטן פון פאָלק, געזען טיפע נשמהדיקע כחות. ער האָט דערקענט זייער געמיט, זייער פאַרוואָרצלטקייט, וואָס דריקט זיך אויס אין זייער לעבנס־אויפפיר. דאָרט, וואו די אידעען־טרעגער פון דער השכלה, „די טאָכטער פון הימל", האָבן געזען אונטערגאַנג, האָט ער געזען נאַטירלעכקייט און צוקונפט־זיכערקייט.

שד"ל איז ניט געווען קיין אַבסטראַקטער פילאָזאָף און קולטור־עסטעט, ווי זיין בן־דור נחמן קראָכמאַל, וואָס האָט זיך אויפגעהויבן אין דער סטראַטאָספערע פון מעטאַפיזישע פּראָבלעמען. ער האָט ניט געחקירהט, ניט געבלאָנדזשעט אין די פילאָזאָפישע לאַבירינטן ווי

דער זשאָלקיעווער „וועג־ווייזער". אין זיין גאַנצן מהות איז ער געווען אַ מאָדערנער ייד, אָבער ניט קיין מאָדערנער דענקער. אפילו זיין סטיל איז זייער אַנדערש פון דעם פון די משכילים פון זיין צייט. ניטאָ באַ אים די אָנגעשוואָלענע מליצה פון אַ יצחק ערטער, אָדער לעטעריס, און ניט דער פילאָזאָפישער ליריזם און דאָס בויגעוו־דיקייט פון געדאַנק פון אַ קראָכמאַלן און אויך ניט די קאַלטע סכע־מאַטישע פאַרגליווערטקייט פון אַ יצחק בער לעווינזאָהן. שד"לס סטיל איז ליידנשאַפטלעך, פול מיט אַפּאָסטאָלישן פּאַטאָס. דער טאָן — אַ פּאַטעטישער, אַ ראָמאַנטישער און אַ גלויבעדיקער.

וואָס קומט אַרויס פון די אַלע חקירהעס, אַז דער מענטש בלייבט סיי ווי שטיין באַ די טויערן פון דער אייביקייט אַ בלאָנדזשענדיקער, אַ פאַרוואונדערטער? „יוסיף דעת יוסיף מכאוב" — וואָס מער וויסן, אַלץ מער ווייטיק. אָט־די איובישע פאָרמולע האָט שד"ל לחלוטין אָפּגעוואָרפן. און מיט דעם איז ער געווען דער אייגנאַרטיק־סטער פון זיין וואונדערלעכער עפּאָכע.

שדל איז געווען אַ זון פון אַן אָרעמען טאָקער פון פּאַדואַ. אַ ייד אַ יודע ספר, ווענעמס ליבלינג־בוך איז געווען דער תנ"ך. שוין אין די יונגע יאָרן האָט דער קליינער לוצאַטאָ געחלומט וועגן ווערן אַ ליטעראַט. נאָך זייענדיג גאָר יונג, האָט ער פאַרפאַסט זיין „וויכוח הקבלה", צו באַווייזן, אַז דער זוהר איז ניט געשריבן געוואָרן פון ר' שמעון בן יוחאי. שפּעטער האָט ער אָנגעהויבן שרייבן לידער, צאַרטע לירישע לידער, געשפּילט אויף די ראָמאַנטישסטע סטרו־נעס פון זיין רחמנותדיק האַרץ. און דאַן האָט זיך אַנטפּלעקט דער אייגנאַרטיקער לוצאַטאָ. ווי אַ חוקר, אַ שטרייגער ווינסשאַפטסמאַן, געצנוי, פּינקטלעך, קנאותדיק קעגן יעדער וויסנשאַפטלעכער פאַר־קרימונג און אַ שונא פון מיסטיק, פאַרנעפּלטקייט און ראָמאַנטיק, אָבער ווי אַ דיכטער און אַ יידישקייט באַגרינדער — צאַרט, ליידנ־שאַפטלעך, ראָמאַנטיש. מער ווי אַ ראָמאַנטיקער, אפשר דער איינ־ציקער באַגרינדער פון דעם קלאַסישן יידישן ראָמאַנטיזם.

דער קאָמוניסט מאַקס עריק, אין זיין מאַרקסיסטישער השכלה־

געשיכטע, פטרט אַפּ שד״לן מיט אַ קורצן פסק: „אַ קליינבירגער־לעכער רעאַקציאָנערער ראָמאַנטיקער״. אָבער דער „רעאַקציאָנער״ און ראָמאַנטיקער, וואָס האָט זיך שטאָל און אייזן געהאַלטן ביי דער רעליגיעזער טראַדיציע פון „תורה מן השמים״, האָט גאָר אַרויסגע־זאָגט געוואַגטע ביבל־קריטישע געדאַנקען, איז געווען, ווי ער באַ־צייכנט זיך אַליין, אַן „איש ריב ומדון״, אַ קריגער מיט זיין שטאָלצן דור און איז אַליין געווען שטאָלץ, וואָס דער „גייסט פון נייעם דור איז קעגן אים״.

אין תוך איז טאַקע שד״ל געווען אַ גאַנצע פערזענלעכקייט, אַ פערזענלעכקייט פון איין גוס. די פאָן פון גערעכטיקייט האָט גע־פלאַטערט אַרום זיין קאָפּ און דער אמת איז אים טייערער געווען פון אַלץ. אַן אָרעמאַן, באַ וועמען דער הונגער איז געווען אַ גאָר־אָפטער גאַסט (זייענדיק דער גייסטיקער לערער פון פאַדואַ, האָט ער אפילו פון דעם אויף זיין טאָג־טעגליך ברויט ניט פאַרדינט און האָט געמוזט אַ געוויסע צייט אַרבעטן אין אַ מאַקאַראָנע פאַבריק), האָט ער דאָך געפונען צייט אויף אָפּצוגעבן זיך מיט צעשטערן די דאָגמען און געטער פון זיין צייט. מיטן גרעסטן צאָרן און פאַרביטערונג איז ער אַרויס קעגן דער אַסימילאַטאָרישער לאָזונג פון דער השכלה: „נהיה ככל הגויים״. ער האָט באַקלאָגט און באַקעמפט דעם אינער־לעכן ביטול פון די משכילים און די עמאַנסיפּאַציע־טרעגער, און איז אויך אַרויסגעטראָטן קעגן דער דייטשער „חכמת ישראל״, און האָט פאָראויסגעזאָגט, אַז זי וועט קיין קיום ניט האָבן. אויפן אָרט פון דער דרויסנדיקער עמאַנציפּאַציע האָט ער געפאָדערט זעלבסט־באַפרייאונג פון דער קנעכטישער הכנעהדיקייט פאַר פרעמדע קול־טור־השפּעות. „ניט פאַר יידן און ניט פאַר קריסטן עקזיסטירט אַזאַ פראַגע פון ,מיסיאָן׳ ״ — האָט דער פאַדואער דענקער געטענהט צו די משכילים פון זיין צייט. די קריסטלעכע וועלט, וועלכע איז אַדורכגענומען מיט דעם אייראָפּייאישן ציוויליזאַטאָרישן גייסט, דאַרף ניט די יידישע מיסיע און די משכילים, וועלכע פרעטענדירן צו זיין די באַגרינדער פון דער יידישער אידעאָלאָגיע, פאַרשטייען ניט

דעם טיפערן זין פון יידישקייט. און דאָ קומען מיר צו שד״לס איי־גנאַרטיקן יידישן וועלט־באַנעם.

2

קיין יידיש־פילאָזאָפישן סיסטעם האָט ער ניט געשאַפן. ער האָט בכלל ניט געהאַלטן פון קיין סינטעזעס און אידעען־פאַרבינדונגען. שד״ל איז געווען זיכער, אַז אַ ייד איז ניט דער, וועמענס מח איז אָנגעפילט מיט וויסן, נאָר דער, וואָס זיין האַרץ איז פול מיט רחמים.

געפיל און רחמנות, דאָס זיינען, לויט לוצאַטאָן, די הויפּט־עיקרים פון יידישקייט. דער שכל איז כמעט שטענדיק סוביעקטיוו און עגאָצענטריסטיש, בויגזאַם און עלאַסטיש. ער איז פעאיק זיך איינצוהילן אין אַ טלית שכולו תכלת און אויסטייטשן די גרעסטע נבלות און די געמיינסטע מענטשלעכע האַנדלונגען. דאַקעגן איז אין האַרצן קאָנצענטרירט דאָס אָביעקטיווע, ריין־מענטשלעכע, אַבסאָלוט־ערלעכע, דאָרט איז דער קוואַל פון מענטשנס געוויסן, וואָס ווייסט ניט פון קיין פשרות, נאָר שטייט פאַר דעם מאַקסימום פון גערעכטיקייט.

מיט אַ גייסטיקן ברען טרעט ער אַרויס קעגן רמב״ם און זיין רע־ליגיע פון שכל. „הרמב״ם היה בעוכרינו״ — דער רמב״ם האָט אונדז פאַראומגליקלעכט מיט דעם, וואָס ער האָט געגעבן אַ מעגלעכקייט פריי צו פילאָזאָפירן וועגן גאָט. אמת, פאַר שד״לן איז די אַרבעט פון קריטיקירן דעם רמב״ם געווען אַ סך גרינגער ווי פאַר זיינע פאָר־גייער, קרשקש און אלבו, וועלכע האָבן ניט נאָר געדאַרפט צעשטערן דעם רמב״מישן, טעאָלאָגיש־פילאָזאָפישן בנין, נאָר אויך דערשיי־טערן ביזן תהום די יסודות פון אַלטן איינגעפונדעוועטן אַריסטאָטע־לישן טורעם, וואָס האָט זיך דערהויבן שטאָלץ אין דער וועלט פון גע־דאַנק און וויסן אין זייער צייט. שד״ל האָט, אָנגרייפנדיק דעם רמב״ם מער געצילט קעגן גריכנטום, קעגן העלעניזם, אָדער ווי ער רופט עס, „אַטאַציזם״, (די לערן פון די חכמי אַטען), אָבער ער קריי־

טיקירט ניט דעם העלעניזם פון פילאָזאָפישן שטאַנדפּונקט. ער האָט ניט געדאַרפט אָנווענדן קעגן רמב״מס „שכל הפועל״ (אַקטיוועער אינטעלעקט), אייגענע שאַרף־לאָגישע באַווייזן. ער האָט אָנגעווענדט קעגן רמב״ם, און אויך קעגן אבן עזרא און די שפּעטערדיקע משׂכּי־לים, ריין־מאָראַלישע אויספירן: די יידישע רעליגיע איז ניט קיין אַריסטאָטעלישע חכמה און פּלאַטאָנישע אידעען, זי איז אויך ניט קיין דאָגמע, ניט קיין געזעץ, ווי מענדלסאָן לערנט אין „ירושלים״. רעליגיע איז געפיל, אינטואיציע, באַלויכטן מיטן געטלעכן ליכט פון רחמנות. רחמנות און גערעכטיגקייט — דאָס זיינען די צענטראַלע פונקטן פון דער יידישער רעליגיע, פון דעם „אברהמיזם״, ווי ער באַצייכנט יידישקייט. רחמנות און גערעכטיקייט זיינען די אַקסיאָ־מאַטישע יסודות, פון וועלכע עס וויקלען זיך אַרויס אַלע אויספירן און געבאָטן פון דעם „אברהמיזם״.

פאַרוואָס דווקא דאָס פאַררופן זיך אויף אברהמען? ווייל די פעסטע איבערצייגונג אין דער יידישער רעליגיע גיט די טראַדיציע, וואָס ציט זיך פון אברהם אבינו. ער האָט עס געגרונטפעסטיקט אירע גערעכטיקייטס־פּרינציפּן, און דאָס איז דער קוואַל פון אונדזער נאַ־ציאָנאַלן קיום. בלויז אויף די פּרינציפּן פון רחמנות און גערעכטי־קייט קען מען בויען די צוקונפטיקע „חברה של צדק״. די ציווי־ליזאַטאָרישע עלעמענטן, וואָס ציען פון „אַטאַציזם״ וועלן פאַרשווינדן און די עטישע עלעמענטן, (וואָס פעלן אין דער אייראָפּייאישער צי־וויליזאַציע און פילן אָן דאָס יידנטום), זיי וועלן בלייבן אומפאַר־ענדערט.

אַנדערש ווי זיינע „צייט־גענאָסן״, וואָס האָבן געהאַלטן, אַז מען דאַרף ראַציאָנאַליזירן די גרויסע יידישע רעליגיע און מאָראַל, האָט שד״ל געהאַלטן, אַז מען דאַרף מאָראַליזירן דעם אייראָפּייאישן ראַ־ציאָנאַליזם, און דערפאַר איז אים אַזוי נאָענט געווען זשאַן זשאַק רוסאָ, דער זשענעווער פילאָזאָף, וועמענס רוף צו דער נאַטור און אירע מאָראַלישע עלעמענטן האָבן אים אויסגעזען אייביק. „רוסאָ —

האָט שד״ל געשריבן — האָט געהאַט אַ הייס און אָרנטלעך האַרץ, און דאָס איז דער עיקר״.

שד״ל האָט, אין זיין קריטיק, ניט געשווינט קיין יידישן פילאָזאָף. אויב זיין קריטיק אויפן רמב״ם איז נאָך, אין אַ געוויסער מאָס, געשריבן מיט דרך ארץ, איז זיין קריטיק אויף שפינאָזאָן פאַרניכטנדיק און שאַרף נעגאַטיוו. ערגער פאַר אַלע האָט אין שד״לס אַפּאָלאָגעטישן בנין אָפּגעשניטן שפינאָזאָס פאַנטעאיסטישער גאָט און מאַטעמאַטיש־עטישער געזעץ. „אָפּגעזען דערפון — שרייבט שד״ל — דאָס שפינאָזאָס פילאָזאָפיע איז ניט אָנצונעמען אין איר ריין־טעאָרעטישן טייל, ווייל זי לערנט אונדז פאַרלייקענען גאָט — איז זי אָבער נאָך געפערלעכער און שעדלעכער צוליב איר פּראַקטישער אָנווענדונג, ווייל זי לערנט אונדז עגאָאיזם און אייגננוץ. שפינאָזא האָט בפירוש געשריבן, אַז ווער עס וויל לעבן אין הסכם מיטן שכל, דער מוז זיך היטן פאַר יעדער רעגונג פון מיטלייד און רחמנות . . .״

אַז צווישן דעם גאָט פון דעם פילאָזאָף פון אַמסטערדאַם און דעם יידישן גאָט איז פאַלג מיך אַ גאַנג, האָבן שוין אָנגעוויזן אַ סך דענקער. אָבער דער מאָראַליסט פון פּאַדואַ האָט געוואָלט פאַרטונקלען די גרויסקייט פון שפינאָזאָן מיט זיין הויפּט־שיטה, רחמנות.

מיר קאָנען יאָ איינשטימען מיט אַ סך פון שד״לס אנשויאונגען אָדער ניט. מיר מוזן אָבער אנערקענען, אַז שד״ל איז, דורך זיין גאַנץ שטאַרקן געפיל פאַר רחמנות, געווען איינער פון די בעסטע יידישע רעפּרעזענטאַנטן פון זיין דור.

פינף און זיבעציג יאָר נאָך זיין טויט, דערשיינט פאַר אונדז דער אמת־זוכער און מאָראַליסט פון פּאַדואַ, ווי איינער פון די געלייטערטע מאָראַלישע געשטאַלטן פון יידישן פאָלק אין דעם ניינצנטן יאָרהונדערט.

עטישער פעסימיזם

„אין ההשקפה השופנהוירית על דבר הרצון רחוקה מצד עצמה, כל רעתה היא רק מה שתחת להבינה בתור אחד מחזיונות המציאות, יבין בעל השיטה עצמה אותה בתור כל המציאות וסבתה. וזאת היא עקשות, היוצאת מהוכחה של לא ראינו אינה ראיה, במקום שכל פקוחי עינים הרוחניים הנם רואים, לא רק רצון עור וחרש, אלא מלא עצה ותבונה.״

(הרב אברהם יצחק הכהן קוק, אורות הקודש, ח״ב, תק״א).

1

לעצטנס איז געוואָרן הונדערט יאָר זינט עס איז געבוירן געוואָרן אַ נייע רעליגיעז־עטישע באַוועגונג אין יידנטום, וואָס כאָטש זי איז ניט איינגעוואָרצלט געוואָרן אויף דער יידישער גאַס, ווי למשל דער חסידיזם, איז זי אָבער דאָך אַן אייגנאַרטיקע באַוועגונג, וואָס איז געקומען מיליטאַנטיש, געטראָגן אין זיך קערנער פון דינאַמיק, פון עטישן רעוואָלט און אַ סך מסירות נפש.

דאָס איז די מוסר־באַוועגונג, וועמענס שעפער און בויער עס איז געווען ר׳ ישראל סאַלאַנטער, איינער פון די אינטערעסאַנטסטע רעליגיעז־עטישע פיגורן פון לעצטן יאָרהונדערט.

אין איר אויסערלעכן מהות און געשיכטלעכן גורל, האָט די באַ־וועגונג געהאַט אַן ענלעכקייט צום חסידיזם. ווי דער חסידיזם בעת זיינע ערשטע טריט, האָט אויך מוסר ביי זיין אויפקום באַגעגנט אַ שטאַרקע אָפּאָזיציע אין דער קאָנסערוואַטיווער וועלט.

גלייך ווי ר׳ ישראל דער בעל שם טוב איז אַרויס מיט אַ פּראָ־

טעסט קעגן אַפּיציעלער לומדות, קעגן רבנישן פאָרמאַליזם, איז אויך ר׳ ישראל סאַלאַנטער אַרויסגעטראָטן שאַרף קעגן די לומדים און האָט ערקלערט, אַז לערנען איז ניט גענוג. עס זיינען דאָ אַ סך מענטשן, וואָס קענען גוט לערנען און אַליין טויגן זיי ניט.

גלייך ווי דער חסידיזם האָט מיט זיך פאַרגעשטעלט אַ רעלי־גיעזן רענעסאַנס אין ידנטום, אַזוי האָט אויך מוסר אין עולם האַצי־לות, אינם בית מדרש לעבן, געבראַכט אַ רעליגיעז־מאָראַלישע רע־וואָלוציע, וואָס האָט געשטרעבט צו מאַכן שענער און דערהויבענער דאָס לעבן פון תורה־איד. אָבער דאָך האָט מוסר זיך ניט אָנגענומען. אין דער צייט, וואָס דער חסידישער פלאַם האָט אַרומגעכאַפּט די גרעסטע יידישע ישובים, האָט מוסר געלויכטן בלויז אין גרענעצן פון דער אָרעמער ליטע, און אפשר אפילו ניט געלויכטן, נאָר גע־צאַנקט, ווי אַן אויסגייענדיק ליכטל אין די אָרעמע תורה־געצעלטן. אויפן מוסר האָט מען געקענט זאָגן, ווי עס זאָגט אברהם רייזען אין זיינס אַ ליד אויפן אָרעמען לעבן, אַז עס איז געגליכן „צו אַ לאָמפּ מיט ווייניק נאַפט, ווערן ווערט ער ניט פאַרלאָשן, ברענען האָט ער נישט קיין קראַפט . . .״ סיבות פאַרן שוואַכן איינפלוס פון מוסר אויפן פאָלק דאַרף מען זוכן ניט אַזוי אין דעם אינהאַלט פון דער אידעע, ווי אין דער סביבה, אין אָרט און קלימאַט, וואו די שיטה איז אויפגעקומען.

דער חסידיזם, וואָס איז געקומען פריער ווי דער מוסר און וואָס האָט געשטראַלט מיט חדוה, געקוועלט מיט פרייד, האָט זיך ניט גע־קענט צופּאַסן צו דער נאַטור פון דעם ליטווישן יידן. צום ליטווישן יידן, מיט זיין כמורנער ערנסטקייט, מיט זיין חוש פאַר שאַרפן טרויע־ער, מיט זיין פרומען פעסימיזם, האָט מער אַפּעלירט דער לירישער אַסקעטיזם פון מוסר, איידער דער געזונטער אָפּטימיסטישער חסי־דיזם, וואָס האָט געשטאַמט פון דער געזונטער, פעטער, רחבותדיקער אוקראַאינער לאַנדשאַפט און די וואַלדיקע קאַרפּאַטן־בערג. די אָרע־מע ליטווישע לאַנדשאַפט, מיט אירע פלאַכע פעלדער און געלע, טריבע וועגן, אָרעם אין בוים און שאָטן און רייך אין לאַנגווייל און

אומעט, — איז געווען מוכשר אויפצונעמען די זריעה־קערנדלעך פון דער טרויעריקער מוסר וועלט־אנשויאונג. העכער אַ יובל האָט אין די ישיבות, די תורה צענטערס פון דער רבנישער ליטע, געצאַנקט און געטליעט דער מוסר.

חסידות איז אַ מעכטיקע רעליגיעזע באַוועגונג, וואָס האָט באַר פּרוכפּערט די יידישע קולטור און האָט געהאַט אַ ריזיקע השפּעה אויף דער ליטעראַטור. וועגן מוסר איז כמעט גאָרנישט געשריבן געוואָרן.

2

דער אידייאישער יסוד פון מוסר איז אַ רעליגיעזער עטיש־פּע־סעמיסטישער באַנעם פון וועלט און מענטש. מוסר איז געווען אַ מין אייגנאַרטיקער אידישער טאָלסטאָאיזם, וואָס זיין תמצית באַ־שטייט פון שווער מאַכן דעם יאָך פון מענטשנס שטענדיקן חוב־באַ־וואוסטזיין. דער גרונט־געדאַנק פון ר׳ ישראל סאַלאַנטערס לערע, אויף וועלכער עס האָט זיך שפּעטער אויפגעבויט און אַנטוויקלט די גאַנצע מוסר־לערע, איז געווען דער עטישעַר פּעסימיזם, וואָס שטרעבט צו אַנטוויקלען די עטישע וואַכזאַמקייט און אָפּטויטן דעם יצר הרע. ער האָט געלערנט, אַז דער מענטש מוז שטענדיק קעמפן מיט זיינע שלעכטע געפילן און זיי אונטערטעניק מאַכן; גוטע זיטן קענען ווערן דעם מענטשנס צווייטע נאַטור, דורכן יחידס רצון, ווען דורכגעדרונגען מיט אַסקעטיזם, מיט נזירות.

ר׳ ישראל האָט געלערנט דעם פרומען מענטשן זיך אָפּצוזונדערן פון דער זינדיקער וועלט, פון פרייד און גענוס, און צו קאָנצענטרירן זיין גאַנצן דענקען אויף זעלבסט־אַנאַליז. — „עס איז הויך צו זיין אַ מענטש פון דער גרויזעלשאַפט, אָבער דאָס לעבן צווינגט אונדז צו זיין פרושים“.

און ר׳ ישראל סאַלאַנטער אַליין איז געווען אַ מין גייסטיקער סטראַטעגיקער. אַלע בריוו צו זיינע תלמידים זיינען אָנגעפילט מיט

סטראַטעגישע עצות און מיטלען קעגן יצר הרע. לייענענדיק זיינע בריוו, געשריבן אין אַ האַרטן און טריבן סטיל, פילן מיר די אומעטיקייט, וואָס בלאָזט אויפן תהום פון זיין נשמה. די וועלט איז אַ שוידער־וועג, וואָס דער מענטש גייט דורך אים צו יענער וועלט — שרייבט סאַלאַנטער — דערפאַר מוז ער שטענדיק פילן, „ווי אַ שווערד וואָלט געלעגן צווישן זיינע פיס און אונטער אים איז אָפן דער גיהנום״.

קיין ספרים האָט ר׳ ישראל ניט געלאָזן. געבליבן פון אים זיינען בלויז בריוו, וועלכע די תלמידים האָבן פאַרעפנטלעכט נאָכן טויט, און צווישן וועלכע עס געפינט זיך זיין באַרימטע „אגרת המוסר״, וואָס איז געוואָרן דער מאַניפעסט פון די מוסרניקעס. דאָרט ווערט אויסגעדריקט דער קווינט־עסענץ פון זיין מאָראַלישן פעסימיזם.

„דער מענטש איז אין זיין דמיון פריי,
און אַ געבונדענער דורך זיין געדאַנק,
זיין דמיון קרייזט אַרום זיין האַרץ,
ווי אַ רויב־פויגל אַרום זיין פאַנג.

אין זינד ליגט די באַשטראָפונג,
און זאָל אַ מענטש ניט זאָגן:
פאַרוואָס זאָל איך אַ פרעמדע שטראָף
בחנם דאַרפן טראָגן?

אָ, קיינער קומט דיר ניט צו הילף
דיך אויסצולייזן פון יסורים,
זאָל ווערן דיין געדאַנק דיין רודער;
און ער וועט פירן דיך אין שטורם — ״ (*

*) אַ טייל פון „אגרת המוסר״, איבערגעדיכטעט פון חיים גראַדע, אַמאָל אַליין אַ מוסרניק, איצט אַ סטאַליניסטישער פּאָעט.

3

דער קלאַסישער פעסימיזם איז ענג צענויפגעבונדן און צענויפ־געוואַקסן מיט דער פערזענלעכקייט פון אַרטור שאָפּענהויער. ניט נאָר איז ער דער שעפער פון מאָראַלישן פעסימיזם, נאָר ער אַליין איז געווען די פאַרקערפּערונג פון זיין לערע און דורך זיין שרייבן האָט ער באַוויזן די ווירקונג פון זיין טעאָריע.

אין זיין עטישן פעסימיזם, טראָגט דער סאַלאַנטישער מוסר אַ גאָר־גרויסע ענלעכקייט צו שאָפּענהויערס „בלינדן ווילן. אַרטור שאָפּענהויער, דער וויסנשאַפטלעכער טרעגער פון פעסימיזם און ר׳ ישראל סאַלאַנטער דער פרומער ליטווישער גאון, זיינען ענלעך אין זייער אויפפאַסונג און עס בעט זיך אַ פאַרגלייך צווישן זייערע שיטות.

לאָמיר אָנהויבן מיט די גרונט־שטריכן פון שאָפּענהויערס פּ־ע סימיזם.

דער מענטש באַשטייט פון שכל, וואָס ווייסט אַלץ און פירט צו זעלבסט־דערקענטעניש, און פון אַ בלינדן ווילן, וואָס טוט זיך זיינס, און ווערט נישט באַשאַפן און ניט געפירט פון שכל. דער ווילן איז, בעצם, דער מהות פון מענטשן. דער שכל איז דעם ווילנס געצייג. דעם גרונט געדאַנק ברענגט שאָפּענהויער אַרויס אין זיין פונדאַ־מענטאַל ווערק: „די וועלט אַלס ווילע אונד פאָרשטעלונג״. (פאַר־שטייט זיך, אַז מיר באַרירן דאָ שאָפּענהויערן נאָר אויף אַזוי ווייט, אויף וויפל ער איז נוגע דער טעמע).

דער „בלינדער ווילן״ איז דעם מענטשנס אומגליק, וואָרים דורך אים בעהעפט ער זיך צום לעבן מיט אַ שטאַרקער תאוה, כאָטש דאָס לעבן איז גאָרניט ווערט די מי. אָבער דער רצון קען קיינמאָל ניט געשטילט ווערן. מאַטערט אים דער ניט־באַפרידיקטער פאַרלאַנג, די תאוה צום לעבן, וואָס וויל גאָרניט זאַט ווערן, וויל אָבער שטענ־דיק זיין באַשפעטיקט, כסדר זוכט זי נייקייטן און פאַלט דורך דעם אַריין אין פרישע צרות און יסורים. אַזוי וואַקלט זיך דאָס לעבן שטענדיק, אָן אויפהער, צווישן צרות און לאַנגווייל. גליק איז

אייגנטלעך נאָר אַ מין איבערגאַנג־סטאַדיע פון איין אומגליק צום אַנדערן. נישטאָ קיין אַבסאָלוטע פרייד. עס איז נאָר דאָ אַ פאַר־לייכטערונג פון צער. די עקזיסטענץ איז דורכאויס לייד און פיין.

אַרטור שאָפּענהויער ווערט ניט מיד צו באַווייזן די נישטיקייט און זינלאָזיקייט פון אונדזער קיום.

אונדזער שכל באַנעמט די זינלאָזיקייט פון אונדזער קיום, אָבער דוקא דאָס פאַרשטיין פאַרשאַרפט דעם ווייטיק און דער „בלינדער ווילן" רייסט זיך ווידער און ווייטער, אָן אויפהער, רייסנדיק זיך צום לעבן, ניזוקט ער זיך ביז בלוט און בלייבט לעבן פאַר פרישע יסו־רים. ערשט ווען דער שכל איז גובר, און דאָס לעבן ווערט בטל, ווערט דער מענטש באַפרייט פון זיינע יסורים.

ווי אַזוי ווערט מען אָבער פּאַרט פּטור פון דער מיאוסער גלוס־טעניש פון „בלינדן ווילן"? עס זיינען דאָ צוויי וועגן:

מען קאָן פריי ווערן פונם ווילן דורך קוקן אויפן לעבן ווי אויף אַ קונסט־ווערק. דער מענטש דאַרף זיין דער אָביעקטיווער אָנקוקער פונם קונסט־ווערק, וואָס הייסט לעבן. ער טאָר אָבער נישט באַגערן דאָס לעבן.

דער צווייטער וועג — בייקומען דאָס עגאָאיסטישע שטרעבן צום גליק, וואָס איז אילוזיע; טויטן דעם רצון און טאָן גנאָד מיט מסירת נפש.

דאָס איז די עטיק, וואָס שטאַמט פון פּעסימיזם. און אָט דער וועג, שרייבט שאָפּענהויער, שאַפט אַ צושטאַנד פון גליק דורך דעם ביטול פון „איך" און פון „בלינדן ווילן". עס איז אָבער אַ וועג בלויז פאַר יחידי סגולה, ווייל עס איז גאַרניט אין דער באַגרעניצטער מעגלעכקייט פונם דורכשניט־מענטש צו באַוועלטיקן דעם רצון. דערפאַר פירט שאָפּענהויער אויס, אַז דעם מענטשנס ווילן איז ניט קיין ברכה נאָר אַ גיהנום, אַז דאָס לעבן איז אַ מכה, וואָס האָט קיין רפואה ניט.

בעט זיך ניט גלייך אַ פּאַראַלעל צווישן שאָפּענהויערס פּעסימיזם און סאַלאַנטערס מוסר? יאָ, און אָבער . . . דער פּעסימיזם, וואָס

אַנטשפּרעכט דעם פּסיכישן אייגנאַרט פון דעם דאַנציגער פילאָסאָף, האָט אויך באַאיינפלוסט דעם עטישן טעמפּעראַמענט פון דעם פרומען ליטווישן יידן. גרויס איז אָבער דער מהלך צווישן זיי ביידן. דער פּעסימיסט שאָפּענהויער און דער פּעסימיסט סאַלאַנטער, ביידע מענטשן־קענער, זיינען אַריין אין פּרדס פון מענטשלעכן לעבן, געזען דאָרט טרויער, שווערמוטיקייט און שטרויכלונג.

מיט שאָפּענהויערן איז אָבער געשען די אַלטע געשיכטע פון „הציץ ונפגע". פון יעדן אַפּאָריזם זיינעם בלאָזט טרייסטלאָזער פּעסימיזם, יאוש און גרויל. ער האָט די מענטשן־ווערדע צעטראָטן מיט די פיס.

דער פּעסימיסט סאַלאַנטער איז אַרויס בשלום. ניט געוואָרן קיין האַרצלאָזער איראָניקער, פאַרשפּאָטער און פאַרלאַכער פון דעם מין מענטש. פאַרקערט, ער האָט געוואָלט לייטערן און דערהויבן דעם מענטשן.

ר׳ ישראל סאַלאַנטער, זייענדיק דורך־און־דורך ידיש, האָט ניט אָפּגעפּטרט די וועלט מיט אַ הבל הבלימדיקן פּסוק. ער האָט ניט אָפּגעטראָטן דעם אינערלעכן שונא דעם וועג, ניט אויסגעמיטן דעם קאַמף מיטן יצר הרע, דורך באַרואיקן זיך אין פאַרגליווערטן פּעסימיזם. דער טיף־רעליגיעזער ר׳ ישראל סאַלאַנטער, מיט זיין אומרואיקער נשמה, האָט געקעמפּט מיט דער וועלט און מיט זיך אַליין, און זיך געגראָבן אין די אייגענע תהומות, זיך איינגעביסן אין די אייגענע חסרונות. מיט מסירות־נפש באַקעמפּט דעם „בלינדן ווילן", זיך אַראָפּגעלאָזט אויפן לעצטן גרונט פון אומרואיקן יאוש, און פון דאָרט זיך דערהויבן אַ געלייטערטער.

שאָפּענהויער האָט זיך באַגנוגנט און באַרואיקט. מיט אײן פּעסימיסטישער פאָרמולע האָט ער אָטראָפּירט זיין אייגענעם פילאָזאָפישן ווייטערגיין, זיך דערפירט צו אַ שפּוע, פון וועלכן עס איז ניטאָ קיין אויסוועג. סאַלאַנטער האָט געקעמפּט מיט זיך אַליין, דעם יצר הרע אַרויסגערופן צו נייע שלאַכטן.

ווייל אין סאַלאַנטערס אַקטיוון פּעסימיזם זיינען ניט געלעגן

קיין פאַרטיקע וויסנשאַפטלעכע פאָרמולעס, ווי אין שאָפּענהויערס תורה, געפינען מיר ביי אים עטישע עלעמענטן, וואָס טראָגן אין זיך זיכערקייט, אַז דער מענטש קען זיך מנצח זיין אין דעם גרויסן טרויער און עלנט פון דער וועלט.

ווי גרויס עס זאָל ניט זיין דער אונטערשייד צווישן די ביידע פּעסימיסטישע אנשויאונגען, איז אָבער סאָלאַנטער, בלא יודעים, מודה אין שאָפּענהויערס הנחות. דאָס לייענען מיר קלאָר אַרויס פון זיין „אגרת המוסר״, „אין זינד ליגט די באַשטראָפונג״, „קיינער קען זיך ניט אויסלייזן פון יסורים״.

מען וועט פרעגן: היתכן, איז דען ניט דער גרונט־שטריך פון יידישקייט, דער אָפּטימיסטישער בליק אויפן לעבן? איז דען ניט אַן אָפּענע סתירה צווישן פרומער יידישקייט און פּעסימיזם?

די גרויסקייט פון יידישקייט, פון דער תורה, איז ניט אין פאַר־ענטפערן פּראָבלעמען, נאָר אין אָנווייזן פּראָבלעמען. דער דרך הרוח פון יידישקייט איז אזוי אויפפאַסנדיק, אַז אין אים איז זיכער דאָ אַ ניואַנס, וואָס האָט יאָ צו טאָן מיט פּעסימיזם, בפרט נאָך מיט אַזאַ פּעסימיזם וואָס פירט צו עטיק.

דאָס אויסגעקרימטע פּנים פון דער יידישער אידעאָלאָגיע

„ניט איינריכטונגען, געזעצן און מענטשן שאַפן דאָס נייע לעבן. דאָס טוען גייסטער. די גייסטער פונם נייעם לעבן, פאָלגן אָבער אָן ווידערשטאַנד די איינריכטונגען פון געזעצן און מענטשן" (וואַלטער ראַטענוי, „צור מע־כאניק דעס גייסטעס").

מאַרקסיסטישע רעליגיע, פּראָלעטאַרישע רעליגיע, איז אַ פּראָ־בלעם, וואָס האָט שוין אויפגעהערט צו מאַטערן דעם געדאַנק פון דענקער און קינסטלער.

איינגאַנצן אַ דרייסיק יאָר, זינט רוסישע „גאָט זוכער", „גאָט בויער", אידעאָלאָגן און פּאָעטן, האָבן פאַרבונדן זייער דענקען, זייער פילאָזאָפישן שטרעבן מיטן ציל צו פאַראייניקן מאַרקסיזם מיט רעליגיע. נאָך קיין פולע דרייסיק יאָר זיינען ניט אַוועק, זינט די בעסטע טעאָרעטישע כחות פונם רוסישן מאַרקסיזם האָבן געוואָלט שפּינען בריקן איבערן גרויסן תהום צווישן די דאָזיקע צוויי שיטות. איז עפּעס געבליבן פון דער זוכעניש? פון דעם משונהדיקן, אָבער אין תוך געוואַגטן, פּרואוו אין חלל העולם, אין דער אַבסטראַקטער אידעען־וועלט?

דעם פּרואוו, דעם אומגעלונגענעם סינטעז, האָט געמאַכט איינער, וואָס האָט זיך געהאַלטן פאַר אַן אָרטאָדאָקסישן מאַרקסיסט. איינער וואָס האָט פאַרנומען דעם אויבנאָן אין די באָלשעוויסטישע אינטע־לעקטועלע קרייזן, אַנאַטאָלי לונאַטשאַרסקי, דער ערשטער קולטור און בילדונג־קאָמיסאַר אין דער סאָוועטן רעגירונג.

אַן עסטעט, אַ קונסט־ליבהאָבער, אַ שטענדיקער באַזוכער פון רוימישע און היימישע פּראַוואָסלאַוונע קירכן, האָט זיין מח געפּיבערט מיט מאַרקסיסטישע סאָפיזמען און דאָס האַרץ האָט געגליט מיטן

פראַוואָסלאַוונעם מוזשיצקן ברען. האָט ער געקערט וועלטן צו באַווײַזן, אַז דער מאַרקסיזם איז רעליגיעז און אַז רעליגיע איז מאַרקסיסטיש.

לונאַטשאַרסקי האָט ניט געקענט שלום מאַכן מיטן געדאַנק, אַז דער סאָציאַליזם זאָל ניט זײַן רעליגיעז, און וועד שמועסט נאָך אַנטי רעליגיעז. האָט ער אָפּגעטובלט די טרוקענע פאַרשטיינערטע מאַטעריאַליסטישע טעאָריע אין אַ רעליגיעזער מקוה, האָט ער גע־מאַכט כשוף־שטיק צו באַווײַזן, אַז דער מאַטעריאַליזם איז רעליגיעז און די רעליגיע איז מאַטעריאַליסטיש און ציטערנדיק, אַז מען וועט אים שטעלן אין איין שורה מיט די רעאַקציאָנערע „גאָט זוכער", האָט ער אַרויסגערוקט אַ לאָזונג פון „גאָט בויאונג". גאָט, כידוע, לעבט טאַקע ניט, נאָר דער מענטש דער כל יכול בויט אים, דעם רבונו של עולם . . .

אַ „מאַרקסיסט", האָט ער ניט געזען, אַז דער גרונט־מאָטיוו פון זײַן דענקען איז גאָר רעליגיע, ניט מאַרקסיזם. ער איז געקומען אַ גלויביקער, אַ פײַערדיקער, און האָט צוגעלייגט פרומקייט, פילאָזאָ־פיע, צו דער שיטה, וואָס האָט געאָטעמט מיט חומרדיקער דערשטי־קעניש. ער האָט זיך געמיט צו פאַרגלעטן, פאַרזיסן די ביטערקייט, פאַרחסידישן די מתנגדישע דיאַלעקטיק מיטן נביאישן פּאַטאָס, מיט „קאָלעקטיוון געפיל" (זיינס אַ דערפינדונג), אָבער דער גרונט־טראָפּן איז געווען צו־שטאַרק. דער ביטערער עלעמנט, דער פילאָזאָפישער מאַטעריאַליזם האָט די פאַרזיסונג ניט געליטן. די רעליגיעזע פאַרב, די רעליגיעזע ניואַנסן, זײַנען פאַרטונקלט געוואָרן. דער מאַרק־סיזם האָט געפּענטעט דעם גלויבן.

אין די לעצטע יאָרן איז לונאַטשאַרסקיס גורל געהאַנגען אויף אַ האָר ער האָט זיך ניט אַרײַנגעפּאַסט, דער דענקער מיט זײַן אינ־טעלעקטועלער עלעגאַנץ, מיט זײַן, אין תוך־מעטאַפיזישער, אידעען־וועלט — אין דער אַלץ מער פאַרגרעבטער סביבה פון די, וואָס האָבן אָנגעהויבן איבערקנעטן דאָס קלאַסישע לאַנד פון די גאָט־

זוכער, אין דער מעכאַניש־ציוויליזאַטאָרישער פאָרם, און אויף די סטאַלינישע־טיראַנישע יסודות.

.2

וואָס באַדייט מאַרקסיסטישע רעליגיע? פּראָלעטאַרישע רע־ליגיע? קיין ברייטע אידעאָלאָגישע סיסטעם האָט לונאַטשאַרסקי ניט געשאַפן. דאָך האָט ער אַרויסגעזאָגט עטלעכע השערות, וועלכע עס איז כדאי צו באַטראַכטן.

אין זיין צוויי־בענדיק ווערק „רעליגיע און סאָציאַליזם", וואָס ער האָט אַרויסגעגעבן אין יאָר 1906, גלייך נאָך דער מפּלה פון דער רעוואָלוציע אין 1905, און אין וועלכן ער האָט געפּרואווט צו באַשאַפן זיין כמעט „מאַרקסיסטישן גאָט", זאָגט ער: „וואָס באַ־דייט האָבן אַ רעליגיע? דאָס באַדייט צו דענקען וועגן דער וועלט און צו פילן די וועלט אויף אַזאַ אופן, אַז די ווידערשפּרוכן צווישן די געזעצן פון לעבן און די געזעצן פון דער נאַטור, זאָלן ווערן פאַר אונדז אויפגעלייזט. דער וויסנשאַפטלעכער סאָציאַליזם לייזט אויף, פאַרענטפערט די דאָזיקע ווידערשפּרוכן, אַרויסשטעלנדיק די אידעע וועגן נצחון פון לעבן, וועגן דער אונטערטעניקייט פון די נאַטור־קרעפטן צום שכל דורך דערקענטעניש און אַרבעט, דורך וויסנשאַפט און טעכניק".

אין אַן אַנדער שריפט „מאַרקסיזם און קונסט", שרייבט ער: „דער גייסטיקער צענטער פון דער אַלטער וועלט, פון דער פריי בירגערלעכער געזעלשאַפט און איר אידעאָלאָגיע, איז געווען די פּערזאָן, דאָס קאָנקרעטע „איך". דער גייסטיקער צענטער פון דער נייער וועלט, פון דער קאָלעקטיוו־פּראָלעטאַרישער וואַקסנדיקער געזעלשאַפט און איר אידעאָלאָגיע איז דער מענטש. דער באַגריף פּראָלעטאַרישער סאָציאַליזם קען אַנגעווענדעט ווערן אויך אויף דעם געבוי פון געפילן".

אַזוי האָט דער "גאָט בויער", וואָס האָט זיך געהאַלטן פאַר אַ

„הונדערט פראַצענטיקן מאַרקסיסט", אַריינגעטראָגן אַ דאָגמאַטישן גלויבן אין אַ שיטה, וועלכע ער אַליין האָט באַטראַכט פאַר אַ וויסנ־שאַפט. מאַכנדיק פון מאַרקסיזם אַ רעליגיע, אַ נייעם סאָציאַל־פסי־כאָלאָגישן פאַקט און אייגנאַרטיקן נשמה־געבוי, פאַרמעסט ער זיך צו דערקלערן רעליגיעזע איראַציאָנאַלע באַדערפענישן אין ליכט פון זיין נייער „רעליגיע". צ. ב. וועלן מיר ברענגען אַ מין מאַרק־סיסטישן „השארת הנפש", וואָס לונאַטשאַרסקי פאָרמולירט: „צו לעבן אַ מענטשליך לעבן מיינט צו זען און פילן די אייגענע פאַר־גאַנגענהייט ביז צום סאַמע טאָג פון געבורט און די אייגענע, די רעאַלע אייגענע צוקונפט אויך נאָך דעם טויט; דאָס מיינט צו פילן זיך אַלס שטערבליכן טייל פון דער אומשטערבלעכער סטיכיע — דעם קאָלעקטיוון לעבן.

„אויב דער צענטער פון אונדזער וועלט אנשויאונג איז אונדזער איך, דאַן שטעלט זיך פאַר אונדז אַוועק ווי אַ מוראדיקע פראַגע, דער טויט, דער סוף פון דעם איך. דער פראָלעטאַריער דאַרף ניט זוכן קיין אומשטערבלעכקייט, ווייל זיין אומשטערבלעכקייט איז דאָס לעבן פון דעם מין און די האָפנונג פון דעם אייביקן זיג פון לעבן איבער די ניט לעבעדיקע יסודות פון דער נאַטור, פון די העכערע פאָרמען איבער די נידעריקערע".

דעמאָלט, נאָך דער מפלה פון דער רעוואָלוציע פון 1905, ווען עס האָבן זיך צעבליט די גאָט־שטימונגען ניט נאָר ביי דער רוסישער אינטעליגענץ, ביי די ליבעראַלע גרופּירונגען, וואָס זיינען אָפן ניט צוגעשטאַנען צו דער הערשנדיקער קירכע, נאָר אויך ביי די סאָציאַליסטישע מאַסן — איז די אינטעליגענטע גרופּע פון דער באָלשעוויסטישער פּאַרטיי, בראש מיט לונאַטשאַרסקין און אויך גאָרקין, אַוועק ווייטער פון די „גאָט זוכער". זיי האָבן געגרינדעט די „גאָט בויאונג שולע". זייער געדאַנק האָבן זיי פאָרמולירט אַזוי: די „גאָט זוכער" דאַרף מען אויף אַ צייט אָפּלייגן, — עס איז אַן אומנוציקע אַרבעט: ניטאָ וואָס צו זוכן דאָרט, וואו מען האָט גאָרניט אַוועקגעלייגט. האָסטו ניט געזייט, וועסטו ניט שניידן. קיין

גאָט איז ניטאָ ביי אייך. איר האָט אים ניט באַשאַפן. געטער זוכט מען ניט, מען באַשאַפט זיי; אַ לעבן טראַכט מען ניט אויס, נאָר מען בויט אויס.

די „פּראָלעטאַרישע פילאָזאָפן" האָבן זיך ניט געקענט באַפרייען פון מעטאַפיזישע איראַציאָנעלע טראַדנסצידענטאַלע פאָרשטעלונגען, כאָטש זיי האָבן זיי אָנגעטאָן אַ מאַרקסיסטישן לבוש. דער קאָנ־סעקווענטער מאַרקסיסט לענין איז טאָקע מיטן גאַנצן ברען אַרויס־געטראָטן קעגן דער „גאָט בויאונג" אידעע און דעמאַסקירט איר מעטאַפיזישן תוך.

„גאָט איז אַ קאָמפּלעקס אידעען, וועלכע עס האָט אויסגעאַרבעט אַ שבט, אַ פאָלק, די מענטשהייט, וואָס וועקן און אָרגאַניזירן די סאָציאַלע געפילן, און זייער ציל איז צענויפצובינדן דעם יחיד מיט דער געזעלשאַפט. „איינצאַמען דעם זאָאָלאָגישן אינדיווידואַליזם", דאָס איז געווען די רעליגיעזע פאָרמולע פון די „גאָט בויער". וועגן דעם האָט לענין געשריבן: „דאָס איז די ערגסטע מין זעלבסט־באַשפּייאונג", „פאַרמאַסקירטע רעליגיע", „באַהאַלטענע טעאָלאָגיע" און פאַרמאַסקירטע פאָרשטעלונג וועגן גאָט, אפילו ווען מען זאָל זי אָפּוואַשן מיט וועלכע עס איז נאָר מעגלעכע וואַסערן פון דענקען".

— געוואַלד וואָס טוט איר? — האָט לענין געטנה'ט — עס איז דאָך אידעאַליזם און קליינבירגערטום. דאָס לייקנט דאָך די מאַ־טעריעלע אָפּשטאַמונג פון אידעען. דאָס איז די ערגסטע רעליגיע. און לענין איז אין דעם פּרט געווען קאָנסעקווענט גערעכט. רעליגיע איז דער דראַנג פון דער באַשרענקטער מענטשלעכער פּערזענלעכ־קייט צו דער גיגאַנטישער איבערוועלטלעכער קראַפט, די מעכטיקע קראַפט, צו וועלכער דער מענטש קען נאָר שטרעבן צענויפגיסן זיך מיט איר, אָבער ניט דערגרייכן. די גרונט־שטריכן פון רעליגיעזן גלויבן אין עצם, אין תוך, זיינען יענע פּסיכישע שטראַלן, וואָס לייטערן דעם מענטשן, הויבן אים אַרויס פון דער וואָכעדיקייט, דער־הויבן אים איבער דעם „איך" געפיל מיט זיין אינסטינקט פון זעלבסט־דערהאַלטונג און פאַרבינדן אים מיט אין סופיקע צילן.

אַז די אַלע אידעאַליסטיש־מעטאַפיזישע שיטות ווי די „אידעען־וועלט" פון פּלאַטאָן; פאָרם פון אַריסטאָטעלס; לאָגאָס פון די סטאָאיקער; דער איך פון דעקאַרטן; גאָט־נאַטור פון שפּינאָזאַן; מאָנאַדן פון לייבניצן; אַבסאָלוטע אידעע פון העגעלן; דינג אַן זיך פון קאַנטן: — זיי אַלע זיינען באַוויזן פאַר אַן איבערנאַטירלע־כער איינהייט, פאַרן אין־סוף — דער אמת'ער יידישער רעליגיעזער באַגריף — דאָס איז שוין ניט איינמאָל באַוויזן געוואָרען. אָבער אויך לונאַטשאַרסקיס פּראָלעטאַרישע רעליגיע, אָדער „גאָט בויאונג", איז געווען מער ניט ווי שלעכט פאַרמולירטע רעליגיע.

אַלע „גאָט זוכער" און „גאָט בויער", וואָס האָבן זיך באַמיט צו מאַכן פון סאָציאַליזם, פּראָלעטאַריאַט, אָדער יעדער אַנדער געטשקע, אַ רעליגיע, זיינען צו זייער ציל ניט געקומען נעענטער. עס העלפט גאָרניט, וואָס מען טראָגט אַריין נייע פּסיכאָלאָגישע מעטאָדן, גלויבנס און מעטאַפיזישע אינהאַלטן אין מאַטעריאַליזם, ווי קאָלעקטיווער געפיל, א. א. וו., — אָט די אַלע באַגריפן מוזן זיך שאָקלען ביזן טיפסטן יסוד. דער אייביקער געזונטער יסוד פון רעליגיע איז דער יידיש־רעליגיעזער באַגריף, — דער אין־סוף.

3

קיינער וועט איצט ניט וואָגן אָפּלייקענען דעם פאַקט, אַז די וועלט אידעע, וואָס ווערט שוין גאַנצע הונדערט יאָר באַקעמפט אַלס יידישע, איז אין בוך פון דער וועלט־געשיכטע אַריינגעטראָגן געוואָרן אונטער דער פאָן פון מאַרקסיזם. קענען מיר זיך ווידער דערלויבן די פראַגע: איז דער מאַרקסיזם יידיש, אָדער ניין?

עס איז קיין שום ספק ניט, אַז אין דעם הייליקן צאָרן, וואָס קלינגט אַרויס פון מאַרקס' און ענגעלס' מאַניפעסט, שפּירט זיך דער טאָן פון דער אַלטער יידישער נבואה, פון יענע הייסע קעמפער קעגן ווירטשאַפטלעכן עגאָאיזם. זיכער איז, אַז קאַרל מאַרקס איז גענערט געוואָרן אויף דער מילך פון אידענטום. יידיש זיינען געווען זיינע

תרעומות איבער דער אומגערעכטיקייט פון די סאָציאַלע פּאַר־העלטענישן, ניט קענענדיק זיך קיין עצה געבן מיט די ליידן פון די מיליאָנען מענטשן — אַ רעאַלער פאַקט, ניט צום ענדערן. יידיש איז געווען זיין פעאיקייט פּאַראויסצוזאָגן היסטאָרישע אַנטוויקלונגס־מעגלעכקייטן, וואָס זאָלן מאַכן אָראָפּנידערן דאָס ביז־אַהעריקע צו דער מדרגה פון פאַרבייגייענדיקע עפּיזאָדן. יידיש איז געווען זיין דערקלערן די אַרבעט אַלס דעם איינציקן קוואַל פון מענטשלעכער שאַפונג פון ווערטן, אַט די אידעע פון „ווערט" און „מער־ווערט", אין וועלכע ער האָט אַנטפּלעקט זיין אינטעלעקטועלע גאונות. יידיש איז, סוף כל סוף, אויך געווען זיין שטרעבן אַרויסצורייסן די פעלקער־געשיכטע פון די הענט פון בלינדן צופאַל און אַנטפּלעקן איר אינעווייניקסטע געזעצלעכקייט. אָבער דער אופן, ווי אַזוי ער האָט געקוקט אויף געשיכטע, די היסטאָרישע נויטווענדיקייט, אין וועל־כער ער האָט געגלויבט און דורך וועלכער ער האָט געוואָלט אויפ־ווייזן די מסקנות זיינע, (און די אידעע פון מענטש, וואָס ליגט אין יסוד פון זיין שיטה), איז אין תוך אַן אומיידישערע אידעע ווי די, האָט גאָרניט עקזיסטירט, האָט קיינער גאָרנישט געקענט אויס־טראַכטן.

ניט־יידיש, איז דאָס וואָס ער שרייבט צו זעלבסט־געזעצלעכקייט די ווירטשאַפטלעכע פענאָמענען, דורך וועלכע מען זאָל קענען דער־קלערן דעם גאַנג פון דער געשיכטע און די אויסבילדונג פון דער אידעען־וועלט. ניט־יידיש איז דער געדאַנק, אַז די וועלט איז בלויז אַ צופעליקער רעזולטאַט פון מעכאַנישער אַנטוויקלונג, אַן אַרויסשטראַלונג פון רויער און טויטער מאַטעריע, אַ האַלב־אָפּשפּיג־לונג און האַלב־נאָכשלעפעניש פון שטאָף און מעכאַניזירטע קרעפטן. ניט־יידיש איז אויך די אידעע פון מענטש לויט די קאָנסעקווענצן פון פילאָזאָפישן מאַטעריאַליזם, אַן אידעע, וואָס איז לויט איר קאָנ־סעקווענטער אומזיניקייט פאָרמולירט געוואָרן פון דעם פאָרשטאָר־בענעם מאַטעריאַליסט־יוריסט קלאַרענס דאראו, לאמר, אַזוי צו זאָגן: דער מענטש איז אַ קאָמבינאַציע פון מעכאַנישע שטאָפן, וואָס

האָבן געקאָסט אויפן מאַרק פאַר דער דעפּרעסיע, נישט מער ווי פיר און נײַנציק סענט . . .

4

און אַט זײַנען מיר בײַם קערן־פּונקט פון דעם גאַנצן קאָמפּלעקס פּראָבלעמען, וואָס איז גערעכטיקייט? האָט זי אַן אייגענעם זכות הקיום, אַן עקזיסטענץ־באַרעכטיקונג? אָדער זי איז סוף כל סוף נישט מער ווי אַ שלאָף־מיטל, וואָס שטאַרקע האָבן אויסגעטראַכט פאַר די שוואַכע? דאָ זײַנען מיר צוגעקומען צו פּרשת דרכים, צום שייד־וועג, וואו ייִדישקייט און מאַרקסיזם גייען זיך פונאַנדער.

ווער עס האַלט — און דער מאַרקסיזם האַלט אַזוי — אַז דער זין פון דער גאַנצער מענטשן־געשיכטע שטעקט נאָר אין די ווירטשאַפטס פאַרהעלטענישן, אַזוי ווי זיי פליסן אַרויס פונם צוזאַמענלעבן פון די מענטשן און פון די נאַטור־געשעענישן, פאַר דעם איז די מענטשלעכע געשיכטע ניט מער ווי אַ נאַטור־געשיכטע; פאַר דעם איז מענטשלעך באַוואוסטזיין ניט מער ווי נאַטור־באַוואוסטזיין; פאַר דעם איז די גאַנצע ענטוויקלונג פון דער מענשהייט, אונטערגעוואָרפן די נאַטור־געזעצן.

באַ דער לייזונג פון די פּראָבלעמען ווערן ייִדישקייט און מאַרקסיזם אידייאישע סתירות. עס איז זיכער, אַז די פּראָבלעם־שטעלונג פון מאַרקסיזם איז געטראָגן געוואָרן פון ייִדישן עטאָס, פון דער ייִדישער מאָראַל און איר שורשדיקייט, אָבער די פּראָבלעם־לעזונג איז אין קעגנזאַץ צו ייִדישקייט.

אויב גערעכטיקייט זאָל זײַן בלויז אַ רעפלעקס פון ווירטשאַפטס־באַדינגונגען, וואָס ווערן געבוירן מיט דער צייט און פאַרשווינדן מיט דער צייט, קומט אויס, אַז ייִדישקייט אַליין איז אויך מער ניט ווי אַ מין רעפלעקס. אויב אַזוי קומט דאָך אויס, אַז אברהמס מאָנאָטעאיזם איז אויך נישט מער, ווי אַ געצוואונגענער פּועל־יוצא פון ווירטשאַפטס־פאַרהעלטענישן. קומט אויך אויס, אַז די גאַנצע רע־

ליגיעז־רעוואָלוציאָנערע ענערגיע, דער מוראדיקער קדוש השם, איז אויך נאָר אַ ווירטשאַפטס־דערשיינונג, וואָס איז פאַרמשפּט צו פאַרשווינדן, ווען עס וועלן נאָר אָנעקפאַלן געוויסע עקאָנאָמישע באַדינגונגען. (צי שרייט דען ניט די גאַנצע יידישע געשיכטע קעגן דעם פאַרגעטערן די ווירטשאַפטס־געזעצן? איז דען ניט דאָס אידנטום אין אַלע זיינע דערשיינונגען, אַ פּראָדוקט, וואָס עקזיסטירט אַ דאַנק גייסטיקע, איבער ווירטשאַפטלעכע כחות? ווייל ווי אנדערש דערקלערט מען די עקזיסטענץ פון אַ פאָלק, וואָס עס פעלט אים די מאַטעריעלע באַזע: טעריטאָריע, מלוכה־וועזן, א. אַז. וו.

עס איז זיכער, אַז די עקזיסטענץ פון יידנטום מיט איר קולטור־שעפערישער ווירקונג, איז אַ בולט׳ע אָפּלייקענונג פון מאַרקסיסטישן היסטאָרישן מאַטעריאַליזם.

5

נאָך אין יאָר 1894 האָט לענין, אין זיינס אַ פּאָלעמישער אַרבעט: „די השפּעה פון מאַרקסיזם אויף דער בירגערלעכער ליטעראַטור", געשריבן: „אינם גאַנצן מאַרקסיזם איז ניט פאַראַן קיין שפּור פון עטיק". און לענין איז הונדערט פּראָצענט גערעכט. פונוואַנען זאָל זיך נעמען עטיק, אפילו אַ שפּור פון דעם, ווען מען האַלט, אַז גערעכט איז בלויז די דאָזיקע אָרדנונג, וואָס איז בהסכם מיט דער נאַטור־געזעצלעכער אַנטוויקלונג. די פאַרגעזעלשאַפטליכונג פון דער פּראָדוקציע איז פאַרן מאַרקסיזם, לויט די הויך־קאַפּיטאַליסטישע פאַרהעלטענישן, פּונקט אַזוי גערעכט, ווי גערעכט עס איז געווען די קאַפּיטאַליסטישע אָרדנונג, ווען זי האָט אָפּגעשאַפט איר פאַר־גייערן — די פעאָדאַלע אָרדנונג.

די ווירטשאַפט אַליין איז דער מקור פון דער ווירטשאַפט־אָרדנונג, פּונקט ווי די נאַטור אַליין איז דער מקור פון די נאַטור־געזעצן, פּונקט ווי דער אונדז־באַקאַנטער נאַטור־געזעץ אָריענטירט זיך נאָך דער נאַטור, און נישט להיפך דער נאַטור, אַזוי אָריענטירט

זיך די עקאָנאָמישע אָרדנונג לויט דערווירטשאַפט. די ווירטשאַפט איז אַזוי אָביעקטיוו, ווי די נאַטור. פונקט ווי די נאַטור איז דער לייט־מאָטיוו פאַר דער דערקענטעניש פון אונדזער זיין, אַזוי איז אויך די ווירטשאַפט דער באַשטימענדיקער פאַקטאָר פאַר אונדזער ווילן.

אַזוי לערנט דער מאַרקסיזם, און ער באַרימט זיך, אַז ער האָט געמאַכט פון דער נאַציאָנאַלער עקאָנאָמיע אַ געזונטע וויסנשאַפט, לויטן פאָרבילד פון דער נאַטור־וויסנשאַפט, און אַט־די מאַרקסיס־טישע נאַציאָנאַלע עקאָנאָמיע פרעטענדירט עס, אַז זי האָט אַנטדעקט די אַנטוויקלונגס־געזעצן פון דער מענטשלעכער געשיכטע. און וויבל זי גלויבט, אַז זי האָט אַנטדעקט די אַנטוויקלונגס־געזעצן פון די דאָזיקע דערשיינונגען, מיינט זי, אַז זי האָט שוין אָנגעטאַפּט דעם לייט־מאָטיוו, וואָס פירט דורך די טונקעלע וועגן פון דער גע־שיכטע.

לויטן מאַרקסיזם, האָבן די אידעען גאָר קיין אייגענעם זין ניט. זיי זיינען אָפּהענגיק פון די עקאָנאָמישע דערשיינונגען, און זיינען אַזוי לאַנג ריכטיק, כל זמן די ווירטשאַפטלעכע כוחות, וואָס האָבן זיי געשאַפן, זיינען נאָך ווירקזאַם. עס איז בלויז אַרויסגעוואָרפענע אַרבעט, אומזיסטע מי פון די מענטשן, וואָס האַלטען זיך נאָך ביי אידעען, ביי מאָראַלע אויפפאַסונגען, וועמענס ווירטשאַפטלעכע גורמים זיינען שוין פון לאַנג אָפּגעשטאָרבן; אַזוי קען מען אַמאָל זען דעם שיין פון אַ שטערן פון דער וויטנס, כאָטש ער אַליין איז שוין פון לאַנג פאַרלאָשן געוואָרן. די ווירטשאַפט אַליין האָט זיך איר אייגענע געזעצלעכקייט, וואָס באַהערשט מעכטיק אונדזער ווילן און אונדזער פּערזענלעכקייט.

דער מאַרקסיזם פרעגט: צי קען מען דען לייקענען, אַז די ווירטשאַפטלעכע דערשיינונגען האָבן אַזאַ אומגעהויערן איינפלוס אויף אונדזער שטרעבן, פילן, דענקען און אַלע אימפּולסן? ווער וועט גלויבן, אַז די היסטאָריש־באַרימטע קרייצצוגן, צום ביישפּיל, זיינען נאָר געווען, ווי מעטאַפיזיקער־אידעאַליסטן לערנען, אַ לגמרי וועלט־פרעמדע אידעאָלאָגיע, אַ פּלוצלינג־אויפגעוואַכטע בענקעניש

צו די הייליקע מקומות פון פּאַלעסטינע? איז דען ניט זיכער, אַז אויך דעמאָלט האָט אין לעצטן חשבון זיך געהאַנדלט וועגן אַן עקאָנאָמישן קאַמף? און איז דען דער קאַמף פון דער פראַנצויזישער רעוואָליוציע באמת געווען נאָר אַ קאַמף פאַר פרייהייט, גלייכהייט און ברידערלעכקייט, אָדער עס האָבן דאָרט געשפּילט אַ הויפּט־ראָליע די רייך־עקאָנאָמישע מאָטיוון?

6

זיכער קען קיינער ניט אָפּלייקענען, אַז די מאַרקסיסטישע געשיכטלעכע קאָנצעפּציע האָט גרויסע פאַרדינסטן מיט דעם, וואָס זי האָט געוועגדעט דאָס אויג פון דעם געשיכטע־פאָרשער אויף די עקאָנאָמישע שייכותן און ווירטשאַפטלעכע איינפלוסן און סטימולן. יידישקייט וועט זיך אָבער מיט איר גאַנצן אידייאישן פייער אַנטקעגנשטעלן דער פולשטענדיקער בלינדער איינזייטיקייט פון דער מאַרקסיסטישער טעאָריע. קודם כל, איז דאָ פאַרגעקומען אַ פאַלשע צענויפמישונג פון די „אַנטשטייאונגס־יסודות" און די „עקזיסטענץ־יסודות". עס איז גרינג, למשל, אָנצונעמען, אַז דעריבער האָט זיך פּיטאַגאָרעס אָפּגעגעבן מיט מאַטעמאַטיק, ווייל ער איז געווען אַן אביון און האָט געוואָלט דורך דעם פאַרדינען זיין טאָג־טעגלעך ביסן ברויט, לאָמיר אָננעמען, אַז אַזוי אַרום האָט ער, דרך אגב, אַנטדעקט דעם פּיטאַגאָרישן כלל. איז עס טאַקע ריכטיק, בלי שום ספק, אַז באַשטימטע עקאָנאָמישע תנאים האָבן געפירט צו דער אַנטדעקונג פון דעם כלל, פון דעם פּרינציפּ, ד. ה. אָן דער אָרעמקייט און דעם הונגער פון פּיטאַגאָרעסן וואָלט זיין דור ניט געוואויר געוואָרן דעם מאַטעמאַטישן כלל גדול. נו, בכן, איז טאַקע צוליב דעם די מאָס אַמתדיקייט פון כלל אַליין שוין אויך אָפּהענגיק פון פּיטאַגאָרעסעס מאַטעריעלע פאַרהעלטענישן? זיכער, איז, אַז די מאַטעריעלע באַדינגונגען האָבן געהאַט אַ השפעה אויף זיין אַנטדעקונג, אָבער צי מוזן דערפאַר די באַדינגונגען האָבן אויך אַ השפעה אויף דער אמתדיקייט פון כלל אַליין?

לאָמיר בפירוש אָננעמען, אַז דער ערשטער מענטש, וואָס האָט געטראַכט וועגן פרייהייט איז געווען אַן אומגליקלעכער שקלאַף, איז דען דערפאַר זיין שקלאַפעריי, וואָס איז אַן ספק געווען דער גורם פאַר זיין הכרה פון פרייהייט, אויך דער מוסטער פון דער מאָס אמתדיקייט פון זיין געדאַנק גופא? און לאָמיר אָננעמען, אַז געוויסע ווירטשאַפטלעכע דערשיינונגען האָבן צוגעהאָלפן אַ באַ־שטימטער רעליגיעזער אָנשויאונג דורכצוברעכן אַ וועג, צי מוז דערפאַר דער אמת פון דער רעליגיעזער אידעע אויך זיין אָפּהענגיק אין עצם פון יענע עקאָנאָמישע דערשיינונגען?

איז עס דען ניט דער סוד פון דער יצירה, פון יעדער מין באַ־שאַף, אַז עס ווערט אָפּגעשניטן דער נאָפּל צווישן דעם שעפער און דער שאַפונג? איז דען דאָס אַנטשטיין פון אַ קונסט־ווערק מאָס־געבנדיק פאַרן קונסט־ווערק אַליין? דער מאַרקסיזם וויל אָבער פון די אַלע טענות ניט וויסן, פאַר אים איז די ווירטשאַפט יענער מעכ־טיקער אָפּגאָט, וועמען דער יחיד און דער צבור זיינען מחויב צו דינען, צי זיי ווילן, אָדער ניט.

די ווירטשאַפט, אַלס באַגריף פון דעם, וואָס די מענטשן פעלט אויס און וואָס זיי פאַרלאַנגען, מאַכט זיך אין אַ געוויסער מאָס זעלבסטשטענדיק פון מענטשן און טראָגט איר אייגענע אָרדנונג אין זיך. אַזוי קומט אויס, אַז דער יחיד, ווי דער צבור, זיינען נישט קיין טרעגער פון דער ווירטשאַפט, נאָר געטראָגענע פון איר.

די פאַרשקלאַפונג פון דעם מענטשן, וואָס באַגערט דאָס מאַ־טעריעלע, ווערט פון מאַרקסיזם דערהויבן צו אַ סיסטעם און גע־מאַכט פאַר אַ דאָגמאַטיש אָנגענומענעם געמיינשאַפט־ווילן, וואָס הערשט קיינמאָל ניט אין דער ווירטשאַפט, נאָר ווערט פון איר באַ־הערשט. און אין דעם זעט דער מאַרקסיזם דעם זין פון דער גאַנצער מענטשלעכער געשיכטע. אַזוי אַרום קומט אויס, אַז דער מאַרקסיזם איז מבטל דעם מענטשן, זיין פרייהייט, זיין ווערדע. אין דעם זין מוז דער מאַרקסיזם באַקעמפט ווערן פון יידישקייט. לויטן יהדות־באַגריף איז דער מענטש אַ נפש פון דער אייביקייט, אין וועמען עס

ווערט מאַניפעסטירט אַ וועלט־גייסט, אַ פּערזענלעכקייט, וואָס איז געשאַפן געוואָרען אין געשטאַלט פון גאָט. דער מאַרקסיזם אָבער לייקנט די סאַווערנע פּערזענלעכקייט. דער לעניניזם האָט ניט בלויז אָנגענומען די שיטה, נאָר זי דערפירט ביז צום מאַטעריאַליס־טישן אַבסורד. אַלצדינג אין דער וועלט איז בלויז אַן אָפּשפּיגלונג פון מאַטעריעלע קרעפטן און אַזוי אויך דער מענטש. דאָס איז דער גרונט־געדאַנק פון לענינס סיסטעם, וועלכען ער האָט גאָרניט גע־דאַרפט טעאָרעטיש־קלאָר פאָרמולירן, ווייל עס שימערירט פון יעדן סאָציאַל־פּאָליטישן אַקט זיינעם. נאָר אַזוי קען מען דערקלערן די אומגעהויערע אכזריות, די טיראַניי וואָס הערשט שוין פינף און צוואַנציק יאָר אין לאַנד פון דער „מאַרקסיסטיש־לעניניסטישער רע־וואָלוציע״. עס איז געווען אומפאַרמיידלעך, אַז אַ באַוועגונג, וואָס איז געבוירן געוואָרן אין ביטול־באַציאונג צום מענטשן, צו אידעען, און אין הכנעהדיקער קנעכטשאַפט פאַר דערווירטשאַפט, זאָל זיך דערקייקלען צו אַזאַ רעזשים, צו אַזאַ אָרדנונג.

עס איז קלאָר: ניט געקוקט אויף דעם, וואָס דער מאַרקסיזם שטיצט זיך נאָר אויף דער מאַטעריאַליסטישער קלאַסן־הנחה, איז זיין אידעאישע קאָנסטרוקציע אַ פאַרוויקלטע אין יידישן יושר און צדק־אידעאַליזם, אָט דער אחרית־הימימדיקער, אידיליש־אידעאַליס־טישער וועלט־סדר, פאַר וועלכן דער מאַרקסיזם קעמפט, איז אַליין סותר זיינע מאַטעריאַליסטישע יסודות. דער גייסט פון מאַרקסיזם, איז דער גייסט פון דער נביאיש־סאָציאַלער עטיק, דער עקאָנאָמישער לבוש זיינען איז אַן עבודה־זרהדיקער.

דער מאַטעריאַליזם געפּאָרט מיטן יידישן גייסט, איז אַ ניט־געראָטענער זיווג. די סיבה פון אָט דער אומנאַטירליכער צענויפ־פּאָרונג דאַרף מען, אין אַ גאָר גרויסער מאָס, זוכן אין דער פּסיכאָ־לאָגישער געשפּאָלטנקייט פונם באַגרינדער פון מאַרקסיזם. מאַרקס איז יונגערהייט אָפּגעשמדט געוואָרן, און זייענדיק אָפּגעריסן פון זיין גייסטיקן שורש (ער איז געווען אַ דירעקטער צווייג פון גאונים ביז רש״ין) — האָט ער זיך אַריינגעוואָרפן מיט לייב און לעבן און מיט

זיין גאַנצן יידישן ברען אין דער דעמאָלט־הערשנדיקער פילאָזאָפיש־
מאַטעריאַליסטישער ריכטונג. אַלס לאָגישע קאָנסעקווענץ פון זיין
עקסטרעם קעגנגעזעצטער איבערוואָרצלונג, האָט זיך ביי אים אויס־
געקרימט דאָס פנים פון דעם דורות איינגעירשנטן נביאיש־סאָציאַלן
פּאַטאָס, און די גרויסע יידישע גאולה־אידעע, די גאַנצע יידישע
אידעאָלאָגיע איז ביי אים אויסגעקרימט געוואָרען אין דעם געשפּענ־
סטיקן פּרצוף פון מאַטעריאַליזם.

בערגסאָן און חסידות

געוועזן איז עס אַן ערך מיט הונדערט יאָר צוריק. אַ מחלוקת איז אָנגעגאַנגען צווישן צוויי זיילן פון פוילישן חסידות, צווישן ר׳ מענ־דעלע קאָצקער, דעם רעוואָלוציאָנערן, בונטאַרישן בעל־מחשבה, און דעם מילדן, דבקותדיקן, רחמימדיק־מיסטישן, ר׳ מרדכי יוסף איזש־ביצער.

דער ערשטער האָט געוואָלט דורכברעכן אַ נייעם וועג פאַר דאָס פוילישע חסידות. פאַראייניקן דאָס האַרץ מיטן מח. דער קאָצ־קער איז געווען זיכער, אַז אַזוי ווי מח אָן אמונה איז אָנגעשלאָגן מיט געשווילעכץ, אַזוי איז פאַרקערט, אמונה אָן מוח ניט מער ווי שטות. אַן מענטשן איז קיין הימל ניטאָ, און דער מענטש דאַרף וויסן, מוז וויסן, וואָס אין הימל טוט זיך.

אָנגעלאָדן מיט אַ שטאַרקן ווילן און אַ האַרץ פון אייזן, האָט זיך דער צדיק, ווי אלישע בן אבויה אמאָל, אַריינגעלאָזן אין עולם־המחשבה, אין פרדס פון מעטאַפיזיק, פון טיפן טראַכטן און נאָכ־דענקען וועגן אַלץ. ר׳ מענדעלע קאָצקער האָט געוואָלט פלעכטן מיט זיינע אין־סופיקע רעיונות אַ גרויסן שטריק, וואָס זאָל אַרומ־נעמען די גאַנצע ערד און זי אַרופציען הויך, אַזש ביז צום הימל.

און צו די חסידים האָט ר׳ מענדעלע געטענה׳עט: לאָזט לויפן די רעדער פון אייער מחשבה. קוקט טיף אין אין־סוף אַריין. רע־וואָלטירט קעגן נאַרישע מופתים. פאַרשפּרייטן חסידות גלאָט אין דער וועלט אַריין איז איבעריק. זופן זוהר ווי תהלים אין אַ שבת נאָכמיטאָג איז אַן ענין פאַר עמי־האַרצים. מורה נבוכים דאַרף מען לערנען, ווייל אויב יאָ גלויבן, דאַרף דער גלויבן זיין אַ פולער, אַ געלייטערטער. און אויב עס גייט שוין יאָ אין מופתים, דאַרף דער מופת אַרויסדרינגען פונם גלויבן, ניט פאַרקערט.

אַזוי האָט דער קאָצקער גערעדט צו די חסידים, און זעענדיק ווי

זײַנע רײד פֿאַלן אויף טויבע אויערן, האָט ער זיך אָפּגעזונדערט פֿון עולם. געוואָרן אַ פּרוש, אַן אָפּגעשײדטער. זיך אָפּגעשלאָסן אין אַ זײַטיקן חדר. ער האָט פֿאַרטריבן אין זיך די התגלות־בילדער, דעם רוח הקודש, און איז געוואָרן אַ טראַגישער מתבודד. אַ קאַל־טער, אײנזאַמער, איז ער געזעסן אין זײַן פּריוויליקן תפיסה־צימערל און געעגבערט אין די טיפֿענישן. געוואָלט דערגײן מיטן שכל צום סאַמע וואָרצל פֿון זאַכן, געוואָלט דערגרונטעווען מיטן געדאַנק דאָס אײביקע פּראָבלעם פֿון „מה למעלה ומה למטה".

קעגן ר' מענדעלען איז אַרויסגעטראָטן זײַן תלמיד ר' מרדכי יוסף, דער איזשביצער. אַנטקעגן שטרײנגן ראַציאָנאַליזם פֿון דעם קאָצקער, האָט דער איזשביצער צעעפֿנט פֿאַר די חסידים די טויערן פֿון רחמים, די צינורות פֿון דבקות, די קוואַלן פֿון די הײס־ברױזנ־דיקע געפֿילן, וועלכע גיבן דעם מענטשן דעם אײגנטלעכן תמצית פֿון לעבן, — ליבע צו גאָט, צום מענטשן און דורך דעם פֿאַרשטײן דעם גאַנצן וועלט־אַל, דעם אין־סוף.

אין פּסוק שטײט — פֿלעגט ר' מרדכי יוסף זאָגן — „אחות לנו קטנה ושדים אין לה", מיט דעם איז געמײנט די חקירה. „ושדים אין לה", — זי האָט ניט קײן יניקה, ניטאָ פֿון וואַנען צו זויגען, פֿון וואָס צו שעפּן, די קוואַלן פֿונם רײנעם שכל אַלײן מוזן פֿאַר־שטאָפּט ווערן.

דער איזשביצער האָט געהאַלטען, אַז ר' מענדעלע, דער מח מענטש, וואָס איז אַרײַן אין „פּרדס" פֿון חקירה און מעטאַפֿיזיק, וועט ווערן אַן אלישע בן אבויה, אַ „מקצץ בנטיעות", דורך פֿלאָנטער־ניש און מעטאַפֿיזישע חקירות קען מען אַראָפּגײן פֿון „גלײַכן וועג" און אָפּהאַקן די פֿלאַנצן פֿון דער אמונה.

אַ שטיקל צײַט איז אָנגעגאַנגען דאָס מחלוקת צווישן די צוויי חסידישע גדולים. ענדליך האָט דער תלמיד, דער איזשביצער, מורד געווען אין רבי'ן און איז אַוועק פֿון אים. געוואָרן אַלײן אַ רבי פֿון חסידים. ער איז פֿון דעם פֿײער, וואָס האָט געפֿלאַקערט אין קאָצק און פֿאַרצערט דאָך און פֿונדאַמענט אַוועק — צום וואַסער. זיך

באַזעצט ביים ווייכסל. זיך געשפּיגעלט אין זיינע זילבערנע כוואַליעס און דאָרט געשאַפן זיין חסידישן ספרל „מי השילוח״.

ר׳ מענדעלע קאָצקער האָט געהאַט אַ חסידותטע, אַ אידישע רייכע פרוי פון אַמאָליקן פּוילן, די טאָכטער פון דעם פּוילשן היס־טאָרישן יידן, ר׳ שמואל זשביטקאָווער. זי, די קלוגסטע פרוי פון איר דור, פון פרומען פּוילן, אַ נגידותטע, צו וועמען רבנים און גוטע יידן פלעגן פאָרן נאָך אַ שתדלנות ביים שררה, די וואַרשעווער חסידישע נגידה, האָט געהייסען תמר. „טעמערל״ האָט מען זי גע־רופן אין דער חסידישער וועלט. זי פלעגט אַליין פאָרן קיין קאָצק, טייסטערס געלט, פולע מיט גאָלדענע רענדלאך, פלעגט זי מיטבריינ־גען און אַנזעטן און אָנקליידן די קרועה ובלועהדיקע, הונגעריקע חסידים, וואָס האָבן געקלאַפּט אין רבינס טיר ווי אין אַ טויבער וואַנט און זיינען ניט געענטפערט געוואָרן.

ביים קאָצקער, ביי דעם פייערדיקן זייל פון חסידות, וואָס האָט זיך געצויגן מיט זיינע מחשבות צו אומענדלעכע וועלטן, האָט „טע־מערל״ קיין ראָלע ניט געשפּילט. געלט איז עולם הזה, און דער קאָצקער איז ניט געקומען אויף דער וועלט צו טיילן די חסידים עולם הזה. אין אַ שיינעם טאָג האָט ער די קאָצקער נגידה אַרויסגע־טריבן פון הויף מיט איר געלט. זי איז אַוועק צום ווייכסל, צו ר׳ מרדכי יוספן, זיך צוגעהערט צו זיין תורה, וואָס איז ניט געווען פייערדיק, טראָציק, טיף ווי דער ים, נאָר דבקותדיק, מילד, רחמימ־דיק, געפיל־פול. איז געפלאָסן נחתדיק ווי די כוואַליעס פון ווייכסל.

די תורה פון „מי השילוח״, אָט די תורה פון אייביקן בענקען, די תורה פון לעבן, וואָס ציט זיך, ווי אַ טייך און ווערט קיינמאָל ניט אי־בערגעריסן. די תורה פון אמתן יידישן מיסטיציזם, האָט זיך גע־כוואַליעט אַ פּאָר דורות פון ווייכסל ביזן סעין. ר׳ מרדכי יוספס אין סוף האָט געפונען אַ תיקון אין בערגסאָנס „גאָט וואָס דויערט״, די פילאָזאָפיע פונם גרעסטן פילאָזאָף פון אונדזער צייט אַנרי בערגסאָן, דער אוראייניקל פון טעמערלען, דער איזביצער חסידות־טע.

2

מען קען ניט אויסשעפּן בערגסאָנס פילאָזאָפיע. זי איז ווי אַ טייך, און אַ טייך קען מען ניט אויסשעפּן. בערגסאָנס פילאָזאָפיע איז צו קאָמפּליצירט מען זאָל קענען פאַנאַדערוויקלען איר גאַנצן סיס־טעם. דאָס וויל איך בלויז געבן די גרונט־שטריכן פון זיין צענטראַ־לער לערע.

דער גרונט־מאָטיוו פון בערגסאָנס פילאָזאָפיע איז דאָס לעבן. דאָס לעבן איז אַן אומאויפהערלעכער שאַפונג־פּראָצעס. וואָס אים איז אונטערגעוואָרפן אַלץ אין דער וועלט. ביז בערגסאָנען איז די גאַנצע פילאָזאָפיע באַשטאַנען אויפן פּרינציפּ פון רוים, פון חשבון און דעטערמעניזם, מיטן לעבעדיקן מענטשן האָט זי זיך ניט באַ־שעפטיקט. איז געקומען בערגסאָן און האָט ערקלערט, אַז „עס איז ניטאָ קיין זיין . . . דיווירקלעכקייט איז באַוועגלעכקייט. ניט זאַכן פאַרטיקע, נאָר זאַכן אין דעם פּראָצעס פון ווערן. עס עקזיסטירן בלויז צושטאַנדן, וואָס בייטן זיך. אַלצדינג איז בלויז אַן אילוזיע, אָדער רעלאַטיוו. ווירקלעכקייט איז שטרעבונג, דאָס מיינט בייטן די ריכטונג" (אַריינפיר צו דער מעטאַפיזיק).

לעבן איז אַ שאַפונגס־פּראָצעס, אַן אומאויפהערלעכער יצירה־פּראָצעס. דאָס גאַנצע לעבן איז געגליכן צו אַ פולסירנדיקן טייך, וואָס קוועלט פון זיך אַליין און ווערט פון דאָס ניי באַשאַפן. לעבן איז אַן אינערלעכער שאַפנדיקער כח, וואָס איז ענג פאַרפלאָכטן אין ראָד פון אין־סוף. צייט קען מען ניט דערקלערן, מעסטן און וועגן, נאָר איבערלעבן, ווייל צייט גייט ניט פאָראויס, נאָר גייט מיט, קען ניט אָפּגעזונדערט ווערן פון דאָס געשעהענע, פונקט ווי די באַוועגונג קען ניט אָפּגעשיידט ווערן פון דער באַוועגלעכער כוואַליע.

און וויבאַלד דאָס לעבן איז אַ שטענדיקער פּראָצעס און באַ־וועגונג און צייט, זיינען שוין ניט קיין פאַקטן, נאָר געפיל, קען מען דאָס לעבן ניט באַנעמען פון דעטערמינירטן מעכאַניסטישן שטאַנד־פּונקט, נאָר דורך אינטואיטיווער דערקענטעניש. דער מהות פון

דער וועלט קען טאַקע ניט פאַרשטאַנען ווערן, ער קען אָבער אויפ־גענומען ווערן אינטואיטיוו.

אין דעם פילאָזאָפישן באַנעם פון בערגסאָנען קומט צום שאַרפסטן און טיפסטן אויסדרוק די שטאַרקע איבערוועלטיקונג פון דעם איראַציאָנעלן שטראָם איבער דעם ראַציאָנאַליזם. אינטואיציע שאַפט דאָס לעבן, ניט דער אינטעלעקט. אין דעם לאָגישן דענקען קענען מיר נאָר בהדרגה וואָס אַמאָל ווייטער זיך פאַרפאָלקאָמען און צוקומען צום רעלאַטיוו אַבסאָלוטן, אָבער צו דער התגלות פון פאָזי־טיוו אַבסאָלוטן קען מען דערגרייכן נאָר דורך אינטואיציע.

אָט וואָס בערגסאָן זאָגט אין זיין אַריינפיר צו דער מעטאַפיזיק: עס זיינען פאַראַן צוויי טיף פאַרשידענע אופנים, ווי אַזוי צו דער־קענען אַ קעגנשטאַנד. איין וועג איז: צו דרייען זיך אַרום דעם קעגנשטאַנד. דער צווייטער איז, אַריינצודרינגען אינעווייניק אין דעם קעגנשטאַנד. איינער הייגגט אָפּ פון דעם שטאַנדפונקט, וואָס מיר נעמען אָן און פון די סימבאָלן, אין וועלכע מיר דריקן זיך אויס. דער אַנדערער גייט נישט אַרויס פון קיין געזיכטס־פונקטן און שטיצט זיך נישט אויף קיינע סימבאָלן. דער ערשטער מין דערקענטעניש שטעלט זיך אָפּ, קען מען זאָגן, ביי דעם רעלאַטיוון. דער צווייטער ווי אַזאַ איז מעגלעך, דערגרייכט דאָס אַבסאָלוטע".

און דאָ גייט בערגסאָן אריבער איבערצוגעבן, פאַרוואָס דורך עקספּערימענטאַלע אַנאַליזן קען מען נישט דערגרייכן דאָס אַבסאָלו־טע נאָר דאָס רעלאַטיווע. ער זאָגט: „ווען איך זאָל עמיצן, וואָס פאַרשטייט ניט קיין גריכיש, איבערגעבן דעם איינפאַכן איינדרוק, וואָס האָמערס אַ פערז מאַכט אויף מיר, וואָלט איך קודם כל איבער־זעצט דעם פערז, נאָכדעם וואָלט איך געמאַכט אַ פירוש אויף דער איבערזעצונג, צולעצט וואָלט איך דעם פירוש אַנטוויקלט אין איין דערקלערונג נאָך דער אַנדערער, וואָלט איך אַלץ נעענטער געבראַכט צו דעם, וואָס איך וואָלט געוואָלט אַרויסברענגען. צוגעקומען דער־צו וואָלט איך אָבער קיינמאָל ניט". הייסט עס, ניט דורכן שכל, דורך אינטעלעקט, קענען מיר דערגיין צום אַבסאָלוטן נאָר דורך

איבערשטייגן דעם ריינעם פאַרשטאַנד. ניט אַריסטאָטעלס שיטה פון „נוס" (שכל, פאַרשטאַנד), וואָס באַוועגט די וועלטן, אויך ניט דעקאַרטס הנחה „איך טראַכט — דערפאַר בין איך", אויך ניט קאַנטס „ריינער פאַרנונפט", נאָר אינטואיציע.

אַ ריין־אינטיאוטיווע דערקענטעניש, פון דעם וואָס לעבט אייביק, באַדייט אייגענטלעך פאַר דעם מענטשן, אין געוויסע מאָמענטן פון גייסטיקער דערהויבונג, פון גייסטיקער קאָנצענטראַציע, אַריינצעוועבן זיך אין דער געטלעכער אייביקייט. דורך געפיל, אינטואיציע, ווערן מיר איינס מיט דעם געפאָרשטן קעגנשטאַנד.

אין דער טויטער וועלט קען טאָקע אַמאָל הערשן דער שכל, אָבער ניט אין דער לעבעדיקער, ווייל „אינטואיציע — זאָגט בערגסאָן, איז גייסט גופא, און אין אַ געוויסן זין לעבן גופא. מיר דערקענען די איינהייט פונם גייסטיקן לעבן נאָר דעמאָלט, ווען מיר פאַרזעצן זיך אין דער אינטואיציע".

אין קורצן, דאָס אינערלעכע לעבן, דאָס גאַנצע לעבן, איז בלויז אַ פּראָצעס פון ווערן, פון תמיד אַנדערש ווערן. דאָס לעבן איז אַ באַוועגונג, אַן אומאויפהערלעכער שאַפונגס־פּראָצעס און איז פריי, ניט קויזאַל און ניט דעטערמינירט. דאָס איז דער ערשטער גרונטשטריך פון בערגסאָנס וועלט־בילד, וואָס איז דורכאויס יידיש, ווייל אויך דער הויפּט־עיקר פון יידישקייט לערנט, אַז גאָט באַנייט שטענדיק די וועלט, צוגעבנדיק אַלץ נייע און נייע ישן צו איר פאַרמירנדיקן אוצר (המחדש בטובו בכל יום תמיד מעשה בראשית).

דער צווייטער גרונט־שטריך פון בערגסאָנס פילאָזאָפיע איז די דערקענטעניש, אַז יעדער מענטש ווערט געפירט פון זיינע אינערלעכע שטרעבונגען. אינטעלעקט אַליין איז אין אַ געוויסן זין אינסטינקט, און שכל מוז אָנקומען צו אינטואיציע.

אָט די גרונט־שטריכן האָט בערגסאָן געהאַלטן אין איין פאַרטיפן, ביז ער האָט געשאַפן זיין וואונדערבאַרן, ברייט־האַרמאָנישן סיסטעם, וואָס די אינטעלעקטועלע וועלט האָט באַצייכנט אַלס די „פילאָזאָפיע פון פרייהייט".

אַ סך האָבן בערגסאָנען באַצייכנט פאַר אַ מיסטיקער. אָבער בערגסאָן איז ניט נאָר מיסטיש, נאָר אויך חסידיש. זיין גאַנצע שיטה איז אומבאַוואוסטזיניק אַ גרויסער שפרונג אין חסידות אַריין.

„די פילאָזאָפיע פון פרייהייט" האָט מען גערופן דעם פילאָזאָפישן סיסטעם פון בערגסאָנען. בערגסאָן, וואָס האָט אַנטדעקט דעם „עלאַן וויטאַל", דעם אימפּעטדיקן כוואַליענדיקן לעבן, האָט אויך געמוזט אַנערקענען דעם גרויסן דראַנג נאָך פרייהייט אין מענטשן, דער דראַנג וואָס רופט אַרויס די גרעסטע שעפערישסטע טאַטן. אַזוי לאַנג ווי עס וועט זיין לעבן, וועט זיין פרייהייט און ווילן. (אויך ר' מרדכי יוסף, דער איזשביצער, האָט קעגן דעם קאָצקער מח, קעגן זיין סקעפּטיש־רעזיגנירטן צווייפל אין שכר ועונש, אַרויסגעשטעלט דעם מענטשן און זיין בחירה. דער מענטש קען זיך דערהויבן אין זיין ווילן דורך דער באַהעפטונג מיט דאָס געטלעכע אין אים „כי האדם בעל בחירה הוא, ולכן יכול ההסתר לכוף עליו, בשורש יסוד יאיר דעת להאדם". ווייל דער מענטש איז ניט דעטערמינירט, איז פריי אין זיין אויסוואַל, דעריבער שוועבט דאָס פאַרבאָרגענע אויף אים, זאָגט דער צדיק אין זיין „מי השלוח", אַזוי פאַרפלעכט זיך דער לעצטער און טיפסטער זין פון בערגסאָנס שיטה מיט אַ געדאַנק פון זיין באָבעס פאַרצייטיקן רבי'ן.

עס איז שוין אָנגעוויזן געוואָרן, אַז פאַר בערגסאָנען איז די ליבע פון גאָט צו דער וועלט — די ליבע פון דעם קינסטלער צו די פּראָ־דוקטן פון זיין שאַפן, וועלכע ער ברענגט אַרויס פון זיך אַליין, און גאָט און וועלט, דער מחדש, דער קינסטלער און די פּראָדוקטן פון זיין שאַפן, זיינען אַלע אינאיינעם, ניט קיין אַנדער זאַך, ווי נאָר דאָס לעבן, וואָס איז דער לעצטער גרונט און אינעווייניקסטער תוך פון יעדער זיין. לויט בערגסאָנס געדאַנק וועגן צייט, וועגן „גאָט וואָס דויערט", קומט אויס, אַז יעדע זאַך, וואָס איז איינמאָל אַריינ־געטראָטן אין דער וועלט, קען שוין פון איר קיינמאָל ניט פאַרשווינדן, ווייל עס איז גאָרניטאָ אַזאַ מין זאַך, ווי ניט זיין, אָדער פאַרשווינדן. אַלץ וואָס איז ווען עס איז פאַרגעקומען אין דער וועלט, פאַרבלייבט

אין איר אויף אייביק. און יעדע רגע, יעדע נייע „צייט", באַרייכערט מיט עקזיסטענץ דעם שוין אַרויסגעבראַכטן אוצר (שטעלט אַוועק בערגסאָנס סיסטעם, פאַר וועלכען צייט און לעבן איז די זעלביקע זאַך, אין ליכט פון דעם קבליסטישן אַפאַריזם, וואָס ר' מרדכי יוסף ברייגנט אין זיין ספרל, און איר וועט זען ווי יידיש, חסידיש, ווי גאַנץ און איינס זיין שיטה איז מיט דעם פונדאַמענטאַלן געדאַנק פון דער קבלה).

„גאָט פון דויער" — און די מקובלים האָבן געלערנט, לויט דעם „מי השלוח" — צו פאַרבינדן יעדע רגע מיט דער אייביקייט. די ספירה פון „נצח" ניט בלויז ווי אַ כמות פון צייט, נאָר אויך ווי אַן איכות פון צייט. „היה, הוה ויהיה ברגע אחד" — געווען, איז און וועט זיין אין איין מאָמענט.

פאַרטיפט און פאַרוואָרצלט זיינען מאָדערנע פסיכאָלאָגישע גע־דאַנקען אין די אַלט יידישע אוצרות. קען טרעפן, אַז עס זאָלן זיך באַגעגענען צוויי אמתע אידעען פון אַ קליינשטעטלדיקן פוילישן חסידישן רבין ביי דער וויכסל מיטן מאָדערנעם פראַנצויזישן פי־לאָזאָף, וועלכער האָט גאָרניט געוואוסט, אָדער זיך געמאַכט ניט וויסנדיק, פון זיין יחוס און האָט געשטעקט מיט זיין גאַנצער סימ־פּאַטיע אין דער קאַטוילישער וועלט.

עס איז שווער זיך אַריינצולייענען אין די אומסיסטעמאַטישע און ניט צוגענגלעכע אַלטע חסידישע ספרים, זיך אַריינגראָבן אין זייערן אַ געדאַנק. עס האָט זיך נאָך דערוויל קיינעם ניט איינגעגעבן צו שאַפן יענעם פאָפּולערן סטיל און צוגענגלעכער פאָרם, וואָס זאָל פאַר יעדן לייענער אויפבליצן יענע פילאָזאָפישע און פסיכאָלאָגישע שטראַלן פונם חסידות־האָריזאָנט. אָבער אָט טרעפן מיר זיך אָן אויף אַ מאמר אין דעם געל־בלעטערדיקן ספרל, וואָס פירט אונדז, בלויז דורך דער ענדערונג פון דער טערמינאָלאָגיע, גלייך אין בערג־סאָנס ריזיקן אינטואיציע־סיסטעם.

„ידוע תדע פני צאנך שית לבך לעדרים — היינו, שתכיר ותדע רצונות לבך להיכן נוטים ונמשכים שנתן הקב"ה כח ההסתר

בעולם שע״י זה יתגלה לו למעלה מכח חכמתו שנחלק לו״ (מי השילח, לקוטים).

מיר דאַרפן נאָר געפינען די גענויע טערמינען און דעם ריכטיקן סטיל און מיר וועלן באַלד דערזען יענעם גלייכן שנור, וואָס ציט זיך פון דעם חסידישן גדול ביז בערגסאָנען, ווייל וואָס איז דען דער „כח ההסתר בעולם״, וואָס איז „למעלה מכח חכמתו״, אויב ניט דער פונדאַמענטאַלער כלל פון בערגסאָניזם: דער פרימאַט פון געפיל, פון מיסטישן לעבנס־כח איבערן שכל, ווייל דער „כח ההסתר״, דאָס איז די אייביקע דינאַמיק, די דינאַמיק וואָס פליסט, אַזוי ווי דאָס לעבן און שטעלט זיך קיינמאָל ניט אָפּ. דאָס איז דער פליסנדיקער טייך וואָס הייסט לעבן, דער טייך וואָס קוועלט פון זיך, די „מי השלוח ההולכים לאט לאט״ . . .

אויב עס איז דאָ אמת אין דעם פּאָעטיש־פילאָזאָפישן פערז, וואָס אַן אינטעלעקטועל־יידישער דיכטער האָט אויסגעזונגען: „ערגעץ מוז זיך אַלץ מיט אַלעם טרעפן״, און עס איז טאַקע דאָ אַן אָרט, „וואו סתירות גיבן זיך די הענט״, איז זיכער אמת, אַז אין דעם אינטעלעקטועלן פּאַטאָס, וואָס דער פילאָזאָף אַנרי בערגסאָן האָט אַריינגעבראַכט אין דער גייסטיקער וועלט, איז דאָ אַ גלגול פון התלהבות־דיקן פוילישן חסידות, אַ ניצוץ איז מגולגל געוואָרן און געפונען פון דאָס ניי אַ מאָדערנעם תיקון.

די אַמעריקאַנער פילאָזאָפיע
און די פּראַקטישע יידישקייט

לעצטענס מערקט זיך אין דער יידיש־אינטעליגענטער וועלט, אַ ווילן, צו שאַפן אַ סינטעז פון יידישן און אַמעריקאַנער געדאַנקען־גאַנג. אייניקע יידישע פירער, וואָרט־זאָגער און אפילו שרייבער, וועלנדיק פאַרזיכערן דעם קיום פון יידישן וועזן אין אַמעריקע, זוכן אַ וועג צו האַרמאָניזירן דעם יידישן לעבנס־שטייגער מיטן אַמעריקאַנער דעמאָקראַטישן גייסט. זיי זוכן אַ וועג, וואָס זאָל קענען איינשטעלן די האַרמאָניע צווישן יידישקייט און דעמאָקראַטיע. דער וועג זאָל זיין אַ פּועל יוצא פון אַ שעפערישן איבערנעמען מצד דעם יידישן לעבן פון יענע אידעען און ווערטן, וואָס זיינען אַ טייל פון אַמעריקאַנער געדאַנקען־סיסטעם.

ווען מען רעדט וועגן אַנטוויקלען אַ שיטה, וואָס זאָל זיך צו־פּאַסן צו דער אַמעריקאַנער דעמאָקראַטישער אידעאָלאָגיע, טאָר מען בשום אופן ניט דורכלאָזן דעם פּראַגמאַטיזם, די נייע אַמע־ריקאַנער פילאָזאָפיע. מען מוז אַנאַליזירן די טעאָרעטישע יסודות פון דער פּראָגרעסיווער אַמעריקאַנער פילאָזאָפיע, פון דער אַמערי־קאַנער אידעע, ווי זי ווערט אויסגעטייטשט אין פּראַגמאַטישן זין.

וואָס זיינען עס די די הויפּט־שטריכן פון דער אַמעריקאַנער פילאָזאָפיע, פון יענער ספּיציפיש־אַמעריקאַנער אידעע, וואָס איז דורך און דורך כאַראַקטעריסטישע פאַרן אַמעריקאַנער גייסט, די פילאָזאָפיע, וואָס איז באַקאַנט אונטערן נאָמען פּראַגמאַטיזם? (די יסודותדיקע פּרינציפּן פון פּראַגמאַטיזם האָבן אַריינגעבראַכט אַ לחלוטינדיקע ראַדיקאַלע ענדערונג אין דער פילאָזאָפישער קאָנ־צעפּציע פון „רעאַליטעט" און „זיין").

עס איז באַוואוסט די קלאַסישע פאָרמולע פון דעם באַקאַנטן מאַטעמאַטיקער א. נ. וויטהייד, אין זיין גרויס ווערק „פּראָצעס און

רעאַליטעט", אַז די גאַנצע געשיכטע פון דעם פילאָזאָפישן געדאַנק אין מערב אייראָפּע שטעלט מיט זיך פאָר נאָר אַ פּירוש צום פּלאַטאָניזם, וועמענס גרונט־הנחות זיינען פאַרוועבט געוואָרן אין דעם מיטלאַלטער מיט פאַרשידענע רעליגיעזע מאָטיוון, מיט קריסטלעך־טעאָלאָגישע קאָנצעפּציעס, מוסולמענישער עטיק און העברעאישער אַבסטראַקטער טעאָלאָגיע, אין איין מעטאַפיזישן געוועב.

די גריכישן מעטאַפיזיק, לויט די נוסחאות פון פּלאַטאָ און אַריסטאָטל, איז כסדר אָנגעגאַנגען אין דער מאָדערנער מערב־אייראָפּעאישער פילאָזאָפיע. עס איז אמת, אַז דער מעטאַפיזישער שטראָם איז כסדר געגאַנגען דורך לאַבירינטן און זיגזאַגן, אָבער אין תוך איז זיין פּלאַטאָנישער אינהאַלט ניט געענדערט געוואָרן. אַפילו שפּינאָזאָן, ביי זיין גאַנצער מי צו שאַפן אַ מאָניסטישע וועלט־אָנשויאונג, איז ניט געלונגען ביי־צוקומען די פּלאַטאָניש־אַריסטאָטעלישע מעטאַפיזיק. די רעזולטאַטן פון זיין נאַטור־וויסנשאַפט און דעטערמיניזם, זיינען ביי אים צוזאַמענגעוועבט אין איין וואונדערבאַרן, ספּעקולאַטיוו־מעטאַפיזישן דענקונגס־סיסטעם. ניט קוקנדיק אויף די גרויסע חלוקי־דעות, וואָס עקזיסטירן צווישן די פאַרשיידענע פילאָזאָפישע סיסטעמען פון דעם שפּינאָזאַאיזם ביז קאַנטיאַניזם און ווייטער, האָבן זיי דאָך איין אַלגעמיינע גרונט־הנחה, פון וועלכער זיין גייען אַרויס, אַז עס עקזיסטירט אַ מעטאַפיזיש־שכלדיקער אמת וועלכער איז פאַרשטעלט מיט אַ שלייער, מיט אַ צודעק, און אונדזער אויפגאַבע בלייבט, דורך מעטאַפיזישע מעטאָדן, אויפצודעקן דעם פאַרבאָרגענעם אמת.

די נייע הערשנדיקע פילאָזאָפיע אין אַמעריקע, דער פּראַגמאַטיזם קוועסטיאָנירט דעם גאַנצן באַגריף פון אַ מעטאַפיזישן אמת. פּיערס און נאָך אים וויליאַם דזשיימס, האָבן אָוועקגעשטעלט אַלץ אויף פּלוראַליזם, פּילצאַליקייט. ביז דזשיימסן האָט מען געמיינט, אַז דענקען און זיין איז דאָס זעלבע. אַז „זיין", עקזיסטירן,ווירקלעכקייט, הענגט אָפּ, סוף כל סוף, פון אונדזער מענטשלעכן דענקען, ביז עס איז

געקומען די וויסנשאַפט, מיט איר עקספּערימענטאַלער מעטאָדע, און האָט צעבראָכן די וועלט פון דער אַלטער לאָגיק.

אונדזער דענקען, אונדזער וויסן, לערנט דער פּראַגמאַטיזם, האָט נאָר אויף אַזויפיל אַ ווערט, אויב מען קען פון זיי אַרויסציען „רולס פאַר עקשאַן״, סטימולן פאַר טאָטן, ווען זיי האָבן אַ פּראַק־טישן ווערט.

דער פּראַגמאַטיזם, באַזונדערס אין זיין אינסטרומענטאַליסטי־שער פאָרם, וועגן וועלכן מיר וועלן שפּעטער רעדן, און וועלכער איז אַמקלאָרסטן אויסגעדריקט ביי דיואין, דזשיימסעס תּלמיד — האָט אַוועקגעשטעלט די פּראָבלעמאַטישע פּראַגע: פאַרוואָס איז די ספּעקולאַטיווע פילאָזאָפיע געווען ביז אַהער אַזוי הינטערשטעליק און אַזוי אָנמעכטיק לגבי עקזאַקטע און סאָציאַלע וויסנשאַפטן? פאַרוואָס איז די פילאָזאָפיע, ביז אַהער, געווען אַזוי אומפּרוכטבאַר אין איר השפּעה אויף די מאַטעמאַטיש־פיזיקאַלישע וויסנשאַפטן און אַזוי אָן ווירקונג אויף דער עקאָנאָמישער און סאָציאַל־פּאָליטישער ווירקלעכקייט? און דער פּראַגמאַטיזם ענטפערט: דאָס נעמט זיך פון דעם, וואָס די פילאָזאָפיע איז ביז אַהער געווען סטאַטיש.

די רעאַליטעט, דער באַגריף „זיין״, איז ניט קיין פאַראויס פאַ־ראַנענע זאַך, איז ניט עפּעס, וואָס איז ערגעץ דאָ און מיר דאַרפן נאָר אויסגעפינען, וואו עס געפינט זיך. די רעאַליטעט איז איבערהויפּט ניט אין קיין רוענדיקן צושטאַנד. זי איז אַ שטענדיק פליסנדיקע, אַ פּערמאַנענט זיך ענדערנדיקע. זי ווערט פון אונדז אַליין בשותּפות מיט דער נאַטור געבױיט און באַשאַפן. די רעאַליטעט איז ניט קיין סובסטאַנץ, נאָר אַ פּראָצעס, אַן אינסטרומענט פון כסדרדיקן באַ־שאַפן נייע עלעמענטן, פאָרמען, ווערטן, דורך שטענדיקן, ציל־באַ־וואוסטן עקספּערימענטירן מיט דעם אַלטן. דאָס אַלטע זאַפּט זיך אַריין פליסנדיק אין דעם נייעם. ניט דאָס גאַנצע אַלטע, נאָר אַזעלכע עלעמענטן פון אים, וואָס די עקספּערימענטאַלע דערפאַרונג באַוויזט זייער פעאיקייט און אַרבעטסזאַמקייט אין דעם געוועב פון דעם נייעם.

דער מעטאָד פון דעם פּראַגמאַטיזם איז אַ ריין עקספּערימענטאַ־לער. דער איינציקער מעטאָד אויסצוגעפינען, אויסצופאָרשן און דערגיין אמת׳ן איז ניט דער אַלטער ראַציאָנאַליסטישער מעטאָד פון אַבסטראַקטן דענקען און אויך ניט דער עמפּירישער יסוד פון דער־פאַרונג, נאָר דער מעטאָד פון עקספּערימענטאַליזם (דערפאַר דער באַמען: עקספּערימענטאַלע, אינסטרומענטאַלע פילאָזאָפיע). דער עקספּערימענטאַלער מעטאָד שאַצט אַלצדינג אָפּ אין טערמינען פון רעזולטאַטן, פון פּועל־יוצאס. די קריטעריע פון דעם פּראַגמאַטיזם איז די אַרבעטס־פעאיקייט פון דעם געגעבענעם מאַטעריאַל. „דאָוז איט וואָירק? איף איט דאָוז, איט׳ס טרו״. „אַרבעט עס, אָדער אַרבעט עס ניט״? — דאָס איז די לאָזונג וואָס דער פּראַגמאַטיזם האָט אַריינגעוואָרפן אין דער אַמעריקאַנער געדאַנקען־וועלט.

דער עקספּערימענטאַלער מעטאָד ווייזט אונדז, וועלכע טיילען פון דעם פריערדיקן זאָלן אַריינגעזאָגן ווערן אין דעם איצטיקן, און פון דעם איצטיקן אין דעם צוקונפטיקן. עס מוזן זיין אַזעלכע עלעמענטן, וואָס מאָדיפיצירנדיק דאָס אַלטע, באַשאַפן זיי דאָס נייע. אָבער ניט די סתם נייע, נאָר דאָס בעסערע, אַרבעטס־פעאיקערע, נייע..

דער פּראַגמאַטיזם האָט אויך געשאַפן אַן אַנדער באַגריף וועגן עצם מהות פון דענקען. דער טראַדיציאָנעלער באַגריף פון דענקען, ווי אַ פּראָצעס פון לאָגישן באַטראַכטן די ווירקלעכקייט אינגאַנצן איזאָלירט פון טאָן, פון אַרבעט, האַלט דער פּראַגמאַטיזם, האָט זיך אינגאַנצן דיסקרעדיטירט אין דער וויסנשאַפט.

אין דער גריכישער פילאָזאָפיע פון לאָגיק און מעטאַפיזיק איז געווען אָנגענומען, אַז „דענקען״ איז אַ העכערע שטופע פון „טאָן״ און „אַרבעטן״. דענקען איז אַ זעלבסטשטענדיקע קאַטעגאָריע, גאַנץ אָפּגעגרענעצט פון דער קאַטעגאָריע פון פּראַקטישער אַקטיוויטעט. דער דאָזיקער באַגריף האַלט זיך נאָך עד היום אין דער מאָדערנער מעטאַפיזיק.

די גריכישע געזעלשאַפט איז, ווי באַוואוסט, געווען איינגעטיילט

אין צווײ קלאַסן: אין דעם העכערן קלאַס פֿון אינטעלעקטועלע, וואָס האָבן געהאַט אַ סך פֿרײַע צײַט פֿאַרן אַבסטראַקטן, טעאָרעטישן דענקען און דעם נידעריקן קלאַס פֿון האַנטווערקער־שקלאַפֿן, וואָס האָבן מעגלעך געמאַכט די פֿילאָזאָפֿישע שטודיען פֿון דעם ערשטן העכערן קלאַס דורך זײער פּראַצע. שקלאַפֿערײַ איז געווען אַ „נאַ־טירלעכע" אינסטיטוציע, וואָס אַפֿילו דער גרויסער אַריסטאָטעלס האָט זי ניט אָפּגעפֿרעגט. די שטריכן פֿון אָט־דער דואַליסטישער סטרוקטור פֿון דעם סאָציאַלן אָרגאַניזם זײַנען אַריבערגעטראָגן געוואָרן אין דער וועלט פֿון לאָגיק און מעטאַפֿיזיק. „דענקען" איז אַ העכערע מדרגה פֿון „טאָן", פֿון אַרבעטן. גאַנץ אַנדערש איז אָבער די פּראַגמאַטיסטישע אויפֿפֿאַסונג פֿון דעם פּראָצעס דענקען. אָט דער פּראָצעס קומט פֿאָר, לויט דער פּראַגמאַטיזם, ווען מיר באַגעגענען זיך אין דער פּראַקטישער אַרבעט פּנים אל פּנים מיט אַ שוועריקייט, מיט אַ פּראָבלעם. מיר זוכן דעמאָלט מיטלען, ווי אַזוי צו באַזײַטיקן די מניעה, ווי אַזוי צו לײזן דעם פּראָבלעם. דער אינטעלעקטועלער פּראָצעס פֿון דענקען וואַקסט דאַן אַרויס פֿון דער פּראַקטישער אַרבעט, וועבט זיך שפּעטער אַרײַן אין איר, רע־וואָלטירט אַלס אַ סינטעז אין אַ נײַ־באַשאַפֿענער פּראַקטישער סיטואַ־ציע, וואָס רופֿט אַרויס, אין איר ווײַטערדיקן פּראָצעס פֿון אַנט־וויקלונג, נײַע פּראָבלעמען, נײַעם שטאָף פֿאַר טעאָרעטישער דענ־קונגס־אַרבעט. אַזאַ קוק אויף דעם מהות פֿון דענקען פֿירט צו דעם, אַז דער ריס צווישן מוח אַרבעט און האַנט אַרבעט, צווישן טעאָריע און פּראַקטיק, צווישן ציל און מיטל, פֿאַרשווינדט.

דער כאַראַקטער פֿון דעם פּראַגמאַטיזם איז אַ פּלוראַליסטישער. דאָס פֿאַרשווינדן פֿונם קעגנזאַץ צווישן ציל און מיטל פֿירט צו דעם, אַז מיר הערן זיך אויף יאָגן נאָך אַן אַבסאָלוטן אידעאַל, אַז מיר באַ־פֿרײַען זיך פֿון דער אילוזיע, אַז עס איז דאָ אַזאַ זאַך, ווי אַן אַבסאָ־לוטער אמת, אַן אַבסאָלוטער ענד־ציל. רעאַליזירן אַ ציל — לערנען ווײַטער די פּראַגמאַטיקער — קען מען נאָר, ווען צווײ פֿאַק־טאָרן זײַנען גלײַך באַרעכטיקט אין זײערע קעגנזײַטיקע שײַכותן.

איין פאַקטאָר איז די אָביעקטיווע סביבה — דאָס מיטל, דער צווייטער פאַקטאָר איז דער סוביעקטיווער אידעאַל — דער ציל, וואָס איז פון איר גופא טאַקע אַרויסגעוואַקסן און שטרעבט זי איבערצו־אַנדערשן.

פאַרוואָס האָבן באַנקראָטירט אַזויפיל אידעאַלן אין דער געשיכ־טע, — פרעגט די פּראַגמאַטישע פילאָזאָפיע — ווייל דער ציל איז געוועזן די הויפּט־זאַך און דאָס מיטל אַ נעבן־זאַך, אַ טפל. דער אמת איז אָבער, אַז דער ציל פון לעבן איז ניט דער העכסטער אי־דעאַל פון אַ מין לעצטער גוטסקייט, שיינקייט און ענדגילטיקן יושר. דאָס לעבן איז אַ שטענדיקער פּראָצעס, וואָס ווערט תמיד בעסער, רייפער, שענער און העכער. עס איז אַ פּראָצעס, ניט עפּעס אַ ריי מעשים, וואָס דאַרפן זיך ענדיקן מיט אַ העכסטן שפּיץ (זע, אַריינפיר צו לעבעדיקער פילאָזאָפיע, ד. ס. ראָבינסאָן; די אַמעריקאַנער פי־לאָזאָפיע, י. ל. ראַבינער, „פרייע שריפטן").

אַזאַ באַנעמונג האָט גוואַלדיקע קאָנסעקווענצן פאַר אַן אויפפאַ־סונג פון מאָראַל. „אַ שלעכטער מענטש איז דער מענטש, וואָס מאַכט ניט אויס ווי גוט ער איז תמיד געוועזן — הויבט אָן צו זינקען, הויבט אָן אַלץ ווייניקער אַרויסווייזן זיינע אידעלע אייגענשאַפטן. דער גוטער מענטש איז אַ מענטש, וואָס — מאַכט ניט ווי מאָראַליש פאַרדאָרבן ער איז תמיד געוועזן — ווערט בעסער. אַזאַ אויפפאַסונג ווירקט מען זאָל זיין שטריינג ביים משפּט'ן זיך אַליין, און מענטשלעך ביים משפּטן אַנדערע". בלויז דאָס ווערן בעסער און ווערן ערגער. ניט דאָס זיין גוט און זיין שלעכט, איז דער עיקר, מיט וואָס מען דאַרף זיך רעכענען, ווייל דאָס לעבן איז אַ פּראָצעס, עפּעס וואָס האַלט כסדר אין ווערן, און נוצט אַלע אייגנשאַפטן פון מענטש און וועלט, ווי אינסטרומענטן, אַז דאָס דאָזיקע ווערן זאָל זיך טראָגן אין דער געהעריקער ריכטונג, צו פאַרבעסערן און פאַרלייכטערן דאָס לעבן פון מענטשן.

אין קורצן, דאָס לעבן איז אַ פּראָצעס, און יעדע רגע איז אַ מאָמענט אין דעם פּראָצעס און איז ממילא וויכטיק אין זיך אַליין,

ניט צוליב אַנדערע דרויסענדיקע צילן. אָבער דער אידעאַליסט פאַרגעסט אָפּט, אַז דאָס מיטל איז אַ פאַרמירנדיקער פאַקטאָר אין דער אויסגעשטאַלטונג פון דעם ציל. דער ציל וואַקסט אַרויס פון דעם מיטל. די צוקונפט ווערט געבוירן פון דער קעגנוואַרט. ווערט אויף דעם „היינט" פאַקטאָר געקוקט מיט ביטול, דאַן איז אוממעגלעך דער אידעאַל זאָל פאַרווירקלעכט ווערן. דאָס גלויבן אין דער עק־זיסטענץ פון אַן אַבסאָלוטן אמת, האָט געפּענטעט דעם פילאָזאָפישן געדאַנק. דער פילאָזאָף האָט שטענדיק געזוכט דעם שליסל צו דעם איין און איינציקן אייביקן אמת, פאַרגעסנדיק, אַז עס זיינען דאָ אַ סך אומצאָליקע אמתן, וואָס ווערן באַשאַפן בשותפותדיק מיט דעם מענטשן און דער נאַטור. אונדזער וועלט איז אָבער אַ פּלוראַליס־טישע, ניט קיין מאָניסטישע. דער מענטש — זאָגט דזשוי — איז אַן אָרגאַניזם אין אַ סביבה. ער שאַפט זיין סביבה און ווערט פון איר געשאַפן אין דער זעלביקער צייט. דער געדאַנק איז ניט קיין איינזאַמער פויגל, וואָס פליט אין די בלויע מרחקים. דענקען — איז אַן אינסטרומענט פון קאָנקרעטן, רעאַלן לעבן. דורך דענקען פאַרשטייען מיר די וועלט, אָבער אויך דורך דענקען פאַרמירן מיר זי, און דאָס איז דער עיקר. מיר מוזן קוקן אויפן מענטשן, ווי אויף אַ טייל פון אומגעהויערער קאָמפּליצירטער סיסטעם פון שייכותן און קעגן־שייכותן.

אַזוי אַרום איז די סטאַטישע פילאָזאָפיע פון אַמעריקע, די וואָס האָט, דאָ אין דער נייער וועלט, פאַרגעזעצט די מעטאַפיזישע טראַדיציעס פון די אייראָפּעאישע פילאָזאָפיעס, די פילאָזאָפיע פון אַן עמערסאָן (דעם גרויסן פּאָעט־פילאָזאָף) און דעם שפּאַניש־אַמע־ריקאַניזירטן דזשאָרדזש סאַנטאיאַנא (אַ פילאָזאָף מיט אַ געפליגלטן סטיל, וואָס גלויבט אין אַן עסטעטישער רעליגיע, איז קעגן קריסטנ־טום און איז דאָך פאַרקאָכט אין דער מאַדאָנע) — איבערגעביטן גע־וואָרן פאַר אַ דינאַמישער, פאַר אַ פּראַגמאַטישער פילאָזאָפיע. די נייע אַמעריקאַנער פילאָזאָפיע האָט אָנגעהויבן אונטערוואַרפן אַלע ווערטן אונטער אַ פּראַגע־צייכן, און דאָס איז אַ בפירושע אַפּלייקענונג

פון דעם גאַנצן איראַפּעאישן אינטעלעקטואַליזם און אַ נייער פּרואוו אַוועקצושטעלן אַלץ אויף דערגרייכונגען און רעזולטאַטן, איידער אויף פּראָבלעמען און צילן.

די יסודות פאַרן פּראַגמאַטיזם האָט געלייגט וויליאַם דזשיימס. מיט אַ גרויסן אינטעלעקטועלן אימפּעט און לאָגיש אויסגעהאַלטענער האָט די טעאָריע פאַרגעזעצט און אַנטוויקלט זיין נאָכפאָלגער דזשאָן דיואי. דעם תלמידס פילאָזאָפיע איז אין דער אמתן א ביסל אַנדערש פון רבינס. זיין אופן פון שרייבן, זיין סטיל, אונטערשיידט זיך גאָר שטאַרק פון דזשיימסעס. דער פילאָזאָפישער טעמפּעראַמענט דיואיס איז אַן אַנדערער, אין גרונט־געגומען, אָבער האָט דיואי ניט באַוויזן בייצוקומען די פונדאַמענטן פון דזשיימס לערער און איינפלוס. פונדאַמענטאַל, זיינען דזשיימס און דיואי זייער נאָענט.ביידע גייען זיי אַרויס פון די זעלביקע גרונט־הנחות.

„די אמתע פילאָזאָפיע מוז שטודירן די ספּעציעלע נויטן און פּעלערן פון דער צייט, כדי צו בויען אַ ספּעציעלע סאָציאַלע מאַשין זיי צו באַזייטיקן. עס איז בעסער, אַז די פילאָזאָפיע זאָל נעמען אַן אָנטייל אין דעם קאַמף און די פּראָבלעמען פון איר אייגענער צייט, איידער זיך פאַרשליסן אין מאָנאַסטירישער ריינקייט אין שייכות צו די אידעען פון איר צייט". אַזוי זאָגט דיואי, דער וואָרט־זאָגער און פילאָזאָף פון דער פּראַקטישער יונגער אַמעריקע. דער רעזולטאַט, די דערגרייכונג, מוז דערהויבן ווערן איבערן ציל. אַלצדינג מוז געמאָסטן ווערן לויטן רעזולטאַט. דער רעזולטאַט איז בעסער און וויכטיקער ווי די מעטאָדע.

און די רעזולטאַטן פון דעם פּראַגמאַטיזם זיינען טאַקע וואונ־דערבאַרע: אַ סיסטעם פון ברייטן הומאַניזם, אַבסאָלוטער דעמאָ־קראַטיע, אידעאַלן ליבעראַליזם און סאָציאַלער גערעכטיקייט אָן קאָמפּראָמיסן.

2

מיר האָבן געפּרואווט געבן די פונדאַמענטאַלע שטריכן פון

פראַגמאַטיזם, באַקענען זיך מיט זיין סיסטעם, כדי צו באַווייזן די אידייאישע קרובהשאַפט צווישן דער הערשנדיקער אַמעריקאַנער פילאָזאָפיע און יידישקייט אַלס אַ פּראַקטישע אידעע.

יידנטום איז ניט קיין סטאַטישע אַנשוואונג. יידנטום ווענדעט זיינע בליקן קעגן דעם הוה און צו דעם עתיד. דאָס מיינט ניט, אַז דער עבר ווערט אינגאַנצן אויסגעוואָרצלט. פאַרקערט, לויט יהדות, וויזט דער גלאָר־רייכער עבר דעם וועג צו דעם עתיד. אָבער דער מאָרגן, דאָס געשיכטלעכע געשען, איז פאַר איר אַ פּראָגרעסיווער דינאַמישער וואוקס. די יידישע קעגנוואַרט ווערט באַלויכטן מיט די אייביקע אידעאַלן פון אַ גלאָר־רייכן עבר. אָבער זי נעמט אויף דעם לעבנס־שטראָם, פאַראייניקט זיך מיט דער נאָענט־צייטלעכער און אָרטיקער ווירקלעכקייט.

דער יידישער אינהאַלט איז טאַקע אין אַ געוויסן זין אַ זיך ניט בייטנדיקער, אַן אייביקער. אָבער בשום אופן ניט קיין סטאַטי־שער פאַרגליווערטער. די לעבנס־פאָרמען גייען פאַראויס, זיינען עלול געענדערט ווערן, און דער יידישער אינהאַלט, די רעליגיעזע קאָנצעפּציע, באַהעפט זיך מיט דעם צייט־שטראָם, פאַסט זיך אַריין אין די פאָרמען, ווייל די יידישע רעליגיע איז אַ נצחיות, איז אייביק, — איז זי דינאַמיש, פּראַגמאַטיש, איז איר פרעמד יעדער צייט באַגריף. די אייביקע טענדענצן פון יידישן גייסט האָבן ניט קיין רעספּעקט פאַר צייט און אָרט פאַרהעלטענישן.

פון אייביק אָן, איז אָנגעגאַנגען אין דעם יידיש־רעליגיעזן דענ־קען, און אָפט אויך אין לעבן, אַ שטענדיקע פּערמאַנענטע התחדשות, באַנייאונג און אַנטוויקלונג. די יידישע רעליגיעזע פּראָבלעמאַטיק איז קיינמאָל ניט געווען דאָגמאַטיש, פאַרגליווערט, ווי דער קאַ־טוליציזם, ווייל אין איר יסוד איז זי אין־סופיק, גרענעצלאָז — איז זי דינאַמיש.

אין יעדער עפּאָכע האָבן די יידישע רעליגיעז־פילאָזאָפישע דענקער, פון פילאָן ביזן רמב״ם, און פון רמב״ם ביז פראַנץ ראָזענ־צווייג, געפירט דעם קאַמף פאַר רעליגיעזער באַנייאונג, פאַר רע־

נעסאַנס, וואָס איז באַשטאַנען אין אויפנעמען די פילאָזאָפישע פּראָבּלעמאַטיק פון דער עפּאָכע און זי פאַרבינדן מיט דעם יידישן לעבנס־קוק.

די יידישע רעליגיע איז אַן אורח חיים, אַ לעבנס־וועג. זי איז מער ווי אַן אַבּסטראַקטע מעטאַפיזיק. זי איז ניט קיין טרעגער פון אַן אייגנאַרטיקן, פאַר איר כאַראַקטעריסטישן אידעאַל, ווי קריסטנטום. זי איז בעיקר אַ סאָציאַלע רעליגיע, אַ פּראָגראַם, וואָס באַגלייט דעם יחיד אין געדיכטן מענטשן־וואַלד, וואָס היילט לעבן און געזעלשאַפט. דערפאַר האָט זי זיך קיינמאָל ניט קאָנצענטרירט אין ד׳ אמות, אין איינגע תחומים פון צערעמאָניאַל און ריטואַל, נאָר האָט געהאַט מער צו טאָן מיטן אָרגאַניש־פליסנדיקן, לעבעדיקן, פולסירנדיקן איצטער, מיט דער ווירקלעכקייט. און איר מעטאָד איז געווען אַן עקספּערימענטאַלער, אַ זיך ענדערענדיקער, אין הסכם מיט די געענדערטע עקאָנאָמישע, סאָציאַלע, פילאָזאָפישע קאָניוקטורן, וואָס ווערן געבוירן אין דעם שטראָם פונם געשיכטלעכן גאַנג.

די תלמודיסטן האָבּן שוין געזען אונטער דעם טרוקענעם וואָרט פון דער תורה שבכתב, באַנייאונג־טראָגנדיקע געדאַנקען, וועלכע שטייגן ווייט אַריבער די גרענעצן פון געשריבענעם וואָרט, און וועלכע קענען מיט דער צייט מער פאַרשטאַנען ווערן און, ממילא, פאַרווירקלעכט ווערן, אומאָפּהענגיק פון צייט און אָרט.

אויך די געזעצן פון דער תורה זיינען ניט קיין טויטע טענדענצן. שוין אין זיינע ערשטע הלכות זאָגט דער רמב״ם: „הכל לפי דעתו של אדם, דברה תורה כלשון בני אדם״, ד. ה., אַז די גאַנצע תורה אין איהר וואָרטלעכער פאָרם איז געבויט לויט די השגות פון מענטשן. דערפאַר איז פאַרשטענדלעך, אַז די טענדענצן פון דער תורה אַלס נצחיות, אַלס אַבּסאָלוטע, וועלכע פליסן אַרויס פון די וואָרטלעכע פאָרמען קענען ניט אידענטיפיצירט ווערן מיט דער מענטשלעכער שפּראַך. די נביאים, תלמודיסטן און גאונים האָבּן טאַקע געזען אין די ווערטער, געדאַנקען, וועלכע שטייגן ווייט ווייט

אַריבער און זיינען פיל מאָל גרעסער, ווי דאָס וואָרט אַליין. זיי האָבן געזען אין יעדן געזעץ ניט קיין טויטן ריטואַל, נאָר לעבעדיק באַוועגנדיקע טענדענצן. אַ טענדענץ איז ניט קיין אָפּגעשלאָסענע זאַך. אַ טענדענץ מוז זיך אין פאַרלויף פון איר אַנטוויקלונג פאַרמערן דורך אויפנעמען כסדר, וואָס אַמאָל מער סכומים. אין איר קאָנטינועלער פּראָגרעסיווער אַנטוויקלונג ווערט זי וואָס אַמאָל מער קוואַנטיטאַטיווער. די קוואַנטיטעטן גייען איבער אין אַנדערע קוואַליטעטן. מיט דער צייט, ווען די טענדענץ נעמט אויף אַ גרעסערן סכום פאַרבייט ער זיין קוואַליטעט, ד. ה. ער מוז איבעראַנדערשן זיין סטרוקטור, זיין פאָרם, און אַזוי אַרום ווערט ער אַמאָל אַ לובש צורה ופושט צורה (זע ח. נ. ביאַליק, אין זיין עסיי „גלוי וכסוי בלשון“, און אחד העם אין זיין „תורה שבלב“).

די יידישע רעליגיעזע דענקער האָבן געזען אין יעדן וואָרט פון דער תורה אַ טענדענץ, וואָס האָט אין זיך אַ סך סכומים, וועלכע קענען וואָס אַמאָל מער פאַרשטאַנען ווערן און ממילא וואָס אַמאָל מער פאַרווירקלעכט ווערן, לויט די אויסערלעכע אומשטענדן פון צייט און אָרט.

דער תלמוד אַליין זאָגט אין אַ סך ערטער „הכל לפי המקום והכל לפי הזמן“ (פסחים ג׳, תענית י״ד, בבא מציעא מ׳) — אַלץ איז אָפּהענגיק פון צייט און אָרט. אויך אַלע שפּעטערדיקע גאונים און רעליגיעזע פילאָזאָפן האָבן אין דער תורה געזען טענדענצן, וועלכע זיינען בלויז געדאַנק, און געדאַנק, מחשבה איז ווי דער אומרו פון אַ זייגער, ער האַלט זיך אין איין באַוועגן (לקוטי מהר״ן). דערפאַר איז טאַקע די יידישע רעליגיע ניט איינגעשלאָסן געוואָרן אין די ענגע ראַמען פון וואָרט, וועלכע קענען פאַרשטיינערט ווערן. דער גייסט, וואָס פליסט אַרויס פון די ווערטער איז געטראָגן געוואָרן פון צייט־שטראָם און לעבנס־פּראָגראַם. דורך עקספּערימענטאַלע מעטאָדן און פּראַגמאַטישע וועגן קען זיך די יידישע רעליגיע באַוועגן מיט דער צייט און ווירקן אויף דער ווירקלעכקייט. צי באַווייזט עס דען ניט, אַז מען קען ציען אַ פּאַראַלעל צווישן יידישקייט און די

גרונט־טענדענצן פון דער אַמעריקאַנער פילאָזאָפיע? אַז עס איז דאָ אַ טעאָרעטישע נאָענטקייט צווישן די צוויי אידעען וועלטן, אַ טעאָרעטישע נאָענטקייט, וואָס קען אויך האָבן אַ פּראַקטישן ווערט?

יידנטום ווערט אַ כוח אין דער נייער וועלט, דאַרף זי זען אַריינצודרינגען אידעאָלאָגיש אין די רייען פון דער דענקענדיקער יוגנט און אַמעריקאַנער אינטעליגענץ, אין די רייען פון די אינטעליגענטע קרייזן, וואָס לויט זייער גאַנצן פילאָזאָפישן קוק אויפן לעבן, זיינען זיי נאָענט צו די פּראַקטישע אידעאַלן פון יידנטום.

נאָר ווען די יידישע רעליגיע וועט זיך באַהעפטן מיט די פּראָבלעמען פון דער צייט, מיט די אידעאַלן און שטרעבונגען פון דער גרויסער סאָציאַל־ליבעראַלער אַמעריקע, וועט זי אַרויס פון אירע אייגענע גרענעצן, וועט זי שוין זיין מער ניט אַטראָפּירט אין איר שמאָלער, ד׳ אמותדיקער ווירקונגס־ספּערע, נאָר איר שטימע וועט הילכיק אָפּקלינגען על ארץ רבה, אין דער לענג און ברייט פון דעם גרויסן פעלקער־רייכן, פּראָגרעסיוון, אַמעריקאַנער קאָנטינענט.

המשך אין דער מאָדערנער יידישער ליטערטור *)

גם מתוך החול יגלה הקודש, וגם מתוך החופש הפרוץ יבוא העול האהוב. עבותות זהב יתשרגו ויעלו גם מתוך השירה החפשנית, ותשובה מזהירה תצא גם מתוך הספרות החיצונית. זאת תהיה הפליאה העליונה של חזון הגאולה. וידע העולם כולו כי רוח הקודש מדבר בכנסת ישראל בכל תנועות רוחה. וסוף הכל לתשובה המביאה רפואה וגאולה לעולם.

(הרב קוק ז״ל, „אורות התשובה״)

א. פרץ — דער בינדער פון חול און קודש

דער ערשטער, ביי וועמען עס האָט זיך אַנטפּלעקט דער סינטעז פון יידישקייט און וועלטלעכקייט, די האַרמאָניע פון דעם יידיש־אידייאישן תוך מיט דער קינסטלערישער וועלטלעכקייט, איז געווען י. ל. פּרץ.

פּרץ איז געווען אין דער יידישער ליטעראַטור דער ערשטער, וואָס האָט אָנגעהויבן צו שאַפן דעם שיינעם קולטור־זיווג פון יידישקייט און וועלטלעכקייט. ער האָט זיך באַמיט אויפצולעבן קינסטלעריש דאָס יום־טוב׳דיקע אין דעם רעאַלן חול; ער האָט אויפגעכאַפּט דאָס געדיכטע עטישע פון יידישקייט און האָט אָנגעהויבן אַריינוועבן דעם אַלטן יידישן אינהאַלט אין דער נייער קינסטלע־

---

*) די עסיי איז ניט קיין פאַרגאַנצטע אַרבעט און פּרעטענדירט בשום אופן ניט אויף קריטיק. ניט די קינסטלערישע ניוואָ, האָב איך אין זינען געהאַט ביים שרייבן די עסיי, נאָר דעם אינערלעכן יידישן אינהאַלט, דעם המשך־מאָטיוו ביי די שרייבער, מייל־זיילן אין דער יידישער ליטעראַטור.

רישער פאָרם. שטרעבנדיק צענויפצוגיסן דיביידע שטראָמען פון סאָציאַל־רעוואָלוציאָנערישקייט און חסידישער פאָלקס־נשמהדיקייט, זוכנדיק דעם סאָציאַל־עטישן יסוד אין פאָלקס־גייסט, אין פאָלקס־שאַפן, האָט ער אים געפונען אין די אַלטע אוצרות. יידיש אַליין איז ביי אים געווען די פאָרם, אין וועלכער עס האָט זיך אויסגעגאָסן זיין גלויבן אין דער תוכיקער יידישקייט. דעם גלויבן האָט ער געגעבן אַ קינסטלערישן לבוש, דורך זיינע סינטעטישע ווערק (ווי מקובלים, די גאָלדענע קייט, דריי מתנות, אויב ניט נאָך העכער).

וואָס אייגנטלעך איז פּרץ, מיט זיין חסידישער דראַמאַטיק און לעגענדע, אויסן געווען? האָט ער אין חסידות טאַקע געזען מער ניט ווי אַן אַמאָליקייט, אַ מין גראָטעסק, וואָס מוז מאַכן אַ שטאַרקן איינדרוק אויפן פאַרוועלטלעכטן יידן; אַ התלהבותדיקע ראָמאַנטיק וואָס ווירקט און רייצט די פאַנטאַזיע פון דער וועלטלעכער, טראַדיציאָנעל אָפּגעפרעמדטער וועלט?

איך גלויב, אַז פּרצס „נעאָ חסידיזם" איז געווען מער ווי הוילע באַגייסטערונג פאַר דער ליטעראַרישקייט פון חסידיזם.

פּרץ האָט מער פון אַלץ געזוכט תוך, מאָטיוו, קערנדיקע אידעע. ער איז געווען זיכער, אַז אין „דאָס אַלטע חסידות", דאָרט הינטער דער אַרכאַאישער פאָרם, איז פאַראַן אַ שטרענג־דורכגעטראַכטע אָנשויאונג, אַ טיפער תוך, טיפער ווי די שרייבער פון דער השכלה־עפּאָכע און די פון זיין צייט, האָבן זיך גאָר פאָרגעשטעלט. ער האָט דערפילט ניט בלויז די פּאָעזיע פון חסידות, די שטימונג, נאָר ער האָט זיך געוואָלט דערגראָבן צו יענעם מקור, פון וועלכן עס שטראָמט אַריין דער וועג פון חסידות און קבלה אין דעם נייעם סאָציאַל־עטישן זוך.

אין פּרצן האָט זיך אָפּגערופן ווי אַן עכאָ דאָס וואָרט פון יידישער שלימות, זיך געשפּונען, געוועבט און געריסן צו פאָרם, האָט ער דורך זיין געהויבענער קינסטלערישקייט אַרויסגעבראַכט די גרויסע מאָראַלישע סענטענצן און דערלייזערישע מאָטיוון פון אַלט־יידישקייט.

האָט פּרץ געלאָזן יורשים אין דער מאָדערנער יידישער ליטע־

ראַטור? זיינען זיינע מאָטיוון ווייטער אַנטוויקלט געוואָרן? איז דער איידעלער קולטור־זיווג, אין וועלכן עס האָט זיך אַנטפּלעקט דער המשך פון דער יידישקייט אין דער וועלטלעכקייט, די באַהעפטונג פון דער שכינה פון חסידות מיט דער שיינקייט און חלום פון סאָציאַל־עטישן זון, — איז דער טראַדיציאָנעל־וועלטלעכער סינטעז ווייטער געפּלעגט געוואָרן?

ב. דער מאָטיוו פון גלויבן און בטחון

די מאָדערנע יידישע ליטעראַטור גייט דורך אַ סיסטעם פון פיר זיילן: מענדעלע און שלום עליכם, פּרץ און אַש. און זיי טיילן זיך אויף צוויי סימעטרישע ריכטונגען: מענדעלע און שלום עליכם — די רעאַליסטן; פּרץ און אַש — די ראָמאַנטיקער. פּרץ האָט זיך דערשלאָגן דורך זיין ראָמאַנטיק צום גייסט פון עבר, צו דער אַלטער קדושה, צו דער יום טובדיקייט און יידישער תוכיקייט. ער האָט איינגעשפּאַנט זיין קינסטלערישע דינאַמיק אין קאַמף קעגן חול, קעגן דער פאַרוועלטלעכונג פון לעבן אין דער ליטעראַטור. ער האָט אַריינגעפירט דאָס יידישקייט אין דער וועלטלעכקייט.

פּרץ איז געווען אַ באַנייער, אַש איז געוואָרן אַן אויפלעבער פונם אַלטן.

די מערסטע ווערק אַשס זיינען פאַרבונדן מיט דער גלאָריפיציע פון אַלטן יידנטום, און אין אַלע ווערק זיינע — פון „שטעטל" ביזן „תהלים איד" — שוועבט די הויך פון נאַציאָנאַל־רעליגיעזער און עטישער ראָמאַנטיק. אַמשטאַרקסטן יידיש איז אַש אין זיין „קדוש השם" און בטחון־מאָטיוו און דער גרעסטער רעליגיעזער אויפפלאַם האָט זיך ביי אים אַנטפּלעקט אין „תהלים איד".

אין אַשס ווערק זיינען ניטאָ קיין רעליגיעזע מאָטיוון אָדער שטימונגען. דער עצם יסוד פון זיין ראָמאַנטישער פּראָזע איז ניט קיין אַנדער זאַך, ווי גלויבן, וואָס איז דער יסוד פאַר דער מאָראַלישער פאַראַנטוואָרטלעכקייט פאַרן פאָלק און פאַר דער וועלט.

אַש האָט זיין גאַנצן קינסטלערישן טאַלאַנט, פון אָנהויב אָן, ווי

איינגעטונקען אין דער אַלטער יידישקייט (נאַטירלעך, האָב איך דאָ אין זינען דעם אַשן פון „קדוש השם" און „תהלים איד", און ניט פון דעם „נוצרי" און יידיש־קריסטלעכן „אני מאמין"), אין דער מקורדיקער יידישער עטיק. די גאַנצע קאָנסטרוקציע פון זיין „תהלים איד", צום ביישפיל — מיט זיין עטישן פּאַטאָס און טיף־רעליגיעזן געפיל, וואָס באַגלייט אים, טראָגט אַן ענלעכקייט צו די אַמאָליקע ספרים. אָבער ניט וועגן דער קינסטלערישער קאָנסטרוק־ציע פון דעם ראָמאַן רעדט זיך דאָ. נאָר וועגן אידעאָלאָגישן פּאַר־מעסט, וועגן יידיש־עטישן קערן זיינעם.

דער „תהלים איד" איז אַ ווערק, וואָס הויבט זיך אָן אין דעם נאָענטן עבר פון פּוילישער חסידות און רירט אָן די וואָרצלען פון דער מחשבה און שטייגער פון יידישער פרומקייט:

די חקירות און רעיונות, די מאָראַלישע עסענצן, וואָס וויקלען זיך פאַנאַנדער אויף דער פּאָן פון געשעענישן און פאַקטן, לייכטן מיטן ליכט פון דורותדיקייט. עס איז אַ ווערק וועמענס בלעטער טוליען זיך צו די טיפע וואָרצלען פון חסידות און זיינען באַהאָפטן מיט דער עטיק און צדקות פון יידישקייט. אין דעם זין איז דאָס ניט קיין המשך, נאָר אַ השלמה פון פרצעס כולו שבתדיקייט, אַ וויטערער רינג פון דער „גאָלדענער קייט".

אַש האָט זיך אין „תהלים איד" פאַרמאָסטן טעמאַטיש ברייט אָבער זיכער, ווייל די אידעע, וואָס האָט געשטאַלטיקט זיין העלד, אים געשפּייזט און געשטאַלטיקט, קוועלט פון דעם לויטערן קוואַל פון יידישער אמונה און בטחון.

„ר' יחיאל (דער הויפּט־העלד פונם ראָמאַן) גייט מיט זיין „פרייד אין גאָט" דורכן טאָל פון יאָמער. ר' יחיאל כשופ'ט זיין ליכט אַרויס פון האַרטן און טונקלן עלנט, ער געפינט יעדנס מאָל זיין גלויבן פונ'סניי אויפן ברעג פון פאַרצווייפלונג. ער שטייט ניט אויפן שפּיץ באַרג, אַ געקומענער, ניין, ער שטייגט, ער קלע־טערט, מיט די לעצטע כחות, און ער ווערט געשטרויכלט, פאַלט — און הויבט זיך אויף, פאַלט און שטייט ווידער אויף. ער ליידט און

קעמפט, ווי אַלע מענטשן, נאָר מיט גרעסערע רעזולטאַטן, ווײל מיט גרעסערע כחות און העכערע צילן . . .

„אַש האָט לאַנג שוין געבענקט נאָך אַזאַ מענטשן. ער האָט געזוכט העלדן, וואָס האָבן געפונען זײער לעבנס־זין. געפונען האָט ער זוכערס. איצט האָט ער געפונען אַ געפינער. ר׳ יחיאל איז אַ גאָט געפינער, ניט קײן גאָט־זוכער . . .״

„די וועלט בלײבט, ווי געווען, וואַכעדיק, גראָב, טונקל, בײז, אָבער ר׳ יחיאל גיט איר אַ תיקון; ער איז אַ צדיק, און „צדיק יסוד עולם״ — דער צדיק איז דער פונדאַמענט פון דער וועלט״.

„ . . . דאָס איז בקיצור דער תוך פון „תהלים איד״. אָבער „תהלים איד״ גופא איז אַ קיצור — דער סך הכל פון אַשס שאַפן. אין „תהלים איד״ ווערן װײטער געשפונען פעדים פון אַשס פריער־דיק ווערק״.

„דער רעיון פון „הײליקן די ערד״, דער מאָטיוו פון קאַמף צווישן שבת און וואָך, איז שוין פריער געווען בײ אַשן. און אַזוי איז עס מיט פאַרשידענע אַנדערע מאָטיוון.

„זײ האָבן זיך אַלע פאַרזאַמלט אין „תהלים איד״, אַלע אַשס גרונט־אידעען . . .״ (ש. ניגער, „די קונסט פון גלויבן״, „צוקונפט״, יאַנואַר 1935).

איך האָב בכיוון געבראַכט די ציטאַטן פון ש. ניגערס רעצענזיע, כדי צו באַווײזן, אַז אַשס קינסטלערישער גאַנג אין דער ײדישער פּראָזע, זײן קינסטלערישער כח, ציט אים צום ראָמאַנטיש־עטישן רעקוויזיט פון ײדישקײט און אַז דער המשך האָט זיך אַממערסטן אַנטפּלעקט אין זײן גרויס ווערק דער „תהלים איד״, אָבער די הויפּט־שטריכן פון דעם גלויבן און בטחון געפינען זיך, ווי געזאָגט, אין זײנע אַלע ווערק.

ג. מנחם באַרײשאַ און זײן גאַנג צו שלימות

מיט יאָרן צוריק איז מנחם באַרײשאַ געקומען אין דער ײדישער

ליטעראַטור און גלייך אַרויסאַנטפּלעקט ניט בלויז זיין אינעווייניק־סטע וועלט, נאָר זיין וואָרצלדיקייט אין דער דורותדיקייט, אין דער יידישער אידעען־וועלט, וואָס איז אָנגעזאַפּט מיט דער יידישער טראַדיציע. דאָס האָט אַרויסגעשטראַלט פון זיינע „תפילות״, וואָס זייער גרונט־מאָטיוו איז די בענקעניש נאָך לויטערע יידישע וועלטן, אין וועלכע ער איז געשלאָסן, ווי אַ „רינג אין דער קייט״.

מנחמס ערשטע לידער און פּאָעמעס, זיינען ליריש־תפילהדיקע אויסגוסן פון אַ יידישן דיכטער. זיין נאַטור־שילדערונג איז אַ יידישע. חסידישע דבקות, תפילהדיקע התלהבות, התפעלות פאַר גאָט. אין די „תפילות״ האָט זיך אַנטפּלעקט לויטער רעליגיעזער געמיט.

„און איך האָב דיך דערקענט
און בין נידער געפאַלן פאַר דיר.
ס'איז דער נאָמען דאָס הייליקע וואָרט
אויף די ליפּן געקומען
און געקומען דער וואונדער.
כ'האָב די וועלט אין איר בליען און פאַרבן דערזען,
ווי אַ צעלט אַ געוועלבטן
כ' האָב דאָס שרייען פון ווינט
און דאָס פאַלן פון שטייך
און געברום פון די בוימער
און דאָס קלינגען פון פויגל דערפילט
ווי דאָס ליד וואָס דאַרף זינגענדיק מאַכן דעם צעלט״.

דער נאַטור־באַנעם איז דאָ יידיש. אַ פּאַנטעאיסטיש דערזען. גאָט באַווייזט זיך אין זיין נאַטירלעכקייט און איבערנאַטירלעכקייט. גאָטס ליכטיקייט שטראַלט אַרויס פון דער נאַטור און אויף אַלץ ליגט דער חותם פון רעליגיעזן ליריזם.

מנחם האָט דורגעמאַכט אין זיין שאַפן פאַרשידענע איבערוואַנד־לונגען. ער האָט אַלע יאָרן געזוכט דאָס יידישע. אָבער אין די אַלע קינסטלערישע וואַנדלונגען זיינע, פון די „תפילות״ ביז זיינע גרויסע עפּישע ווערק, האָט ער געהאַט זיין אייגענעם וועג און ציל.

עס איז אַ גאַנג און אויך אַ קלעטערן צו העכערע מדרגות, געטריבן פון אַ דראַנג נאָך שלימות. אַזוי גייענדיק און קלעטערנדיק איז ער אַלעמאָל געקומען נעענטער צו זיין אייגענעם תוך.

אין די ווייטערדיקע ווערק ווערט מנחם באַריישאַ אַלץ מער אַריינגעצויגן אין יידישע מאָטיוון און אידעען. ער האָט זיין דיכטערישע פאַנטאַזיע צעשפּרייט אויף ווייטע אידייאישע האָריזאָנטן. ער האָט אויפגענומען די צייט דורך וויזיעס און אידעען פון אַ ווייטן עבר, זיי פאַרבונדן מיטן היינט און אָנגעווענדט אויף דער צוקונפט. אַזוי אין זיין פּאָעמע „זאַמד“, וואו די „דורות לאַנגע קייט“ און מנחם אַליין מאָנען פון די וואַנדערער איבערן זאַמד פון יידישן גלות און וואָגל די ירושה — „וואו האָסטו אונדזער אַלעמענס ירושה אַהינגעטאָן ?“, אַזוי אויך אין „גלגול“ און אין זיין עפּיש־ליריש ווערק „זאַוול רימער“. ער האָט זיך פאַרמאָסטן צו באַשיידן וועלט־פּראָבלעמען אויף אַן אייגנאַרטיקן אופן, געשטעלט זיינע העלדן פאַר די גרויסע פּראָבלעמען פון וועלט און מענטש און זיי געלאָזט גיין און האַנדלען.

מנחם גיט זיך, אין זיינע ווערק, אויך געבונג אָפּ מיט די עמאָציעס און די מעשים פון זיינע העלדן, ווי מיט זייער פילאָזאָפיע. ווי אַ קינסטלער, כאַפּט ער אויף די שטימונגען פון העלד, די רגעס פון זייער עליה און ירידה. אָבער דער עיקר זיינען זיינע ווערק פול מיט פּראָבלעמען, און די פּראָבלעמען ווערן אַריינגעצויגן אין גאַנג פון העלד און דערגרונטעוועט ביז זייער טיפסטן שורש.

„זאַוול רימער“ הייסט מנחמס לעצט גרעסער ווערק. דער יסוד אַ רעאַליסטישער, געבויט אויף דער ווירקלעכקייט. עס איז אַ קווערשניט איבער אַן עפּאָכע. ניטאָ אין דער פּאָעמע קיין תהום צווישן פּאָעזיע און ווירקלעכקייט. עס איז פּאָעזיע און עס איז „כראָניק“. אָבער אַלץ גייט דורך דורך אַ סאָציאַל־עטישער פּריזמע. זאַוול מיט זיין דיכטערישער באַהאַרצטקייט ווערט אין זיין גאַנג געלייטערט, דערהויבן.

אין זיין גאַנג וויל זאַוול אַרויסרופן אַ מין נייעם מענטשלעכן

מאָרגן. אומעטום וואוהין ער גייט, ברעכט פאַר אים אויס אַ נייער באַגינען אויף דער ערד.

„די שיין איז דאָ און וואַרט אויף דיר
און וועסטו עפענען די טיר,
וועט זי דיר אויפקומען אַנטקעגן
ווי העלער מאָרגן אויף די וועגן".

מיט די ווערטער פאַרענדיקט מנחם זיין בוך „זאַוול רימער", און די שיין קומט אויך אַנטקעגן זיין צווייטן העלד, נחן „דעם חבד־ניק", אויף אַלע זיינע וועגן.

* * *

„עס איז דאָך באַוואוסט צו די וואָס ווייסן דעם פשט פון פסוק „זיבן מאָל פאַלט דער צדיק און שטייט אויף", און דער מענטש הייסט דאָך אַ גייער און ניט קיין שטייער און ער דאַרף גיין פון מדרגה צו מדרגה און ניט בלייבן שטיין אויף זיין שטופע אויף שטענדיק" (ר' שניאור זלמן, לקוטי אמרים, קנ"א).

„דער גייער", מנחמס גרויס ווערק, פון וועלכן טיילן זיינען שוין געדרוקט געוואָרן, איז אַ סאָציאַל־עטיש ווערק, באַלויכטן מיט יידי־שער תוכיקייט. די פאָעמע איז אָנגעפילט מיט אַלע פּראָבלעמען, וואָס זיינען נאָענט געווען פּרצן: השכלה, סאָציאַל־רעוואָלוציאָנע־רישקייט, נאַראָדנישער „גיין אין פאָלק", איד און ניט־איד.

„דער גייער" פאַרמאָגט אַ שלל מיט אידעען און מאָטיוון. אָט די אידעען באַוויזן די השפעה פון פּרצן אויף מ. באָריישאָן. דאָס תהומותדיקע יידישע וואָס דאַרף אַריינגעוועבט ווערן אין דער וועל־טישקייט. דאָ וויזט זיך אַרויס דער פּרצישער סינטעז פון ערד און הימל, איד און וועלט, און בעיקר די אמונה, וואָס פירט נחן, דעם צענטראַלן העלד פון דער פאָעמע, היט אים און לערנט אים און פירט אים אויף ניט אויסגעטראָטענע שליאַכן צום ברייטן טראַקט פון שלימות.

מנחם פירט בכיון אַריין, אין זיין עפּיק, די אידעען און פּראָב־לעמען און קאָנפליקטן פון דורות. פון דעם אידייאישן געראַנגל

פון אלישע בן אבויה און ר׳ יוחנן בן זכאי, איבער דעם סודותדיקן זוך פון דער קבלה, דורך דער פאַרגליווערטקייט פון רמב״מישן שכליזם, דורך די טריקענישן פון קראַכמאַלס היסטאָריש־פילאָזאָפישן באַנעם, דורך דער געפיל־רעליגיע און אייביקער דעמאָקראַטישקייט פון חסידיזם און משכילישער פלוטאָקראַטיע און קהלשער ביוראָקראַטיע. —נח גייט פון יידישקייט צו וועלט, און פון וועלט אויפּסניי צו יידישקייט. וועלטלעכקייט אויסגעוואַקסן פון יידישקייט, יידישקט צוריק צו דורך וועלטלעכקייט, אַזוי ציט זיך דער וועג פון „גייער״, מנחמס וועג.

ד. יידישקייט מאָטיוון ביי יוסף אָפּאַטאָשו

אין זיין אַרבעט „פּרצס וועג״, זאָגט י. אָפּאַטאָשו: „דורות, תקופות זיינען פאַרביי. יאָרהונדערטער האָבן, ווי שווערע פלאַסטן, זיך געלייגט איבער דער מוסר ליטעראַטור, פאַרדעקט אירע וואָרצלען, פאַרשאָטן די קוואַלן, נישט געלאָזט קיין לעק ליכט, און אויף די פּאַרווייטע שפורן זעט דער היסטאָריקער בלויז אַפּאַטיע און רעאַקציע.

„איז געקומען פרץ, ניט בלויז דער זאַמאָשטשער פּרץ, וואָס איז אַלט געווען לויטן פּאַס אַ יאָר פערציק, נאָר דער פרץ פון צפת, פון קאָרדאָווע, פון אַמסטערדאַם, פון פּראָג, פון דיסלדאָרף, פון קאָצק — און ער האָט אויפגעריסן די הונדערט יאָריקע פלאַסטן. די פאַרשטאָפּטע קוואַלן האָבן אַ שלאָג געטאָן מיט אַזויפיל ליכט, אַז דער מענטש איז פאַר אַ וויַל פאַרבלענדעט געוואָרן, האָט פאַרלוירן דעם שורש, נישט געזען ווי יצחק לייבוש פּרץ האָט דעם זעלבן מוסר דערפירט פון וועלטלעכקייט צו אַלוועלטלעכקייט . . .״

„ . . . אין פרצס דרכים גייען נאָך ביזן היינטיקן טאָג, יעדערער אויף זיין שטייגער, די באַדייטנדסטע יידישע שרייבער״ (זאַמלבוך, 3).

און כאָטש אָפּאַטאָשו האָט, מיט זיין אייגענעם שפּראַך־פאַר־

מעג, מיט זיין גבורהדיקן לשון און מיט זיין עשירות אין טעמע — זיכער געהאַט איינע פון די גרעסטע השפעות אויף דער ווייטערדי־קער אַנטוויקלונג פון דער יידישער פּראָזע נאָך מענדעלען און שלום עליכמען, און איז פון די גרעסטע זיילן פון יידישן רעאַליזם, איז אָבער אַפּאַטאָשו, מיט זיין פירן דאָס יידישע לעבן און עס באַהעפטן מיט דער סביבה פון דרויסנדיקן לעבן, זיכער אויך אַ נאָכפאָלגער פון י. ל. פּרצן.

מען קען זיכער זאָגן, אַז אַפּאַטאָשוס שרייבערשע קרעדאָ, דריקט זיך אויס אין זיין יידישקייט־באַוואוסטזיין, אין זיין אָנבינדן דאָס רעאַלע, קאָכעדיקע און שוימיקע לעבן אין די גייסטיקע וויזיעס פון יידישקייט. יידישקייט איז ביי י. אַפּאַטאָשון אין „גאָלדענע קייט", וואָס ציט זיך אין דורותדיקן אין־סוף אַריין.

י. אַפּאַטאָשוס יידישקייט „אני מאמין":

„איך אַליין, האָב זיך באַגעגענט מיט דעם נאַקעטן געדאַנק אויג אויף אויג. עס איז געווען נאָך דער מלחמה. כ'בין אַהיימגע־פאָרן פון אַמעריקע קיין פּוילן. ס'איז געווען אויף דער „אַקוויטאַ־ניע". כ'בין געשטאַנען אויף דעם העכסטן דעק, געשטאַנען לעבן פּאַרענטש און כ'האָב געקוקט אין דער נאַכט אַריין. אַרום איז געווען שטיל. ס'האָט זיך בלויז געהערט ווי די שיף שניידט ס'וואַ־סער. דער הימל, אָנגעפּיקעוועט מיט שטערן, איז געהאַנגען נידע־ריק. אַרום מיר — די אומענדלעכקייט. איך אַליין — אַזוי קליין, אַ שטויבעלע. אַ שטערן האָט אַ שאָס געטאָן. אַ צווייטער איז אים געקומען אַנטקעגן. נישט צוויי שטערן האָבן זיך באַגעגנט, נאָר צוויי מחשבות. מיינע אַ מחשבה און מיין פאָטערס, וואָס האָט מיט דרייסיק יאָר קריק דאָ אין מיטן ים, צווישן שערבורג און ניו יאָרק, געטראַכט — וואָס איז אַזוינס יידישקייט? דרייסיק יאָר, ווי די מחשבה האָט געוואָגלט אין מיטן ים און מיט אַמאָל האָבן טאַטע־זון, שטיקעלע פון איין המשך, זיך באַגעגנט, זיך געפרעגט: — וואָס איז יידישקייט?

— איז עס רבינו בחייס „חובת הלבבות", וואו ס'ווערט נישט

דערמאָנט נישט ציון, נישט ירושלים? וואו מען איז קעגן דעם ארץ־ישראלדיקן ישוב? אָנשטאָט ייִד־מענטש. אָנשטאָט ייִדן און ארץ ישראל — פעלקער און לענדער. רבינו בחיי האָט אַוועק־געשטעלט אינעם מזרח דעם „אדם העליון“, דעם אויבערמענטש. און דער המון? דער המון איז ביי אים גאָרנישט, בהמות ממש. ווי קומט עס טאַקע, וואָס דער „חובת הלבבות“ האָט אַזוי אָנגעריסן ביים המון?

— וואָס איז ייִדישקייט?

— הלויס „כוזרי“, וואו דער „אדם העליון“ איז נישט משה, נאָר דער המון. אַלץ איז דער המון, דער ייִדישער המון. און וויל מען, אַז דער ייִדישער המון זאָל ווערן „נצח ישראל“, דאַרף מען אַ ריינע ראַסע, דאַרף מען ארץ ישראל.

— וואָס איז ייִדישקייט?

— דער רמב״ם, שפּינאָזע, שמואל דוד לוצאטו? צי אפשר גאָר משה העס, מאַרקס, יצחק לייב פּרץ?

(צווישן ימען און לענדער, זעכצנטער באַנד, געזאַמלטע ווערק).

וואָס איז טאַקע ייִדישקייט? און אַפּאַטאָשו ענטפערט:

„און איך זאָג — ייִדישקייט איז דאָס אַלץ און נאָך עפּעס“. אין די ווערטער ליגט דער ייִדישקייט־באַוואוסטזיין, וואָס שפּי־געלט זיך ווי אַ גאָלדענער פאָדעם דורך זיין גאַנצן שאַפן. אין אַלע ווערק פון אַפּאַטאָשו קלאַפּט דער גייסטיקער אומרו פון די אידייען פון אַ רמב״ם, שלמה מולכו, משה העס, שד״ל און פּרץ, און זוכט אַ וועג צו דעם סינטעטישן און האַרמאָנישן בילד פון וועלט און ייִדיש־קייט. געשטויסן דורך דעם אַספּעקט פון זיין גייסטיקער אידעע, אַז „ייִדישקייט איז דאָס אַלץ און נאָך עפּעס“, האָט ער געשאַפן זיינע ווערק.

מרדכי, די צענטראַלע פיגור פון אַפּאַטאָשוס קרוין־ווערק „פוילישע וועלדער“, וואָס גייט אַרומגערינגלט מיט חסידות־ייִדן און וואַלד־ייִדן, אין אַ צייט ווען ס׳פוילישע חסידות האָט שוין אָנגעהויבן גוססן און זיך ברעכן אויפן וועג צו ירידה — דער

זעלבער מרדכי, וואָס פאַרבינדט דעם יידישן משיחיזם מיטן פוילישן מעסיאַניזם, — איז אַ זוכער פון די עלעמענטן פונם אַלטן אין דעם נייעם. ער איז אפשר איינער פון די ערשטע סינטעטיקער פון חסידות מיט מאָדערנער יידישקייט.

אין דער טרילאָגיע „פוילישע וועלדער" גייען דורך אַלע גייסטיקע שטראָמען פון דער נאָך נאַפּאָלעאָנישער צייט, אַסימילאַציע, השכלה, ראַדיקאַליזם און דער חלום פון נאַציאָנאַלער באַפרייאונג, אָבער מיר שפּירן איבער די אַלע פּראָבלעמען, ווי מרדכי זעט זיי, דעם הימל פון קאָצק.

דער חסידיש־וואָלדישער מרדכי גייט דורך קאָרידאָרן פון פאַרשידענע וועלטלעכע סביבות. ער געפינט זיך אויף ווייטע וועגן וואָס קרייצן זיך; די וועגן פון דעם יידישן ייד משה העס און דעם גויאישן ייד קאַרל מאַרקס, פון דעם סלאַוו באַקונין און דעם פוילישן ציפּריאַן נאָרוויד. אָבער די לופט אַרום איז אַ יידישע. מרדכי בלייבט דער סינטעז־ייד, דער ייד וואָס קלערט, אַז „דער קאָצקער איז גערעכט, ר' איטשע, קאַהאנע, קאָמאַראָווסקי, אַלע זיינען גערעכט".

מרדכי איז אויך דער המשך־ייד, ער זעט „ווי אַ בנין נאָך אַ בנין פאַלט איין, אַ געביידע נאָך אַ געביידע קראַכט, און איבער די חורבות שטייט אַ ייד. שטייט ער, רופט צו זיך די דערשלאָגענע, די הונגעריקע, די געפייניקטע, רייסט די שלוזן, ברעכט די דאַמבעס, פאַרפלייצט די ערד, מאַכט אַלץ חרוב, דער מענטש אַ נאַקעטער, אַ ניי־געבוירענער, זאָל ווייטער קענען שפּינען גאָטס פאָדעם, דעם יידישן פאָדעם וואָס איז נאָך ניט איבערגעריסן געוואָרן."

„מרדכי האָט זיך אָפּגעשטעלט, ביים זעכצן יאָריקן בחור האָבן זיך די גרויסע, גרויע אויגן צעשפּילט, און ער האָט מיטאַמאָל, אומבאַוואוסט, ווי אָנגעטאַפּט היינטער זיך דורות און זיך דערפילט בכח ווייטער צו שפּינען דעם פאָדעם".

דער ייִדישקייט־פּאָדעם ווערט געצויגן אין אַלע אַפּאַטאָשוס ווערק.

די אידעע פון אַפּאַטאָשוס אַלץ אומפאַסנדיקער ייִדישקייט איז אויך דאָ אין זיין ראָמאַן „די טענצערין״ (אַרום גרענד סטריט). זיין געשטאַלטיקטע פּלאַסטיק פון דער ייִדיש־פּוילישער עמיגראַנטיש־קייט אין אַמעריקע. די העלדן פון דער דערציילונג פאַרמאָגן דעם יום טובדיקן פּאַטאָס און גלויבן פון די „פּוילישע וועלדער״.

שבתי און אברהמל, דאָס זיינען דער קאַצקער און איטשע מאיר מיט זייער גרונטיקער אַנדערשקייט, איבערגעטראָגן אויף דער אַמעריקאַנער ערד. די חסידיש־מיסטישע טענדענצן, די רעליגיעזע זוכענישן פון קאָצקער, אומקום, זיינען דאָ פאַרשמאָלצן מיט דער אַמעריקאַנערווירקלעכקייט. דער אומקום, די דעקאַ־דענץ דערפירט דאָ צו אַנייעם לעבן, צו פּנחסן דעם ישיבה בחור, וואָס דאַרף זיין דער סינטעז פון טראַדיציע און מאָדערניזם, און דאָס אַלץ, ווייל ביי אַזאַ פּאָלק ווי יידן — זאָגט י. אַפּאַטאָשו — „אַ פּאָלק וואָס „בדמיך חיי״ איז ביי אים מער ווי ווערטער, אַ פּאָלק, וואָס דער וועג צו אייביקייט ציט זיך ביי אים דורך ״תשובת המשקל״, דורך „תשובת הקנה״, דורך אַפּריכטן „גלות״, דורך „תיקוני חצות״ און „גלגול שלג״, — ביי אַזאַ פּאָלק איז אומקום, אין טי־פערן זין, מער ווי אַ טעמע״ (ייִדישע קולטור, יאַנואַר, 1939).

אין אַפּאַטאָשוס ווערק איז דאָ אַן אייגנאַרטיקע אַקצענטירונג אויף רחמים. ר׳ איטשעס וואַשן דעם קראַנקן, פאַרעפּושטן גוף פון אַ פאַרלאָזענעם יידן אין בית מדרש און דערביי ווערן עניוות־דיק, דערהויבן, העכער, איז אַ ווייטערער המשך פון „אויב ניט נאָך העכער״.

„דעם צדיקס בוים״ — וואו ר׳ יצחקל וואורקער העלפט דעם אָרעמען שומר הקברות אָפּהאַקן דעם צעצווייגטן בוים, וואָס וואַקסט אויף זיין קבר, כדי מיט זיין האָלץ דערוואַרעמען ס׳פאַרפרוירע־נע הויזגעזינד, אָטעמט מיט צאַפּלדיקער רחמימדיקייט און איז

אַ המשך פון פרצס אהבת ישראל מאָטיוו („צווישן צוויי בערג"). די דערציילונג „ביים ייד הקדוש" — דער מאָטיוו פון רייסן זיך צו שלימות און איבערוועלטיקן ס'רשעות, די דערציילונג „אַ בראַס־לאַווער חסיד", „אַן אתרוג" — דער מאָטיוו פון גאָט דערקענונג און מסירת־נפש פאַר חסידות און אַנדערע דערציילונגען — אין זיי אַלע אַנטפּלעקט זיך די אויב ניט נאָך העכערדיקייט, און ניט נאָר אין אַזעלכע דירקעטע דערציילונגען, — איז דאָ דער חסידישער רחמים מאָטיוו, אויך אין אַפּאַטאָשוס גבורהדיקן, פּול־בלוטיקן „ראָמאַן פון אַ פערד גנב", וואו עס איז קינסטלעריש אויסגעמייס־טערט געוואָרן אַ קרעפטיק שטיק־היימיש לעבן, אַנטפּלעקט זיך דער מאָטיוו פון רחמים און פּראָסטער אַהבה צו מענטשן (מ. ד. ברענדשטאַטער, דער אַלטער משכילישער חסידות שרייבער, האָט טאַקע אין אַ שמועס מיט י. אַפּאַטאָשון אויף זיין „טויטן־בעט" אַנטפּלעקט דעם מאָטיוו פון חסידישער אהבת ישראל אין „ראָ־מאַן פון אַ פערד גנב").

אין זיינע לעצטע אַרבעטן, וואו אַפּאַטאָשו איז געגאַנגען די־רעקט צו דער פאַרגאַנגענהייט, זיך באַהאָפטן מיט געשיכטע, (אַ טאָג אין רעגנסבורג, אליהו בחור, נסים) איז דאָ קאָנטינואיטעט, טראַדיציע, ניט בלויז קינסטלערישער אַריינלעבן זיך אין ווייטן אַמאָל.

ה. דער פרצישער גאולה־מאָטיוו ביי ה. לייוויקן

פון פרצס יידיש־וועלטלעכן וועג האָט זיך אַרויסאַנטפּלעקט דער שליאַך, וואָס פירט אויך צו די לידער און דראַמען פון ה. לייוויקן.

אויב ביי מנחם באָריישאָן איז בולט דער פרצישער מאָטיוו, דורך זיין גאַנג צו אייגענער שלימות, דורך זיינע בלאָנדזשענישן און זוכענישן, עליות און ירידות, — איז ביי לייוויקן שטאַרק בולט דער יידיש־עטישער אומרו פון פרצן, דורך דעם געראַנגל פון

מענטשן מיט זיך אליין, מיט זיין אייגענעם געוויסן; דורכן שטענדיקן יום הדין און בלוטיקן משפט מיט מענטשן און פעלקער און דעם קאַמף פאַר ריין־יידישער גאולה אויף אַן אוניוווערסאַלן פאַרנעם.

ה. לייוויק האָט אין צענטער פון זיין שאַפן אַוועקגעשטעלט דעם מענטשן און זיין מאָראַלישן געזעץ, און האָט אָנגעמערקט דעם צייכן צווישן גורל און געוויסן — האָט געגעבן אַ פולערן אויסדרוק דעם מאָטיוו פון עטישער דערהויבנקייט פון פרצס צדיקים.

„דורך תפיסה, דורך הקדש, דורך חורבה
דיך פירן און דורכפירן — לעבן מיינס״.

שוין דורך דעם באַוואוסטזיין, אַז פירן דאָס לעבן דורך תפיסה און הקדש, מיינט אויך דורך קודש, האָט לייוויק אַריבערגעשפרייזט די העכערקייט פון פרצן.

אין „אויב ניט נאָך העכער״ איז די קדושה אידענטיש מיט מענטשלעכער דערהויבנקייט, מיט אַ טאָט וואָס דערהויבט דעם מענטשן, דעם צדיק. ביי לייוויקן איז די ליבע צום מענטשן, זיין פיין און וויטאָק, דער גרונט־שטריך פון העכערקייט, פון דערלייזונג.

דער הויפּט־מאָטיוו פון דיכטערישן געראַנגל איז דער באַליידיקטער און פאַרפייניקטער מענטש און דער יראת הכבוד פאַרן בן אדם, וואָס דאַרף דערהויבן ווערן צו אַזאַ הויך, אַז מען זאָל זיך קענען ווענדן צו אים מיט אַ תפילה.

„מענטש געגאַרטער, רייַנער, גאַנצער
אויסגעטיילטער אין מיין פרייד, —
דו מיין פעסטטוג, שוץ און פאַנצער — — — ״
זאָג איך נאָך בן ישיס רייד״.

מענטש קען ווערן „דו״, נאָכן יידישן באַנעם, ווי ר׳ לוי יצחק באַרדיטשעווער פלעגט זיך ווענדן צו גאָט, ניט מער און ניט ווייניקער, ווי זאָגט דער מדרש: „יונתי תמתי — ר׳ ינאי אומר תאומתי כתיב, — אני לא גדול ממך ואת לא גדולה

ממני״ . . . די אַבסאָלוטע הייליקייט פון מענטשלעכן לעבן און די אַזוי גערופענע מיסטישע אידענטיפיקאַציע: גאָט־מענטש, געפינען מיר אין די „לידער פון גן עדן״. דאָרט קומט אָמ־שטאַרקסטן צום אויסדרוק די פאַרהייליקונג פון באַגריף מענטש, די טיפע רעליגיעזע הכנעה פאַר דער אומבאַרירלעכקייט פון דער מענטשלעכער פערזענלעכקייט, וואָס דערגרייכט ביז צו פאַלן כורעים פאַרן מינדסטן אבר פון מענטשן.

„פונדעסטוועגן, מיין האַרץ, ניט הער אויף גלויבן, —
און זאָל אין גלויבן אויפגיין אויך מיין ליד, —
אַז דער, וואָס איז אין אמתן דערהויבן,
פאַלט כורעים פאַר אַ יעדנס מינדסטן גליד.״

אין די „לידער פון גן עדן״, און איבערהויפּט אין דער „באַ־לאַדע פון דענווער סאַניטאַריום״, וואו די מיסטעריע פון לעבן און טויט ווערט הייליק אויסגעזונגעןביים גוססדיקן גוף פון פשוטן ליידנדיקן מענטשן, געפינען מיר דעם טראַדיציאָנעלן יידיש־עטישן באַנעם פון הייליקן דעם באַגריף מענטש, אָט דעם באַנעם וואָס קוועלט פון סאַמע מקור פון יידיש־עטישער אַחריות און האָט פאַר־נומען דעם גרעסטן אָרט אין פרצס יידישער וואָרט־שאַפונג.

דערגראָבן מיר זיך צו דעם מקור פון לייוויקס עטישן און קינסטלערישן וועלט בילד, דערקענען מיר דאָרט דעם הייסן אָטעם פון פרצס עטישן נוסח און דעם טיפערן זין פון זיין מוסר השכל.

פון לייוויקס ליד, צו זיין דראַמע. מיטן כח פון זיין עטישן באַוואוסטזיין טרעט לייוויק צו צו זיין דערלייזונגס וויזיע פון „גולם״ און „גאולה קאָמעדיע״. לייוויק האָט דעם גאולה־חלום פון פרצס יום שכולו שבתדיקייט (די גאָלדענע קייט), פאַרוועבט מיטן אָטעם פון אַלטן יידישן משיחיזם און אים געדאַנקלעך פאַר־טיפט אין ליכט פון דער צייט.

דער צוגאַנג — אַן אוניווערסאַלער. אַלגעמיין־מענטשלעך, אָבער דער רעקוויזיט יידיש, געשפייזט פון יידיש טראַדיציאָנעלע

מקורים, פון די טיפערע שיכטן פון מיטלאַלטערלעכער לעגענדע און יידיש־היסטאָרישער מיטאָלאָגע.

אין יסוד פאַר זיין מאָטיוו האָט לייוויק געפונען אַן אָנשפּאַר אין די גרונט טענדענצן פון יידישער דורותדיקייט, קרבן, קדוש השם און גאולה, וואָס האָבן געגליט אין יידישן גלות און געצונדן דעם חלום פון גאולה.

אין דער גאַלעריע פון היסטאָריש־יידישע פיגורן איז דער מהר״ל איינער פון די גרעסטע און חשובסטע. אין פאָלק איז ער באַוואוסט אַלס דער שעפער פון „גולם״, אַ מענטש וואָס די שליסלען פון הימל און ערד זיינען אים איבערגעגעבן געוואָרן און אין זיך האָט ער געטראָגן דעם סוד פון דער גאולה. ער וואָס האָט אַרומגערינגלט מיט זיין תורה די טיפקייט פון יידישן גייסט, האָט מיט דעם שם המפורש, מיט זיין וואָרט, מיט גייסט, געשאָפן דער ערדישן גולם. „יאָסל גולם״, דער וואַסער־טרעגער און האָלץ העקער, וואָס איז געבוירן געוואָרן דורכן מהר״לס האַנט פונם זיווג פון ליים מיטן שם המפורש, האָט געדאַרפט דורכפירן די שליחות פון מהר״לס גאולה וויזיע. דער סוף פון „גולם״ איז באַוואוסט: דער גולם איז מורד איז מהר״ל. ווי אין פרצס מוצאי שבת, בלייבט די וועלט אַ ניט־דערלייזטע. דער וואָס דאַרף אויסלייזן די פאַר־שקלאַפטע וועלט, בלייבט אַליין זיצן אַ געבונדענער.

די „גאולה קאָמעדיע״, דער צווייטער טייל פון „גולם״, איז שוין אַ ווייטערער המשך פון דער „גאָלדענער קייט״. די האַנדלונג איז פאַרשפּונען מיט דער ווייטער ווייט. מיט דער טראַדיציאָנע־לער משיח־געשטאַלט.

גאַנצע פיר הונדערט יאָר נאָך פּראָג, כאַפּט זיך דער גולם אויף, רייסט זיך אַראָפּ פון בוידעם און הויבט זיך אָן אַריינחלומען אין דער געשטאַלט פון משיח בן דוד. די ווידעראויפלעבונג פונם גולם אין משיחס צייטן איז צו מתקן זיין אַ גאָר גרויסע זאַך. ער גיט איבער זיין מיסיע צו דעם „יונגן בעטלער״ חנינהן, וואָס איז פול מיט ליבע צו אַלעמען, ווייל פאַר אים איז דער מענטש, אין

זיך גופא געגומען — אַ היילקטום, וואָס טאָר דורך קיינעם נישט ווערן פראָפאַנירט.

אין דער פאָעמע זעט שוין לייוויק, אַז דער דערווייליקער באַ־פרייער, וואָס ברעכט וועגן פאַרן אמתן משיח בן דוד, זאָל צוריק נישט פאַרוואַנדלט ווערן אין אַ גולם, ווייל ניט אומזיסט טראָגט ער דעם נאָמען חנינה, וואָס באַדייט: רו, שיינקייט, רחמן, רחמים, שטילקייט.

אין דער גאולה קאָמעדיע קומט דער אוניווערסאַלער פאַר־נעם צום אויסדרוק. דער משיח־מאָטיוו וואָס אין „גולם" איז ער יידיש, ווערט דאָ אַלמענטשלעך. אָבער ווי האָט עס לייוויק אַליין פאָרמולירט: „ייד איז ניט פאַרגליווערטע, פון דער וועלט אָפגעטיילטע קאַטעגאָריע".

* * *

איך האָב דאָ גערעדט וועגן די יידישע שרייבער וואָס זיינען, אַזוי צו זאָגן, די מייל־זיילן פון דער יידישער ליטעראַטור און וואָס די איינדרוקן פון זייערע שאַפונגען זיינען ביי מיר פאַרבונדן מיט יידיש רעליגיעזן תוך, מיט המשך. אָבער המשך, קינסטלערישע אָפּפרישונג און אויפלעבונג פון עבר, זיינען זיכער דאָ אין די ווערק פון אַ סך שרייבער. זיי זיינען דאָ אין די לויטערע און קערנדיקע מאָטיוון פון נפתלי גראָס, „אידן", וואו צווישן די שורות שוועבט אַ גלויביקייט; עפּעס פון יענער געזונטער גלויבי־קער פאָלקס־תמימות וואָס פרץ האָט אָפגעשפיגלט, אין זיינע יידישע נשמה־שאַפונגען פון שטעטל. אין ביאַליסטאָצקיס סאָציאַלע לידער און זייער יידישע שטאָמיקייט, אין דוד איינהאָרנס תהילימדיק גע־זאַנג און י. י. שוואַרצס לידער און באַלאַדן. אין אַ. אויערבאַכס אמתע יידישע לידער „לויטער איז דער אַלטער קוואַל", אין א. ני־סענזאָנס לידער און אין די צייט לידער פון י. ל. טעלער.

המשך, טיפע פאַרוואָרצלטקייט אין יידישער קולטור־טראַדיציע און בכלל יידישער רעליגיעזער מאָטיוו איז זיכער דאָ אין די שאַפונ־גען פון אַ דוד איגנאַטאָוו, אין די יידיש־סאָציאַלע לידער פון קאַדיע

מאַלאָדאָווסקי, ב. גלאַזמאַן, אין דער מאָדערנער פּראָזע און פּאָעזיע פון י. גלאַטשטיין און אין די מיסטישע אינטעלעקטואַלע לידער פון אהרן צייטלין און מאָדערן־יידיש ליד פון א. גלאַנצן און צענדליקער אַנדערע, וואָס דאָ איז ניט דער פּלאַץ זיי אויסצורעכענען.

וועל איך ענדיקן די עסיי מיט אַ פּאָר כאַראַקטעריסטישע שורות פון י. ל. פּרץ:

„יידישקייט טאָר ניט גענומען ווערן סטאַטיש, נאָר דינאַמיש — אין דער אַנטוויקלונג, ד. ה. איבעראַל אויף דער גאַנצער יידישער וועלט און אין אַלע צייטן; קיין איינציקן עכט־יידישן מאָמענט ניט אויסגעמעקט" (וואָס פעלט אונדזער ליטעראַטור).

אַש, מנחם, אַפּאַטאָשו, לייוויק, איגנאַטאָוו און די אַנדערע שרייבער, וואָס האָבן גענומען יידישקייט דינאַמיש, דעם „עכט־יידישן מאָמענט ניט אויסגעמעקט", האָבן אַזוי אַרום אַנטפּלעקט יידישן המשך אין דער מאָדערנער יידישער ליטעראַטור.

צייט און אייביקייט

חדשים לבקרים רבה אמונתיך — **על שאתה מחדשנו בבוקרן של מלכיות אָנו יודעין** שאמונתך רבה לגאלנו (מדרש רבה, איכה).

דער זשאָלקיעווער וועג־ווייזער און פילאָזאָף

ס'איז נאָך קיינמאָל ניט דערגרונטעוועט געוואָרן דאָס טיפסטע אין מענטשן. און ס'איז נאָך אַלץ אַ סוד, דורך וועלכן פּראָצעס אַ גרויסע פּערזענלעכקייט ווערט דער סימבאָל פון זיין דור, פון דער געשיכטע פון זיין צייט. דאָס טיפסטע אינם מענטשן ליגט איבער און אונטער דער ראַציאָנאַלער ספערע. אַ סך וויכטיקע עלעמענטן פון דער פּערזענלעכקייט, וואָס מען מערקט ניט אין געוויינלעכן לעבן אַנטפּלעקן זיך בלויז אין דעם גינסטיקן מאָמענט.

ווער, למשל, האָט געהאַט די מינדסטע ידיעה פון דער פילאָזאָפישער טיפקייט און אינערלעכער יידישער גאַנצקייט, וואָס האָט געגעסטעט אין דער נשמה פון דעם זשאָלקיעווער אידעלן תלמיד חכם און בלאַסן יונגערמאַנטשיק, נחמן בן שלום קראָכמאַלניק? ער וואָס פלעגט שפּאַצירן מיט זיינע משכילישע צוהערער אויף די פעלדער, אַרום די חורבות פון דעם היסטאָרישן שטעטל זשאָלקיעוו. האָט ווער געוואוסט, אויף זיכער, אַז אָט דער באַשיידענער, רוהיקער, פרומער משכיל, גרייט צו אַ ווערק, אַ ספר, אַ טראַקטאַט אויף צו לערנען די „אמונה צרופה", דעם געלייטערטן גלויבן צו אַ בלאָנדזשענדיקן דור?

יענע צייט (אין אָנהויב פון דער צווייטער העלפט פון 19־טן יאָרהונדערט) האָט אויפצעוויזן אַ סך יידישע געלערענטע און אָריגינעלע דענקער — די שעפער און בויער פון דער השכלה־באַוועגונג. נחמן קראָכמאַל איז אָבער געווען דער ערשטער, וואָס האָט אויפן גרויסן שטח פון דער יידישער געשיכטע, אָנגעצייכנט דעם פעסטן געזעץ פון יידישער אַנטוויקלונג.

מיר עפענען זיין ספר „מורה נבוכי הזמן״. אויפן שער בלאַט שטעהט: מורה אמונה צרופה ומלמד חכמת ישראל. עס איז איינגעטיילט אין צוויי טייל: איינער אַ ריין־היסטאָרישער, דער צווייטער — אַ דורכאויס פילאָזאָפישער און דער ספר איז פון די מערקווירדיקסטע דענקמעלער וואָס דער יידישער גייסט האָט געשאַפן.

אַ תלמיד אין גייסט פון העגעלן, אַ באַאיינפלוסטער פון דער דייטשער אידעאַליסטישער פילאָזאָפיע, איז אָבער קראָכמאַל, קודם כל, אַ תלמיד פון דעם מהר״ל מפראָג. האָבנדיק אָנגעצייכנט די דערקענטעניש שטאַפלען פון יידישן גייסט ווי אַ „וועלט־געפיל״, האָט ער זיך באַמיט צו געבן אַ זין דער יידישער געשיכטע.

עס גייט אָן אַ מחלוקת צווישן די קראָכמאַל־פאָרשער, צי איז קראָכמאַל געווען באַאיינפלוסט בלויז פון דעם דייטשן פילאָזאָף־מעטאַפיזיקער פרידריך ווילהעלם העגעל, צי אויך פון אַנדערע. ווי ווייט קראָכמאַל איז אַ העגעליאַנער איז שווער פעסטצושטעלן. אָבער אַז דעם ציקל פראַגן, וואָס האָט צו טאָן מיטן מהות פון יידישן קיום און אַנטוויקלונג פון דער יידישער געשיכטע, האָט קראָכמאַל באַהאַנדלט ביז אַ באַשטימטן גראַד אין ליכט פון העגעלס אידעע — די טאָטאַליטעט פון אַבסאָלוטן „גייסט״, דאָס וועט קיינער ניט לייקענען.

וואָס איז דער תוך פון קראָכמאַלס אָדער דעם רנ״קס פילאָזאָפיע פון דער געשיכטע? דער יסוד פון זיין היסטאָרישן באַנעם?

דער נאַציאָנאַלער פרינציפּ פאַרנעמט דעם גרעסטן אָרט אין יעדן קולטור־היסטאָרישן פּראָצעס פון אַ פאָלק. ווען אַ נאַציאָנאַלער קאָלעקטיוו טרעט אַרויף אויף זיין היסטאָרישן וועג, און נעמט אַנטוויקלען זיינע גייסטיקע כחות און זיי געבן קולטור־פאָרמען, לייגט ער אַרויף אויף די אַלע קולטור־עלעמענטן דעם שטעמפּל פון זיין גייסטיקן אייגנאַרט און גיט זיי נאַציאָנאַלן נוסח. אָט די ספּעציפישע פאַרבן און ניואַנסן זיינען עס דער עסענץ און דער מהות פון דער אומה (עצמות האומה).

יעדע אומה מוז דורכמאַכן אַ לאַנגן מיזאַמען וועג פון די פרי־מיטיווסטע קולטור־שטופן ביז זי שאַפט זיך איר גאָט וואָס דאָס איז, אין איינגן באַגריף, די אַפשפיגלונג פונם „אַבסאָלוטן גייסט" אָדער „רוחני המוחלט" (קראָכמאַלס וואָרט פאַר העגעלס טערמין).

דער גרונט־באַגריף העגעלס וועגן געשיכטע איז, אַז געשיכטע איז נישט סתם געשעהענישן פון פעלקער און מענטשן, נאָר די פאַרקערפּערונג פון אַבסאָלוטן גייסט. יעדע נאַציע האָט די באַשטימונג צו פאַרווירקלעכן אַ געוויסן פּרינציפּ פון דעם דאָזיקן גייסט. נאַציע און גייסט זיינען דאָס זעלבע, און אַ נאַציע שטאַרבט אָפּ, ווען עס שטאַרבט אָפּ איר גייסט. אויך קראָכמאַל, דער רעליגיעזער מעטאַפיזיקער, וועלכער האָט געהאַלטן, אַז אפילו די אוראַלטע פעלקער זיינען שוין געווען רעליגיעז, ווייל רעליגיע ליגט אין דער נאַטור פון יחיד און קאָלעקטיוו — אויך ער האָט געלערנט, אַז נאַציע איז די איינהייט, די העכסטע מדרגה פון גייסט.

יעדע אומה מאַכט דורך אַ היסטאָרישן פּראָצעס, וואָס באַשטייט פון דריי סטאַדיעס: די צייט פון בליען און וואַקסן (מועד הצמיחה והגידול), די עפּאָכע פון אַקטיווער טעטיקייט און קראַפט (מועד העוז והמפעל), און די תקופה פון ירידה און צעפאַל (מועד ההתוך והכליון). אין דער געשיכטע פון יעדן פאָלק געפינען מיר די דריי סטאַדיעס.

מיט דער ירידה פון דער נאַציאָנאַלער קולט הויבט זיך גלייכצייטיק אָן דער אונטערגאַנג פון דער נאַציע, ווייל איר תמצית איז דאָך די גייסטיקע אייגנאַרטיקייט, און שטאַרבט דער גייסט, צעפאַלט זיך ממילא די קולטור און דאָס פאָלק.

קראָכמאַל ווייזט אָן, מיט וואָס די יידישע קולטור אונטערשיידעט זיך פון אַנדערע פעלקער. ביי יעדן פאָלק האָט זיך די קולטור אַנטפלעקט אין איינציקע באַגרענעצטע פאָרמען, ווי למשל אין שיינקייט (תפארת), אָדער מאַכט (גבורה), די געטער פון פאָלק זיינען אויך געשאַפן געוואָרן לויט די דאָזיקע באַגריפן. דאָס יידישע פאָלק האָט אָבער, אויף די העכערע מדרגות פון זיין קולטורע־

לער אַנטוויקלונג, זיך ניט באַגנוגנט מיט פאָרמען, נאָר זיך געווענדעט צום אַבסאָלוטן גייסט. דאָס כאַראַקטעריסטישע פאַר דער יידישער קולטור איז דאָס, וואָס אין משך פון איר אַנטוויקלונג איז זי אַריבערגעוואָקסן די איינגע נאַציאָנאַלע גרענעצן, און איז געוואָרן אוניווערסאַל, דערפאַר זיינען יידן אומשטערבלעך, אייביק.

ווען אפילו דאָס יידנטום איז געקומען צו זיין לעצטער אַנטוויקלונגס־טריאַדיע, ווען אויף דער יידישער מלוכה איז געקומען דער חורבן, האָט זיך דערמיט נאָך ניט געענדיקט דער לעבנס־וועג פון ישראל, נאָכן חורבן הויבט זיך אָן אַ נייער היסטאָרישער פראָצעס.

דאָס איז די העגעלשע סכעמע פון „אַבסאָלוטן גייסט״ אָנגעווענדעט אויפן יידנטום. דאָך איז עס מער ווי העגעליאַניזם.

העגעל האָט אין דער מלוכה און שטאַט געזען די העכסטע אַנטפלעקונג פון „אַבסאָלוטן גייסט״, דערפאַר פאַררופן זיך אויף העגעלן די אָנהענגער פון אייזערנער מלוכהשער צוואַנג, ווייל אפילו דער ברוטאַלער כח קען, לויט אים, פּרעטענדירן אויף דער ראָל פון אַ שליח פון גייסט. קראָכמאַל דאַקעגן האָט געזען די אויסשליסלעכע גייסטיקע קראַפט פון דעם יידישן קאָלעקטיוו אין דעם, וואָס ער איז איבערגעוואָקסן די מלוכהשע אינסטיטוציע, דוקא אין דעם וואָס זיין נאַציאָנאַלע קולטור איז ניט איינגעקאָוועט אין די ענגע גרענעצן פון אַ באַשטימטער טעריטאָריע.

רנ״קס הויפּט־אינטערעס אין דער געשיכטע, איז געלעגן ניט אין ערקלערן דעם גייסט פון מלוכה, נאָר אין אויספאָרשן און דערקענען די קולטור־היסטאָרישע פּראָצעסן, כדי דורכדעם זאָל קומען צום זעלבסט־באַוואוסטזיין ניט דער שטאַט, נאָר די יידישע אייביקייט, דער זין פון אייביקן יידישן דויער, פון דויער און איבערדויער. אני ה׳ לא שניתי, און ווייל יידן זיינען פאַרבונדן מיטן מאָנאָטעאיזם, מיטן „געלייטערטן גלויבן״, דערפאַר — „ואתם בני יעקב לא כליתם״, קענען יידן ניט אונטערגיין.

2

דער קאָמוניסטישער היסטאָריקער מאַקס עריק שרייבט אין זיינע „עטיודן צו דער געשיכטע פון דער השכלה", אַז קראָכמאַל איז געווען דורכאויס רעאַקציאָנער, ווייל ער האָט ניט אָנגענומען העגעלס פאָרשטעלונג פון דער אַנטוויקלונג, די אידעע, אַז „יעדע דערשיינונג ווערט דורך ווירקונג פון אירע כחות פאַרוואַנדלט אין איר עיגענעם קעגנזאַץ", אַז אין דעם אויפבלי איז פאַראַן דער פונאַנדערפאַל, אַז די טעזע אַנטשפּרעכט דער אַנטי־טעזע, און אַז פון זיי צוזאַמען ווערט געבוירן די סינטעזע, אין וועלכער עס זיינען באַהאַלטן די ווערטפולע טיילן פון דאָס פריערדיקע, דאָס איז די טעאָריע וואָס מאַרקס און ענגעלס האָבן אָנגעווענדעט אויפן היסטאָרישן עקאָנאָמיזם, ווען זיי האָבן געשאַפן זייער דיאַלעקטישן מאַטעריאַליזם.

אָבער ווער עס פאַרטיפט זיך אין דער פילאָזאָפיע פון „מורה נבוכי הזמן", זעט, אַז קראָכמאַל האָט אַריינגענומען אין זיין פילאָזאָפישן רעפּערטואַר אויך אַט דעם גרונט־געדאַנק העגעלס. קראָכמאַל באַטראַכט אויף אַ ריין דיאַלעקטישן אופן, דאָס זיין און ניט זיין (החיות והאיון) ניט ווי צוויי עקסטרעמע קעגנזאַצן, נאָר ווי צוויי מאָמענטן פון איינער און דער זעלביקער אונאונטערבראָכענער דערשיינונג. און עס איז ביז גאָר טשיקאַווע, אַז ביים סוף פון ניינצטן יאָרהונדערט, ווען די ניט יידישע וועלט האָט זיך אָפּגעזאָגט פון העגעלס פילאָזאָפישן סיסטעם און אים באַהאַנדלט ווי „אַ טויטן הונט", איז דער זשאָלקיעווער ראש הקהל, וועמען די קאָמוניסטישע היסטאָריקער דערקלערן פאַר רעאַקציאָנער, געבליבן טריי דעם קלאַסיקער פון דייטשן אידעאַליזם. דערויף האָט זיך געפאָדערט פּראָגרעסיווער מוט און זעלבסטשטענדיקייט.

אויב אין דעם פילאָזאָפישן טייל פון „מורה נבוכי הזמן" מערקט מען די השפעות פון העגעל, קאַנט, פיכטע און הערדער, איז אָבער דער היסטאָרישער טייל, זיין היסטאָריש־וויסנשאַפטלעכע

קריטיק, דורכאויס יידיש־טראַדיציאָנעל. ווען ער נויגט אפילו־ דאָ און דאָרט אָפּ פון דער מסורה, באַזירט דאָך קראָכמאַל זיינע טעזיסן אויף די גרויסע אויטאָריטעטן, ווי דער אבן עזרא, רלב״ג און אַנדערע מפרשים.

דער רנ״ק האָט אויסגעמיטן צו רעדן וועגן דער ענדגילטיקער רעדאַקציע פון תורת משה, אָ זאַך וואָס די משכילים און ביבל־קריטיקער פון זיין צייט האָבן אַ סך געשריבן. פונדעסטוועגן, האָט ער אַ סך פון די שריפטן פון די נביאים געפּרוואווט דערקלערן אין ליכט פון די היסטאָרישע געשעענישן אין דער צייט, אין וועלכער זיי זיינען געשאַפן געוואָרן. אויפן געביט פון תלמוד־פאַרשונג איז קראָכמאַל ממש אַ מייסטער און אַ פּיאָנער. מיט אַ גאַנצער סיס־טעמאַטישקייט, גיט ער אונדז אַ בילד פון דער אַנטוויקלונג און עוואָליוציאָניזירונג פון דער יידישער תורה שבעל פּה.

נחמן קראָכמאַל דער זשאַלקיעווער פילאָזאָף און וועג־וויַיזער געהערט צו די גרויסע מאמינים אין דער אייביקייט פון יידן, אין וועמענס געדאַנקען און פילאָזאָפישע סענטענצן איז כדאי זיך צו פאַרטיפן גראָד אין די היינטיקע צייטן פון אַלגעמיינעם אומגלויבן און פאַרצווייפלונג.

מעטאַ-היסטאָריע

אייגנאַרטיק איז דער גאַנג פון דער ייִדישער געשיכטע. עס איז דעריבער קיין וואונדער ניט, וואָס צו איר זיינען אָנגעווענדעט געוואָרן אַזויפיל פאַרשיידענע געשיכטעלעכע אויסטייטשונגען, וועלכע האָבן אָבער ניט אויפגעדעקט דעם אינערלעכן מאָטיוו פון אידישן קיום און ניט געקענט מאַכן קלאָר דעם גאַנצן טראַגיש־זיגזאַגישן וועג פון דער אידישער געשיכטע.

ביזן אָנהויב פון נײַנצטן יאָרהונדערט איז קיין אידישע גע־שיכטע, לויטן מאָדערנעם באַגריף, כמעט ניט געשריבן געוואָרן. די היסטאָריקער פון נאָכן חורבן, ווי פלאַוויוס און די פון מיטל־אַלטער: צמח דוד, סדר הדורות, שלשלת הקבלה, און אז. וו., האָבן זיך אָפּגעגעבן מיט פאַרצייכענען די געשיכטע פון זייער צייט אָן וועלכע עס איז אויסטייטשונגען וועגן דעם וואונדער פון אידישן קיום. ערשט מיטן אָנהויב פון נײַנצענטן יאָרהונדערט האָט זיך אָנ־געהויבן דאָס קאַפּיטל פון שרייבן די ייִדישע געשיכטע, לויט גע־וויסע געשיכטלעכע **שיטות**.

די פרייע ווינטן פון דעמאָקראַטיע און הומאַניזם, וואָס די פראַנצויזישע רעוואָלוציע האָט געבראַכט מיט זיך, האָבן אויך פאַראורזאַכט צום אויפקומען פון דעם אַזוי גערופענעם „פּראַג־מאַטיזם" — אַ געשיכטלעכע שיטה, וואָס האָט זיך אַליין געקרוינט מיטן טיטול „וויסנשאַפטלעך־היסטאָרישער קריטיציזם". דער דאָ־זיקער ניי־צייטיקער פאָרשונגס־מעטאָד, וואָס האָט גענומען איבער־שאַצן אַלע איינגעפונדעוועטע באַגריפן איבער דער אַנטשטייאונג און אַנטוויקלונג פון די גרעסטע קולטור־דערשיינונגען, האָט אויך אויפן געביט פון ייִדישער געשיכטע, אויף איר הויפּט־פּראָבלעם — דער וואונדערלעכער קיום פון דער ייִדישער אומה — אָנ־געווענדעט ריין־ראַציאָנאַליסטישע, כלומרשט שכלדיקע טעאָריעס און מעטאָדן.

די אידישע היסטאָריקער יאָסט, גייגער און גרעץ, זיינען געווען די ערשטע, וואָס האָבן באַטראַכט די יידישע געשיכטע, ווי די געשיכטע פון עפּעס אַ גאַנצן, איינהייטלעכן היסטאָרישן סיסטעם. גרעץ דער גרויסער היסטאָריקער פון זיין צייט, האָט אין אַ געוויסן זין איבערגענומען די שיטה פון דעם פילאָזאָף און משכיל נחמן קראָכמאַל, וואָס האָט געזעהן דעם אַנטוויקלונגס־גאַנג פון דער יידישער געשיכטע אין ליכט פון העגעליאַניזם. יידנטום, לויט קראָכמאַלן, איז אַן אָרגאַנישע אַנטוויקלונג פון אַ מעטאַפיזישער קולטורעלער אידעע, די אידעע פון אַזוי־גערופענעם „אַבסאָלוטן גייסט״.

די פאַרשידענע קעגנזעצלעכע עפּאָכעס אין דער יידישער געשיכטע באַלויכט קראָכמאַל אין זיין היסטאָריש־פילאָזאָפישן ווערק „מורה נבוכי הזמן״, מיטן ליכט פון העגעלס אידעען פון „אַבסאָלוטן גייסט״.

אין דעם דורותדיקן גאַנג פון דער יידישער היסטאָריע, זעט קראָכמאַל אַ באַהאַלטענע גייסטיקע אָנפירונג, אַן אוניווערסאַלן גייסט, אַ וועלט־אידעע, וואָס דאָס איז די מיסיע, וואָס יידן רעפּרעזענטירן און אַזוי לאַנג ווי די וועלט־אידעע איז ניט פאַרווירקלעכט ביז צום סוף, קענען יידן ווי אַ קאָלעקטיוו, ווי אַ כלל, ניט אונטערגיין.

גרעץ האָט איבערגענומען די גאַנצע קראָכמאַלשע מעטאַפיזישע סכעמע און זי געמאַכט אַלס דעם גרונט־מאָטיוו אויך פון זיין געשיכטלעכן באַנעם. יידן האָבן אַ גייסטיקע מיסיע צו דערפילן און דאָס איז דער נאַציאָנאַלער דערהאַלטונגס־כח פון דעם יידישן פאָלק, זיין היסטאָרישער זכות־הקיום.

2

צום סוף פון נײַנצנטן יאָרהונדערט מיטן אויפקום פון דער השכלה און די נאַציאָנאַל־וועלטלעכע באַוועגונגען, איז אַרויסגע־

שוואומען די נאַציאָנאַל־וועלטלעכע טעאָריע פון דער יידישער געשיכטע. די נייע שיטות פון דובנאָוו, אחד־העם און שילער ווילן דערקלערן אַלע אידייאישע דערשיינונגען, ווי אויך דעם וואונדער פון דעם יידישן קיום אויף אַ ביאָלאָגיש־נאַציאָנאַלן אופן.

אויפן אָרט, וואָס יאָסט, קראָכמאַל, גרעץ און גייגער האָבן געשעפּט זייער געשיכטס־טעאָרעטישע פּרינציפּן פון פּיכטע, העגעל און הערדער, האָבן אונדזערע מאָדערנע נאַציאָנאַלע היסטאָריקער געבויט אויף די שיטות פון די מאָדערנע סאָציאָלאָגן, ווי ספּענסער, ווינדעלבאַנד און דיקערט, וועלכע שטעלן אַוועק די מענטשלעכע געשיכטע בכלל אויף אַ ביאָלאָגישן, נאַציאָנאַלן יסוד.

די מאָדערנע ציוניסטן און פאָלקיסטישע אחד־העם, דובנאָוו און קלויזנער האָבן די יידישע געשיכטע געוואָלט באַפרייען פון דער מעטאַפיזיק. זיי האָבן דערפאַר אָנגעצייכנט אַזאַ סכעמע: יידן האָבן זיך אויסגעצייכנט מיט אַ נאַציאָנאַלן חוש הקיום, מיט אַ נאַטירלעכן זעלבסט־דערהאַלטונגס אינסטינקט, וואָס געפינט זיך אין יעדן בעל־חי און ממילא אויך, לויט זייער מיינונג, אין מענטשן ווי אַ געזעלשאַפטלעכער בעל־חי.

איינע פון די גאָר נייסטע מעטאָדן, וואָס די מאָדערנע געשיכטע שרייבער האָבן גענוצט צו דערקלערן און צו אַנאַליזירן אידייאישע שטרעמונגען, געזעלשאַפטלעכע באַוועגונגען און היסטאָרישע עפּאָכעס איז געווען דער היסטאָרישער מאַטעריאַליזם, אַט דער עקסטרעמער שטאַנדפּונקט, אַז אַלע גייסטיקע דערשיינונגען אין דער געשיכטע, ווי פילאָזאָפיע, רעליגיע, מאָראַל און קונסט, האָבן זיך אַרויסגעוויקלט פון די ווירטשאַפטלעכע שייכותן און עקאָנאָמישע באַדינגונגען לויטן צושטאַנד פון די מאַטעריעלע פּראָדוקציע־פאַרהעלטענישן.

אין די לעצטע יאָרן האָבן זיך באַוויזן אייניקע יונגע היסטאָריקער, וועלכע האָבן געשאַפן אַ טענדענץ איבערצושרייבן די גאַנצע יידישע געשיכטע על פי נוסח היסטאָרישן מאַטעריאַליזם.

זיי באַמיען זיך צו דערקלערן די גאַנצע יידישע אַנטוויקלונג אין ליכט פון היסטאָרישן עקאָנאָמיזם.

דערווייל האָט נאָך קיינער פון די נייע יידישע היסטאָריקער ניט אָנגעשריבן אַ פולע יידישע געשיכטע, לויט דער היסטאָריש־מאַטעריאַליסטישער מעטאָדע. ביז איצט האָבן אייניקע יונגע יידישע פאָרשער (דר. רפאל מאהלער, רינגלבלום, ש. לעוו און אַנד.), געגעבן בלויז פראַגמענטן פון אייניקע עפּאָכעס, אָדער דערשיינונ־גען, וועלכע זיי פּרואוון באַלייכטן אין ליכט פון דער יידישער עקאָנאָמישער אַנטוויקלונג.

איבעריק צו זאָגן, אַז עס זיינען געווען און געבליבן יידישע היסטאָריקער, גראָד ווי ניט־יידישע, וואָס אַנערקענען ניט די גיל־טיקייט פון די נאַציאָנאַל־היסטאָרישע און מאַטעריאַליסטיש גע־שיכטלעכע צוגאַנגען צו געשיכטע בכלל. איינס איז זיכער: ביים אויסטייטשן די מאָטיוון פון פּראָבלעמען פון היסטאָרישן יידישן קיום בלייבןביידע שטות אָפּהענטיק.

די ביאָלאָגישע טעאָריע, וואָס באַמיט זיך אויסצוטייטשן דעם קיום פון יידישן פאָלק מיטן זעלבסט־דערהאַלטונגס־אינסטינקט, איז אָפּגעפרעגט מיט דעם, וואָס מען קען בכלל ניט פאַרגלייכן דעם סטיכישן לעבנס־אינסטינקט פון דער לעבעדיקער באַשע־פעניש צום סאָציאַל־מענטשלעכן, וואָס איז קולטור־געזעלשאַפט־לעך. אַ סך קליינע, שוואַכע פעלקער וואָלטן זיך ביאָלאָגיש אַ סך בעסער אויסגעלעבט אין שויס פון גרעסערע פעלקער, ווען זיי וואָלטן זיך גאָר אינגאַנצן אַסימילירט און דאָך ווילן די שוואַ־כערע פעלקער לעבן זייער שוואַך לעבן, אָדער אפילו אומקומען אין קאַמף פאַר זייער שוואַכער נאַציאָנאַלער עקזיסטענץ און ניט איינגעשלונגען ווערן פון די שטאַרקערע פעלקער. נאָך בולטער ווייזט זיך אַרויס דער אָפּפרעג אין דער ביאָלאָגישער אויסטייטשונג פון דער יידישער געשיכטע. עס איז דאָך אַ פאַקט, אַז דאָס יידי־שע פאָלק האָט געלעבט אין אַזעלכע אומדערטרעגלעכע לעבנס־באַדינגונגען, וואָס וואָלטן געקענט חרוב מאַכן דעם נאַציאָנאַלן

דערהאַלטונגס־כוח פון דעם גרעסטן און שטאַרקסטן פאָלק און דאָך זיינען יענע נאַציעס אונטערגעגאַנגען, און דאָס יידישע פאָלק האָט ווייטער געשפּונען זיין וואונדערלעכן פיזישן און גייסטיקן קיום.

דער „נאַציאָנאַל־היסטאָרישער קריטיציזם" פאַלט טאַקע דער־פאַר אַריין אין אַ נעץ פון כסדרדיקע ווידערשפּרוכן און קען בשום אופן ניט באַהויפּטן מיט זיכערקייט, אַז אים איז געלונגען צו גע־פינען דעם שליסל צום פּראָבלעם פון דער יידישער געשיכטע.

נאָך שווערער איז צו דערקלערן די יידישע געשיכטע מיט די היסטאָריש־מאַטעריאַליסטישער מעטאָדע, וואָס האַלט, אַז אויך אין דער יידישער געשיכטע הערשט די געזעצמעסיקייט פון דער גע־זעלשאַפטלעכער פּראָדוקציע, אַנטוויקלונג. דאָס יידישע פאָלק זאָל לויט די מאַרקסיסטישע היסטאָריקער, זיך דערפאַר האַלטן אין גלות, ניט קוקנדיק אויף אַלע רדיפות, אַ דאַנק באַזונדערע עקאָ־נאָמישע אומשטענדן.

דאָס קליינע פאָלק ישראל, דערקלערן די יונגע יידישע היס־טאָריקער, האָט זיך אויסגעטיילט פון אַלע גרויסע און מעכטיקע פעלקער מיט זיין אייביקער עקזיסטענץ, ווייל ער האָט אויסגעפירט אַ געוויסע עקאָנאָמישע פונקציע. זייענדיק אַ פאָלק פון סוחרים און פאַרמיטלער. אויף אַזאַ אופן ווילן זיי דערקלערן די גרויסע יידישע דינאַמיק, די אומגעהויערע גייסטיקע מאָראַלישע קראַפט פון דער יידישער רעליגיע, דעם פּראָטעסט קעגן אַלע שטאַרקע און דעם קדוש השם פון גאַנצע קהילות. די יידישע רעליגיע און מאָראַל איז לויט די מאַטעריאַליסטישע היסטאָריקער אַ דאָמי־נירנדיקער פאַקטאָר צוליב זעלבסט־דערהאַלטונג.

אין אונדזער צייט, ווען אפילו אין דער ספערע פון עקזאַקטע וויסנשאַפטן, וואָס שטיצן זיך אויף עקספּערימענטן, ווערט אַריינ־געטראָגן צווייפל. אַוודאי קען מען צווייפלען וועגן „זיכערע" אויס־טייטשונגען פון קולטור־געשיכטלעכע דערשיינונגען, וואָס שטיצן זיך דאָך אין לעצטן חשבון אויף ספּעקולאַטיווע סברות, אויף

פילצאָליקע און אומבאַגרינדעטע השערות. דאָ, קען געוויס קיין רייד ניט זיין וועגן וויסנשאַפטלעכע אַקסיאָמען, פון וועלכע די געשיכטלעכע פילאָזאָפיע אָדער היסטאָראָזאָפיע רעדט מיט אַזאַ זיכערקייט. דער סאָציאַלער געזעץ איז גאָרניט אַזאַ עקזאַקטער אינסטרומענט און עס איז נאָך איבערהויפּט ניט באַוויזן געוואָרן, צי עס איז דאָ אַזאַ זאַך ווי סאָציאַלע וויסנשאַפט. דאָס האָט שוין באַוויזן דער גרויסער אינטעלעקטועלער פרייהייטלעכער סאָציאַליסט גוסטאַוו לאַנדויער אין זיין בוך „די רעוואָלוציע״, וועלכע ער הויבט אָן מיט די ווערטער: „סאָציאָלאָגיע איז ניט קיין וויסנשאַפט״.

אויב אפילו מיר זאָלן זיין זיכער, אַז סאָציאָלאָגיע איז יאָ אַ וויסנשאַפט, קען מען זיך דורך דער מאַטעריאַליסטישער מעטאָדע ניט דערגרונטעוון צו דעם אמת פון יידישער עקזיסטענץ. עס איז קודם כל ניט אמת, אַז דאָס יידישע פאָלק האָט געלעבט אין אַנדערע פּראָדוקציע־פאַרהעלטענישן און בעסערע ווירטשאַפטלעכע באַדינגונגען ווי די פון אַנדערע פעלקער. ניט אַלעמאָל האָבן יידן געשפּילט די ראָלע פון ווירשאַפטס־פאַרמיטלער, און עס איז ניט זיכער, אַז עס האָבן זיך געפונען אַזעלכע מאַטעריעלע פּראָדוקציע־כחות, וואָס זאָלן האָבן געזיכערט די מערווירדיקע עקזיסטענץ פון אַ שוואַך פאָלק און אים אָנגעלאָדן מיט אַזויפיל מאָראַלישן און סאָציאַלן פּראָטעסט קעגן אַלע שטאַרקע און באַדריקער.

3

עס איז דערשינען דער פערצנטער באַנד פון זאב יעבצס „תולדות ישראל״. דער לעצטער באַנד פון אַ פאַרענדיקטער יידישער היסטאָריע פון אַ רעליגיעז־נאַציאָנאַלן פאָרשער, וואָס מעסט ניט די טיפע תהומות פון געשיכטלעכן גאַנג פון „עם קדוש״ מיט אַנטליענע מאָסן פון געשיכטלעכע טעאָריעס. אַ מעטאַפיזיקער דורך און דורך, געהט ער אָבער ניט אינגאַנצן אין די טריט פון די

אַלטע יידישע היסטאָריקער נאָר האָט זיין אָריגינעלן צוגאַנג צו דער יידישער געשיכטע. דער ספּעציפישער שטריך, וואָס טיילט אָפּ יעבצן פון די אַלטע געשיכטע־שרייבער, די אינערלעכע מאָס פון זיין היסטאָרישער קאָנצעפּציע, איז ניט דער אידעאַליסטישער בליק, אָדער קולטורעלע מיסיע פון אַ קראָכמאַל, גייגער און גרעץ. לויט יעבצן ליגט גאָרנישט דער יידישער באַוואוסטזיין אויף דער ליניע פון ראַציאָנאַליסטישער דערקענטעניש, נאָר אין דער העל־אויפבליצנדיקער אינטואיטיווער אַנטפּלעקונג, וואָס דערצו איז זוכה נאָר יענער, וואָס מיינט אויפריכטיק מיט זיינע אמת־זוכעניש.

די ביאָלאָגישע און מאַטעריאַליסטישע דערקלערונגען זיינען נאָר האַלבע אָדער שטיקלעך אמתן, ווייל פּאַראַלעל מיט די סאָציאַלע און עקאָנאָמישע געזעצן איז יידישע געשיכטע אויך געשריבן געוואָרן דורך דעם דראַנג פון דער נאַציע בייצוקומען די אויבנדערמאָנטע געזעצן. די יידישע געשיכטע לויט יעבצן איז אַ קולטור־געשיכטע, וואָס איז געווענדעט קעגן דעם אַלגעמיינעם קולטור־שטראָם פון דער וועלט, כאָטש זי האָט אין זיך איינגעזאַפּט די בעסערע עלעמענטן פון אַלע אַנדערע פעלקער־קולטורן.

כדי צו באַנעמען דעם העכערן זין פון דער יידישער געשיכטע, דאַרף מען מיט אַ טיפער יידישער אינטואיטיווער קראַפט אַריינדרינגען אין אירע קולטור־פאַרבאָרגעניש, ווייל די יידישע געשיכטע איז ניט נאָר אַ קולטור־געשיכטע, וואָס גייט אַריין אין קנויל פון אַנדערע קולטור־געשיכטעס, נאָר איז אַן אייגנאַרטיקע קולטור־געשיכטע.

נאָך אין דער הקדמה צום ערשטן באַנד, האָט יעבץ דערקלערט, אַז זיין צוועק איז צו גראָבן די אָריגינעלע קוואַלן און באַלייכטן די טונקעלע שטעגן פון היסטאָרישן לאַבירינט.

יעבצס כח באַשטייט אין דעם, וואָס ער בויט ניט זיינע היפּאָטעזן בלויז אויף שכלדיקע טעאָריעס, געבאָרגטע און צוגעפּאַסטע, נאָר גרונטעוועט זיך אינואיטיוו צום יידישן מקור.

דער גרונט־מאָטיוו פון יעבצס „תולדות ישראל", איז אַן

עטישער. אין מיטלפונקט פון זיין געשיכטע־פאָרונג האָט ער געשטעלט דעם רעליגיעז־עטישן מאָטיוו, די הויפּט־טענדענץ פון דער יידישער אַנטוויקלונג און עקזיסטענץ איז לויט אים אַ רעליגיעז־מאָראַלישע טענדענץ. אין פּראָצעס פון יידישן קיום און שאַפן האָט דאָמינירט די רעליגיעזע מאָראַל. נאָר אַזוי קען מען זיך דערגרונטעווען, זאָגט יעבץ, צו דעם גייסטיקן וואָרצל פון דער יידישער קולטור, צום מאָנאָטעאיזם, וואָס איז דער רוקן־ביין פון יידישן קיום, וואָס האָט רעגולירט און געפורעמט דעם אייגנאַרטיקן גאַנג פון פאָלקס געשיכטלעכן לעבן. דער מאָנאָטעאיסטישער שטראָם, וואָס לויפט דורך די אָדערן פון דער יידישער געשיכטע, האָט צעמענטירט די אַלע עפּאָכן פון דער יידישער היסטאָריע, געמאַכט פון זיי אַן איינהייט און אַזוי אַרום אויסגעשמידט דעם קיום פון פאָלק ישראל.

צוואַנציק יאָר נאָכדעם ווי פּראָפעסאָר גרעץ, דער ערשטער וויכטיקער יידישער היסטאָריקער, האָט אַרויסגעלאָזן זיין לעצטן באַנד, איז דערשינען יעבצס ערשטער באַנד (1895). איצט, זי־בעצן יאָר נאָך זיין טויט, איז דערשינען דער לעצטער באַנד.

זאב יעבץ איז דער איינציקער וואָס האָט געשריבן זיין „תול־דות ישראל" אין העברעאיש. ניט דובנאָוו און ניט גרעץ האָבן גע־שריבן זייערע געשיכטעס אין דער אַלטער ביבלישער שפּראַך, און שרייבנדיק זיין העברעאישע געשיכטע, האָט ער זיך גענומען דעם פּאַסיגסטן סטיל, דעם ביבליש־עפּישן לשון, וואָס איז אַזוי פּאָעטיש און געפילפול. גאַנצע קאַפּיטלעך אין זיין רעליגיעזער געשיכטע, לייענען זיך טאַקע ווי שטיקער פּאַרצייטיקער פּיוט פון גרויס דיכטערישן פּאַרנעם.

„די יידישע מאָראַל און לעבנס־קלוגשאַפט איז אַנדערש פון אַלע חכמות", זאָגט יעבץ אין דער דערמאָנטער הקדמה און ער האָפט אויפן טאָג פון נבואה, ווען די געשיכטע פון אַלע פעלקער וועט ניט זיין קיין סאָציאַל־פּאָליטישע געשיכטע, נאָר מער אַ קול־

טורעלע, ווי די פון עם הספר, פון דער יידישער נאַציע, וואָס איר געשיכטע און עקזיסטענץ איז מיסטעריע, איז מעטאַפיזיק.

די רעזולטאַטן פון דער טיפער אינטיאוטיווער פאָרשונג וועלן די מאָדערנע היסטאָריקער זיכער ניט אָננעמען, ווי אַבסאָלוט אמת־דיקע. אָבער יעבץ דער מעטאַ־היסטאָריקער, פאַר וועמען די גאַנצע יידישע געשיכטע איז דורכאויס רעליגיע, מעטאַפיזיק וועט האַלטן, אַז אין דעם זיינען שולדיק דער ניט יידישער קולטור מצב פונם מאָדערנעם היסטאָראָגראַף, אָדער היסטאָראָזאָף, וואָס אים איז פרעמד דער יידישער גייסט און ממילא אויך די אמתדיקע אָפּ־שאַצונג פון דער געשיכטלעכער אַנטוויקלונג פון אָט דעם גייסט.

די שקיעה פון מערב
און דער אייביקער יידישער ווידערקום

עס איז געווען אין יאָר 1918, דאָס יאָר וואָס האָט זיך פייער־דיק אַריינגעקריצט אין די לוחות פון דער געשיכטע: וואָפּנשטיל־שטאַנד, ווערסאַלער אָפּמאַך, רעוואָלוציעס און אויפשטאַנדן אין מזרח און מערב אייראָפּע. די וועלט איז געשטאַנען ביים ראַנד פון גרויסע ענדערונגען. קיינער האָט ניט געוואוסט גענוי וואָס וועט קומען אַלס רעאַקציע קעגן דעם אומזיניק פאַרגאָסענעם בלוט, אַלס פאַרגעלטונג פאַר די מיליאָנען אומגעקומענע און פאַר־אומגליקטע מענטשלעכע לעבענס אין דער לעצטער וועלט מלחמה. מען האָט אויך ניט געוואוסט אויף זיכער, צי עס וועט זיך דערהערן די שטים פון געוויסן, אָדער גאָר די שטים פון בלוט? מען האָט אויך ניט געוואוסט, צי וועט איצטער אויסברעכן אַ נייער באַגינען פאַר די פאַרוואונדעטע און פאַרפייניקטע פעלקער? אָדער עס הויבט זיך אָן די טיפע דעמערונג. עס האַלט ערשט ביי דער צעפלאַקערונג פון אַ שקיעה, און נאָכדעם וועט אָנקומען אַ לאַנגע טינט־שוואַרצע נאַכט? אין דעם יאָר איז אין דער פרייסישער שטעטל בלאַנקענבורג, געזעסן אַ מיטליאָריקער פרייסישער אַקאַ־דעמיקער, אַ נזיר, אַן אומעטיקער סקעפּטיקער, אָסוואַלד שפּענג־לער. ער איז געזעסן רעזיגנירט, מעלאַנכאָליש און ביטער, ווי אַ מענטש, וואָס לעבט דורך דעם לעצטן זון־אונטערגאַנג, און גע־שריבן מיט פּורפּור־טינט און מיט פּורפּור־בלוט אַ גרויסע עלע־גיע אויף דער דעמערונג פון אייראָפּע, אַן עלעגיע, וואָס איז גע־שריבן עלעגאַנט, טרויעריק און מיט אַלע זיבן חנען פון קלאַסי־שער דעקאַדענץ־ליטעראַטור „דער אונטערגאַנג דעס אַבענדלאַנד״ — דאָס איז אַ ווערק וועגן געשיכטע וואָס האָט געמאַכט געשיכטע.

ווען דאָס בוך איז דערשינען, האָט עס אַרויסגערופן ניט ווייניק דרך ארץ. שפּענגלער איז געווען דער שימערירנדיקסטער

שטערן אין אַ גאַנצער קאָנסטעלאַציע — די פּרייסישע פילאָזאָפן־היסטאָריקער. ווי אַ פילאָזאָף האָט ער געהאַט אַלע מעלות און חסרונות פון דער דייטשער פילאָזאָפיע. ער איז סאָליד און דאָך מעטאַפיזיש פאַרוואָלקנט, מוטיק, פעסט, פאַרעקשנט און אין דער זעלבער צייט אָנגעפילט מיט שווערמוטיקייט, פעסימיזם און רעזיגנאַציע. ער האָט דערגרייכט דעם באַרג־שפּיץ פון עקסטאַטישן צווייפל און געניאַלער טראַגיק און פאַטאַליזם. אַ קלאַסישער פאַטאַליזם, דאָס איז דער טובערקולאָזער ריטם פון זיין מאַסיווי צווייבענדיק ווערק. שוין דער סטיל זיינער איז כאַראַקטעריסטיש פאַרן אינהאַלט פון ווערק. דאָס ווערק איז געשריבן אין אַן אַסקעטיש־פּראַסטיקן סטיל, באַהעלט מיט די רויכיקע פלאַמען פון מעטאַפיזיק. אַ מעטאַפיזיקער, האָט ער אין זיך פאַרקערפּערט, קודם כל, די נעגאַטיווע זייט פון דייטשן פרייען געדאַנק, פון די טשעמפּיאָנען פון קריטישן און פרייען שכל. אין קאָנטראַסט צום סטאַטישן ראַציאָנאַליזם, פונם מאָדערנעם געדאַנק, פון געטעס „שטירב אונד ווערדע" (שטאַרב און ווער). ער, דער פאַטאַליסטישער זון פון דעם דעגענערירטן פּרייסנטום, האָט געהאַט אַ חוש פאַר דער טראַגישער אייראָפּייאישער קולטור, אָבער ניט די פייאיקייט זיך אַריינצוכלעבן אין די גייסטיקע לערן, ווי זיינע פאַרגייער די אידעאַליסטן.

דאָס לעבן פון זיין צייט האָט שפּענגלער געזען נאָר ווי אַ טיטאַנישן געראַנגל פון אַ שוואַכער אויסגעלעבטער קולטור מיט אַ חיהשער ציוויליזאַציע. דאָס וואָס גייט אונטער, דאַרף מען נאָך מער אונטערדריקן און אייראָפּע הויבט שוין אָן צו ווערן אינטערעסאַנט, ווייל זי שטייט נאָענט צו אַ גיגאַנטישער קאַטאַסטראָפע.

2

דער קערן פון שפּענגלערס גאַנצן דענקען, פון זיין פילאָזאָפישן סיסטעם, דער אינהאַלט פון זיין היסטאָרישער קאָנצעפּציע, איז,

די מענטשלעכע געשיכטע גייט נישט צו האַרמאָניש, נאָר איבער זיגזאַגן, קאַטאַסטראָפעס און ירידות. די געשיכטע לויפט ציקליש. יעדער געשיכטלעכער ציקל הויבט זיך אויף פון באַרבאַריזם, פּראָגרעסירט לאַנגזאַם צו דער העכסטער מדרגה פון קולטור, הויבט אָן פריער בהדרגהדיק און דערנאָך האַסטיקער צו דעגענערירן, ביז זי שטאַרבט אָפּ. אָבער עס איז ניטאָ קיין איינהייטלעכע קולטור, נאָר קולטורן, און יעדע קולטור איז קאָסמיש. איז ווי אַ לעבעדיקער אָרגאַניזם, וואָס איז אונטערגעוואָרפן דעם נאַטור־געזעץ. און וואָס פּראָגרעסירט ניט, נאָר לעבט, וועלקט און שטאַרבט.

יעדער היסטאָרישער ציקל באַשטייט, אין פאַרגלייך מיט דער נאַטור, פון פיר צייט־סעזאָנען: פרילינג, — אויפקום פון אַ נייער קולטור. זומער, — נאַטירלעכע פאַנאַדערבליאונג. האַרבסט — דער אָנהויב פון דעגענעראַציע און פאַנאַנדערפאַל. ווינטער, — דער סוף, דער אונטערגאַנג און טויט פון דער דאָזיקער קולטור.

דער דאָזיקער היסטאָרישער גורל פון קולטורן איז עקזאַקט און קען בשום אופן ניט אויסגעמיטן ווערן. יעדע קולטור איז פאַרמשפט, פונם היסטאָרישן שיקזאַל, דורכצומאַכן דעם טרויעריקן וועג.

דער אָנהויב פון דעגענעראַציע פון קולטור, הויבט זיך אָן פון דעם, וואָס קולטור ווערט פאַרוואַנדלט אין ציוויליזאַציע. די רעליגיע. די נשמה פאַרשווינדט און עס בלייבט נאָר דאָס מעכאַניש. אַלע קולטורן ענדיקן זיך דערמיט וואָס מענטשן גייען איבער אין די גרויסע שטעדט. דער מקור פון אונטערגאַנג איז די ציוויליזאַציע. די ציוויליזאַציע לעשט אויס דעם גייסט פון דער קולטור.

ביז אַהער זיינען געווען — פאַרזיכערט שפּענגלער — אַכט קולטורן. די וויכטיקסטע צווישן זיי: די קלאַסיש־גריכישע, די אַפּאָלאָנישע און די לעצטע — די מערבדיקע, די „פאַאוסטישע‟. יעדע קולטור איז, פון אַ היסטאָרישער פּערספּעקטיווע גענומען, פון אַ באַשטימטן אייגנאַרט, פון אַ געוויסן כאַראַקטער. אָבער זיי

אַלע האָבן דורכגעמאַכט דעם זעלבן טראַגישן גורל פון עליה און ירידה.

די דאָזיקע געשיכטלעכע קאָנצעפּציע, וועלכע שפּענגלער באַצייכנט מיטן וואָרט מאָרפאָלאָגיע (גייסטיקע געשטאַלטן, אַ וואָרט וואָס געטע האָט דערפונדן צו דערקלערן דעם מהות פון יעדן לעבעדיקן אָרגאַניזם, ווי חיה און שפּראַך, און דער היסטאָריקער אין קולטור פאָרשער, לעאָ פראָבעניוס, האָט אַנגעווענדעט אויף קולטורן) — דערקלערט שפּענגלער פאַר עקזאַקט, פאַר אַ זאַך וואָס קען בשום אופן ניט אויסגעמיטן ווערן. יעדע קולטור איז פאַרמשפּט, פונם שיקזאַל, דורכצומאַכן דעם טרויעריקן גאַנג. קיין זין איז ניטאָ, בלויז שיקזאַל. קיינע מענטשלעכע באַמיאונגען וועלן ניט ענדערן דעם מעלאַנכאָלישן גאַנג פון דער געשיכטע. ניט די יחידים און ניט די מאַסן זיינען פעאיק צו רעגולירן דעם גאַנג, וואָס איז אַזוי ווי די קאָסמישע אַנטוויקלונג, אונטערגעוואָרפן דעם שיקזאַל, איז פאַטאַל.

אויך די מערב אייראָפּייאישע קולטור גוססט. זי שטאַרבט, אַזוי ווי עס זיינען געשטאָרבן די פריערדיקע קולטורן. זי האָט פאַרלאָרן איר גייסט, איר נשמה, איר רעליגיע. זי האָט נאָר אַ „במקום רעליגיע” און לעבט פון קולטור־שיריים.

פאַרוואָס איז זי, די מערב־וועלט, אַזוי קראַנק, אַזוי לעבנס־געפערלעך, ווייל זי ליידט פון דעם פרעמדן עלעמענט, וואָס זי האָט אַריינגענומען אין איר אינגעווייד, און דאָס דריקט שווער אויף איר אָרגאַניזם. דער פרעמדער עלעמענט איז די רעליגיע, וואָס פּאַסט איר שוין מער ניט: דער יידישער מאָנאָטעאיזם און אפילו דער פלעבעאישער (מאַרקסיסטישער) סאָציאַליזם — „יעדער מאָנאָטעאיסט איז אַ געבוירענער סאָציאַליסט”.

מיר געפינען זיך איצטער — פאַרזיכערט שפּענגלער — אין שפּעטן האַרבסט פון דעם היסטאָרישן ציקל. מיר לעבן אין אַ צייט פון אונטערגאַנג, פון דעקאַדענץ, פון וועלקונג און גסיסה.

אַזוי מאָלט ער, דער האַרבסטיקער פּרייסישער פילאָזאָף,

דאָס גרויזאַמע בילד פון איראָפּעס פלאַמענדיק קולטור־אונטער־גאַנג, קולטור־דעקאַדענץ.

מיר געפינען ביי אים אַ שפּאָרע דאָזע גלאָריפיקאַציע פון דאָס ווילדע און פרימיטיווע אין מענטשן. שפּענגלער זאָגט: „די שיקזאַל־אידעע פאָדערט לעבנס־דערפאַרונג און נישט קיין אינ־טעלעקט. אין דער דאָזיקער וועלט קען מען ניט דערוואַרטן קיין פאַרנונפטיקייט און אויסגעהאַלטנקייט. אין דער דאָזיקער וועלט עקזיסטירט שיקזאַל אַנשטאָט אורזאַכלעכקייט. אונדזער עקזיס־טענץ איז נישט קיין אַרגומענטאַטיווע נאָר אַ שיקזאַלהאַפטיקע". שפּענגלערס אָנשטרענגונג צו בויען אַ גאַנצע היסטאָרישע פילאָ־זאָפיע אויף דער „שיקזאַל אידעע", איז כאַראַקטעריסטיש פאַר דעם טיראַנישן נאַציזם, וואָס גראָבט זיך, מיט זיין גאַנצער פינצ־טערער מאַכט קעגן „אינטעלעקט", „וויסנשאַפטלעכער דערפאַרונג" און סאָציאַל־עטישן פראָגרעס. כאָטש שפּענגלער אַליין איז אינטעלעקטועל געווען מחולק מיט די היטלעריסטן, און ער אַליין האָט אַבסאָלוט פאַרלייקנט זייער ווילדן ראַסיזם, האָבן אָבער די, וועלכע האָבן אים געהאַלטן פאַר איינעם פון די פילאָזאָפן, וואָס האָבן רעפּרעזענטירט די דעסטרוקטיווע זייט פון דער דייטשער פילאָזאָפיע, און אים געמאַכט שולדיק פאַר דעם היטלעריסטישן שטראָם, — קיין טעות ניט געמאַכט.

„פאַר מיר איז מענטשהייט נאָר אַ זאָאָלאָגישע איינהייט. איך זע נישט אין דער מענטשהייט קיין פּראָגרעס, קיין ציל, קיין וועג. איך זע אפילו ניט קיין גייסט און זיכער ניט קיין איינהייט פון שטרעבן, פילן און פאַרשטיין".

„דער מענטש איז מער ניט ווי אַ רויב־חיה. דער פּאַציפיסט איז אַ רויב־חיה מיט אויסגעהאַקטע ציין". די זאַצן אין שפּענג־לערס ווערק, אָנגעווענדעט אויפן היטלעריזם, שטימען צום פּונקט.

עס איז שווער צו מעסטן, וויפיל טיפקייט עס איז דאָ אין שפּענגלערס סיסטעם. עס איז אויך גאַנץ מעגלעך, אַז מיט זיין אונטערגאַנג־טעאָריע, האָט ער בלויז פילאָזאָפיש אויסגעטייטשט

די מפלה פון דייטשן מיליטאַריזם. אַ צעטומלטער אונטער די קלעפּ פון זיין צייט, האָט ער ניט געקענט זיין אָביעקטיוו. און ווער עס האָט זיך טיפער אַריינגעטראַכט אין די רייד פון דעם איינזאַמען פּרייסישן פילאָזאָף, וואָס האָט אַזוי קהלתדיק, און פּי־לאָזאָפיש־סטאָאיש, באַגלייט די דעמערונג פון קולטורן, וואָס שטאַרבן ווי קופּעס רויטע, געשאָכטענע בלעטער, פאַלנדיק פון האַרבסטיקן בוים, און ווי טעג אונטער אַ ברענענדיקער שקיעה, — דער האָט דערשפּירט דעם רעזיגנירטן סקעפּטיציזם, וואָס ווייעט פון אַ פאַרלאָרענער שלאַכט . . .

נישט קוקנדיק אויף דעם אַלעם איז שפּענגלער, אָן שום ספק, אַן אייגנאַרטיקער און טיפער פילאָזאָף, און ער וועט פאַר־בלייבן, אין דער מאָדערנער געשיכטע, ווי דער דיאַלעקטיקער פון די שטורם־ווינטן פון דער געשיכטע און דורך דער אומגע־ווינליכקייט פון זיינע אידעען, דורך די רוישיקע קלאַנגען פון זיין פלאַמענדיקן וואָרט, ווי אַן עקזאַלטירטער היסטאָריקער, וואָס האָט זיך געמיט פילאָזאָפיש צו באַנעמען דעם גורל פון פעלקער און קולטורן.

3

די אָפּקלאַנגען פון די עליות און ירידות פון פעלקער און קולטורן זיינען קיין נייעס ניט אין דער וועלטלעכער און יידישער היסטאָריאָזאָפיע. דאָס איינטיילן דאָס לעבן פון קולטורן און פעל־קער אין דריי אָדער פיר פעריאָדן געפינען מיר ביי די אַלגעמיינע היסטאָריקער־פילאָזאָפן, וויקא הערדער, העגעל, באָקל, בערדיאַיעוו און אַנדערע. אין דער יידישער געשיכטע: ביי קראָכמאַלן, גרעצן ביז קלויזנערן און בערנפעלדן. שפּענגלערס אָריגינעלער אויפטו איז דאָס וואָס ער האָט אָנגעצייכנט די מאָס יאָרן פון יעדער קול־טור. יעדע קולטור לעבט ניט מער ווי טויזנט יאָר.

אויב אַזוי, איז ווי דערקלערט מען דעם וואונדער פון יידישן

קיום? די עקזיסטענץ פון יידישן פאָלק, וועלכער לעבט שוין אַ סך מער ווי טויזנט יאָר? אויף דעם ענטפערט שפענגלער: דער ייד פאַרמאָגט גאָרניט קיין קולטור עלעמענטן, אין דעם זין פון די פעלקער־קולטורן. צווישן די אַכט קולטורן גייען יידן ניט אַריין. שפענגלער פּאַסט אויף דאָס יידנטום, ווי אַן אינטעגראַלער טייל פון דער מאַגישער קולטור. דאָס יידנטום איז מער ניט ווי געזעץ. ירושלים פאַר יידן איז ניט געווען קיין פּאָליטישער צענטער, נאָר אַ סינאַגאָגע, אַ מין „אַראַבישע מעקאַ״. אַ נאַציע זיינען יידן ערשט געוואָרן אין בבל, ווען זיי האָבן זיך געזען ווי אַ טייל פון דער מאַגישער קולטור. אין די שפּעטערדיקע עפּאָכעס האָבן זיך די יידן אָפּגעשלאָסן אין די געטאָס און דאָרט געשאַפן אַ מלוכה אין אַ מלוכה. זיי האָבן קיינמאָל ניט געהאַט קיין באַציאונגען מיט די אַנדערע קולטורן פון די אַרומיקע פעלקער. ווי אַ באַווייז פאַר זיין הנחה, נוצט ער דעם חרם אויף שפּינאָזאָן פון דער פרומער אַמסטערדאַמער קהלה, און דאָס איינזעצן אין דער פּעטערבורגער תפיסה ר׳ שניאור זלמן ליאָדער דורך די מתנגדים, ווי אויך דעם זעלבסטמאָרד פון אָטאָ וויינינגער (בכלל זיינען ביי אים דער בעל שם, שפּינאָזאַ, שלמה מיימון, אָטאָ וויינינגער די טיפּישע רעפּרעזענטאַנטן פון דער יידישער געטאָ און דער עמאַנציפּאַציע).

מיטן אויפבּרעכן די טויערן פון דער געטאָ זיינען יידן געוואָרן דורכאויס ציוויליזאַטאָריש, און ממילא דעסטרוקטיוו. זייער מיסיע איז געווען צו ציוויליזירן די פעלקער. איצט אָבער, ווען אייראָפּע ווערט אינגאַנצן ציוויליזירט מוזן יידן פאַרשווינדן.

יעדער ייד מיט אַ היסטאָרישן חוש וועט דערשפּירן, לייענענדיק שפענגלערס „אונטערגאַנג״, ווי ווייט ער איז ניט אַריינגעדרונגען אין היסטאָרישן, אָדער איבערהיסטאָרישן זין פון יידישן קיום, און ווי ווייט ער שאַצט אונטער דעם יידישן טראַגיזם און יידישן טריאומף. זאָל יידנטום טאַקע ניט זיין מער ווי אַן אַמאָל־

גאַמע פון טרוקענע ריטואַלן, צי וואָלטן זיי ערשט דערפאַר אַליין ניט געדאַרפט שוין לאַנג שטאַרבן?

שפּענגלער פאַרזיכערט, אַז קולטורן זיינען ווי פאַרשידענע אָרגאַניזמען. זיי זיינען צווישן זיך מיט גאָרניט פאַרבונדן. צו די אַלטע קולטורן, הייסט עס, קען אַ מענטש, וואָס לעבט אין אַ נייעם קולטור־פּעריאָד, נאָר האָבן אַ ריין־עסטעטישע באַציאונג, אָבער ניט אַריינדרינגען אין זייער תוך. אָנגענומען, אַז אַזוי איז עס, ווי אַזוי קען ער, דער רעפּרעזענטאַנט פון דעם שקיעהדיקן מערב, פון דער דעקאַדענטיש־פאַאוסטישער קולטור, באַנעמען די טיפסטע אַנטפּלעקונגען פון יידישן גייסט? וואָס געהערן דאָך, לויט אים, צו דער אַלטער מאַגישער קולטור? אין דער אמתן איז שפּענגלערן דורך און דורך פרעמד דער היסטאָרישער יסוד פון יידנטום, דערפאַר זיין דעקאַדענטיש צענויפמישן יידנטום, דעם גרעסטן וואונדער פון דער געשיכטע, מיט זיין ניי־מאָדישער קול־טורעלער פאַראַלגעמיינערונג, און דאָס דערנידעריקן די יידישע קולטור, צו אַ מין סטאַטוע און רעליגיעזן מוזיי.

4

וואָס איז דער נאַציאָנאַל־קולטורעלער כאַראַקטער פון אַ פאָלק? ווי אַזוי דעפינירט מען דעם מהות פון אַ פאָלק און זיין קולטורעלן גורל? וואָס זיינען די גרונט־עלעמענטן פון נאַציאָנאַלן וועזן בכלל? פאַרשידן און קעגנגעזעצט זיינען די הונדער־טער דעפיניציעס אויף די פראַגן. אַלע נאַציאָנאַלע טעאָרעטי־קער זיינען מודה, אַז דער גרעסטער סכום פון אויסערלעכע דערשיינונגען, וועלכע מיר זיינען געוואוינט צו אַסאָציאירן מיט אַ וועלכער עס איז נישט נאַציע, דריקן נאָך נישט אויס דעם אי־נערלעכן וועזן פון אַ נאַציע.

אין זייער צוגאַנג צו דעפינירן דעם נאַציאָנאַלן כאַראַקטער פון אַ פאָלק האָבן דריי יידיש־דייטשע דענקער, די קאָנסערוואַטי־

ווען פראָפעסאָרן מאַריץ לאַזאַרוס און חיים שטיינטהאל און דער רעוואָלוציאָנערער מאַרקסיסט אָטאָ באוער, אַרויסגעשטעלט די קולטור־געמיינשאַפט צו כאַראַקטעריזירן דעם סימן פון אַ נאַציע. די כאַראַקטער־איגנשאַפטן, וואָס זיינען אַרויסגעוואַקסן פון דער מענטשהייטס אַלגעמיינעם גורל, האָבן זיך דיפערענצירט אין קולטורן. לויט לאַזאַרוסן און שטיינטהאַלן איז דער סימן מובהק פון אַ נאַציע אויך די פעלקער־פסיכאָלאָגיע, לויט באַוערן, — די קולטור געמיינטשאַפט טעאָריע, דער געדאַנק, אַז יעדע נאַציע שפיגלט אָפּ אַ באַזונדער קולטור.

און אָט טרעפן מיר זיך אָן אויף דער טעאָריע פון אַ יידישן גאון, אַ מיסטיקער און אַ פיטן פון איין זייט, און אַ פילאָזאָף ראַציאָנאַליסט פון דער צווייטער זייט, אויף דעם מהר״ל מפּראָגס ספרים. לאָמיר זיך צוהערן וואָס די גרויסע יידיש־רעליגיעזע פיגור פון מיטלאַלטער האָט אונדז צו זאָגן.

אין דער גאַלעריי פון היסטאָריש רעליגיעזע פיגורן, וואָס האָבן אין זייערע ספרים זיך אָפּגעגעבן מיט דער פילאָזאָפיע פון דער יידישער געשיכטע, איז דער מהר״ל געווען דער גרעסטער און טיפסטער, און עס איז מערקווירדיק, אַז אין זיינע ספרים „נצח ישראל", גבורות ה׳" און „נתיבות עולם", — גיט ער אַ ברייטע דעפיניציע וועגן דער אַנטשטייאונג פון פעלקער און קומט צום זעלבן שלוס ווי די מאָדערנע היסטאָריקער פילאָזאָפן.

לויט דער תורה פון מהר״ל, האָבן זיך די אומות געבילדעט אויפן יסוד פון סאָציאַלע און נאַטור־קולטורעלע באַדינגונגען. פאַרשיידענע גרופּן פון מענטשלעכע קולטור־טיפּן זיינען אַנטשטאַנען, און יעדע מענטשלעכע געמיינשאַפט האָט פאַרקערפּערט אין זיך אָן אַנדער קולטור־פילאָזאָפישן פּרינציפּ. און דער מהר״ל כאַראַקטעריזירט, אויף זיין אופן, די קולטורעלע פאַרשידנקייט פון גריכישן, רוימישן און יידישן פאָלק. די גריכן האָבן רעפּרעזענטירט די עסטעטיק. „דער כח פון יון איז ספּעציעל אויסגעדריקט אין דעם, וואָס זיי זיינען אַריין אין היכל פון תפארת". (אור חדש

פ״א, י״א). „יון איז דער סימבאָל פון חכמה״ (דאָרט פרק י׳). דער אייגנאַרטיקער מהות פון דער רוימישער קולטור איז באַשטאַנען אין סאָציאַלער מאַכט און פּאָליטישער שקלאַפערײַ. „זייער (רוי־מישער) העכערער כח באַשטייט אין דעם, וואָס אויך זייער הימל געהערט צו די האַרן און די ערד צו די רייכע״ (נתיבות עולם). די יידישע קולטור האָט געבראַכט התחייבותן פון עטיק. „די יידן שטעלן פאַר גאָט אלס דעם וואָס רוט מיט די אונטערדריקטע״ (נר מצוה).

נאָכדעם ווי ער דעפינירט די פאַרשיידנאַרטיקייט פון די גריכן, די רוימער און די יידן, זאָגט ער: „יעדע אומה האָט איר אייגנאַרטיקייט און איר עצם מהות, דער נאַציאָנאַלער מהות, דאָס איז דער שכלדיקער באַגריף. אויף דעם באַווייזט דער כתב פון אַ פאָלק. יעדעס פאָלק האָט אַנטוויקלט אַ באַזונדער כתב״ (אור חדש ח״א). דער „כתב״, הייסט עס, דער קולטורעלער סימן האָט געשאַפן דאָס פאָלק, „און די מדרגות פון די אומות וואָס זיינען צעטיילט, ווייל דער כתב איז אַ העכערע אַנטפּלעקונג, ווי דער לשון״ (תפארת ישראל, פ״ד). אַלזאָ, דער אָביעקטיווער סימן פון יעדעס פאָלק איז ניט די בשותפותדיקע שפּראַך פון אַ באַשטימ־טער גרופּע מענטשן, נאָר די קולטור. דאָ דערזען מיר די טע־אָריע פון אָסוואַלד שפּענגלערן: „די קולטורן שאַפן די פעלקער ניט די פעלקער קולטורן״. אויך דער קוואַל, פון וואַנען עס שטראָמען אַרויס די פאַרשיידענע פעלקער־פיינטשאַפטן איז די אַנדערשקייט פון די קולטורן. דער מהר״ל זאָגט פשוט: אַלע מלחמות פון איין פאָלק אַנטקעגן צווייטן האָבן זייער וואָרצל אין דער אַנדערשקייט פון די פעלקער״ (גבורות ה׳), ד. ה. ווען די אייגענע קולטור, אַלס ציל פאַר זיך, הויבט אָן צו זינקען און נידערן, דעמאָלט, איידער עס קומט אויף די נייע קולטור, קומען אָן די מלחמות און די זעאָלאָגיש־ברוטאַלע פייניקונגען פון איין טייל מענטשהייט דורך דער צווייטער. אויך לויטן מהר״ל גייט די געשיכטע פון יעדעס פאָלק אין אַ מין ביאָלאָגיש־גענעטישער אַנט־

וויקלונג. אַלזאָ, שפּענגלערס אַנאַליז פון פעלקער־גורל אין מויל פון אַ פּאַרצייטיקן מיטלאַלטערלעכן גאון און מקובל. עס איז אַ גרויסער אונטערשייד צווישן זיי. פון איינעם צום צווייטן, להבדיל, איז אַ מהלך, ניט קלענער פון קרוב צו פינף הונדערט יאָר און נאָך מער אין גייסט. איינער איז פון די פּאַרחלומטע יידן, וואָס איז דערגאַנגען צום שעור־קומה בילד פון יידישער עסכאַטאָלאָגיע, צו אַ פאַרשטעלונג, אַז דער סדר פון דער וועלט־אַנטוויקלונג גייט צו דער העכסטער פאָרם פון שלימות. דער צווייטער — אַ בן דור פון אַ קראַנקער איראָפּע, באַלאָדן מיט פאַטאַליזם, ספיקות און זינד. איינער איז געווען אונטערוואָרפן אַ קאָסמישער שיקזאַל־דעטערמינאַציע, קולטורן, — זינלאָזע פּלאַנירונגען און ממילא טראַגישע יצירות, דער צווייטער — האָט געשפּירט דאָס פרייד און זין פון דער יצירה. אָבער דאָך מער ניט ווי אַן אַנדער ריטם און אַנדערע ווערטער. זיי קומען זיך צוזאַמען, באַרירן זיך אין די אמתן פון זייערע הנחות.

מען וועט זאָגן, אַרויסגעכאַפּטע ציטאַטן פון אַלטע ספרים, אַנגעמאָסטן אויף נייע אידעען, פּאַסן זיי? גענוג אָבער, אַז מיר ווייסן, אַז יעדער קען געפינען אין דער אַלט־יידישקייט דאָס וואָס ער זוכט, און זאָגן ווי קאַנט האָט געזאָגט בנוגע פּלאַטאָנען „דורך פאַרגלייכן זיינע געדאַנקען קען מען אים אַמאָל פאַרשטיין נאָך בעסער ווי ער האָט זיך אַליין פאַרשטאַנען“.

שפּענגלערס היסטאָרישע אמתן אין דער תורה פון מהר״ל, און דאָך, ס׳אַראַ פאַרשידענע מסקנות פון די זעלביקע הנחות וועגן אמונה, מיטן נצח ישראל, מיטן מאַנאַטעאיזם. ניט איין טויט האָט שוין געטראָפן אַ קולטור, ניט איין קולטור איז שוין אונטערגעגאַנגען, אָבער אונדזער קולטור וועקט אונדז פון באַגינען פון די פעלקער, איבער זייערע שקיעהס, ביז דעם נייעם פרימאָרגן. מיר צוזאַמען מיטן קולטורעלן מערב. לויטן מהר״ל איז די ירידה בלויז איבערוואונדונג, ווידערקום, תחית המתים. און דאָס אַלץ, ווייל „חדשים לבקרים רבה אמונתך“, ווייל יידן זיינען פאַרבונדן מיט

יידישן גורל. לויט שפּענגלערן איז אויך די וואונדערלעכע ערשיי־נונג, די יידישע עקזיסטענץ, פאַרמשפּט צום פאַטאַלן אונטערגאַנג ווערן געלייטערט אין דעם טיגל פון פעלקער און קולטורן דורך אַן אייביקייט, אַ נצחדיקייט, וואָס איז אויסגעדריקט אין דעם קלאַ־סישן סטיל פון דעם יידישן פּיטן „ישנה ויחלוף כליל כל ממלכות האליל — חסנך לעולם״. אַלע קולטורן האָבן עלעמענטן פון גע־צענדינסט אין זיך, און דערפאַר מוזן זיי פאַרשווינדן, מיר אָבער זיינען פאַרבונדן מיטן מאָנאָטעאיזם, און דערפאַר — מיט דער איי־ביקייט.

אומגעקומען אונ אומקום

װאָס װאָלטן קאַנט, אָדער געטע, אין זייער גרויס חכמה געזאָגט, װעגן אַ מאָרד פון אַ פאָלק װאָס זיצט פרידליך ביי זיי אינם לאנד ? װעגן די הענט פון אַ פאָלק, זייער פאָלק, װעלכע רויכן פון בלוט ? קען זיין, ס'װאָלט עפּעס געזאָגט זיי דער טרוימער פון „ריינעם פאַר־נונפט”, קען זיין, דער שאפער פון „פאוסט” װאָלט אראָפּ פון אלימפּ, עפּעס געזאָגט זיי אזוינס — אָבער זיכער אין דעם בין איך ניט.

װאָס אָבער מיכה, דער מאן פון מורשת, אויף דעם װאָלט געזאָגט, צי עמוס פון תקוע, דער פאסטוך — דאָס װייס איך גענוי.

י. י. שװארץ

פרויד און די רעליגיע

„דער חוזה פון ווין״ — אַזוי האָט אַ יידישער פּאָעט באַטיטלט זיגמונד פרוידן, דעם שעפער פון דער פּסיכאָאַנאַליזע, דעם גאָניאַלן ייד און מענטש פון לעצטן יאָרהונדערט, דער וויכטיקסטען צווישן די, וואָס האָבן געוואָגט צו מאַכן עקספּערימענטן אויף דער מענטשלעכער נשמה.

דער פּסיכאָאַנאַליטישער געדאַנקען־גאַנג איז איצט דאָס גייס־טיקע אייגנטום פון אַ היבשן טייל יידישער יוגנט און די איינציקע תורה פון גרויסע אינטעלעקטועלע שיכטן, און מען דאַרף זיך ניט וואונדערן, פאַרוואָס, איז דאָך פרוידווירקלאך דער, וואָס האָט רע־וואָלוציאָניזירט דעם געמיט פון אַ גאַנצן דור דורך זיין לערע, וואָס דערקלערט, אַז ניט דער מענטש איז דער בעל הבית פון זיינע באַ־שטרעבונגען, נאָר זיי ווערן געשפּייזט פון דער טיפער טונקלקייט פון אונטער־באַוואוסטזיין. אָט די פאָרמולע: יעדע פּאַסירונג שטאַמט פון אונדז אַליין, אפילו אומבאַוואוסט, — האָט געווירקט רעוואָלוציאָנער אויף די הערצער און מוחות פון אַ דור. די וועלט האָט געצאַרנט קעגן דעם אמת, ווייל אויב דער כלל איז ריכטיק, הייסט עס דאָך, אַז מען מוז פאַרן גורל אַליין טראָגן די שווערע אחריות, וועלכע מען פלעגט אַרויפוואַרפן אויף אויסערלעכע פאַק־טאָרן. דאָס האָט די וועלט ניט געקענט לייכט אַראָפּשלינגען. אָבער די יוגנט, און בפרט די יידישע יוגנט, אָט דער גייסטיקער דינאַמיט פון דינאַמישן פאָלק, האָט אַקצעפּטירט די דאָזיקע תורה ווי דעם איינציקן אומאָפּפרעגבאַרן אמת און געקרוינט דעם שעפער פון דער תורה אַלס דעם נביא פון אַ דור. — „דער חוזה פון ווין״.

אָבער קען פרויד פאַררעכנט ווערן פאַר אַ יידישן חוזה? וועט דער גייסט פון יידנטום אַרויסווייזן פאַרשטענדעניש פאַר דער ירושה פון פרוידס גייסט? פאַר זיין גאָניאַלן חוש פאַר די פאַר־באָרגנסטע פּסיכאָלאָגישע צוזאַמענהאַנגען?

דער ענטפער איז: פֿאַר זיינע מעטאָדן, פֿאַר זיינע אמתן, יאָ, פֿאַרן גאַנצן אויספיר ניט.

עס איז זיכער, אַז אין זיין גאַנצער רעוואָלוציאָנערישער גע־וואַגטקייט איז אָט דער אומבויגזאַמער כאַראַקטער, וואָס האָט אַראָפּגעריסן די מאַסקע פון דעם גרויסן לעבנס־ליגן — געווען יידיש. זיכער איז, אַז די ליכטיקע אויגן, וואָס האָבן טיף אַריינ־געקוקט אין די תהומען פון דער מענטשלעכער נשמה, האָבן אין זיך געהאַט בליצן פון אַמאָליקע יידישע צופים און חוזים. אויב אפילו זיין גאַנצע געניאַלע אַרבעט צו שאַפן אַ סיסטעם פון פּסי־כיק, צו דערקלערן די אומבאַוואוסטזיניקע כחות, וואָס באַהערשן אונדזער לעבן, איז אַ געוואַגטע זוכעניש פון אַ דורכאויס יידישן רעבעלישן גייסט, קען אָבער יידישקייט בשום אופן ניט אָננעמען די פּסיכאָאַנאַליזע ווי אַ זעלבסטהערשערישע טעאָריע, וואָס זאָל קענען דערקלערן אַלע דערשיינונגען פון אינדיווידועלן און גע־זעלשאַפטלעכן לעבן.

די פּסיכאָאַנאַליטישע תורה האָט אַנטדעקט אַ קאָמפּלעקס פּסיכאָלאָגישע אמתן פון אַן אומגעהויער וויכטיקייט, אָבער אַנעקסירן די פּסיכאָאַנאַליטישע נעץ אויף אַלע געביטן פון מענטש־לעכן גייסטיקן שאַפן אוןווירקן, און מאַכן די לערע פֿאַר דער איינציק־הערשערישער טעאָריע, פֿאַר ריינער וויסנשאַפט, צו דעם וועט דער יידישער וועלט־באַנעם בשום אופן ניט מסכים זיין. פֿאַר־קערט, יהדות וועט זיך מיטן גאַנצן פייער, באַמיען צעוואַרפן די טורמע־ווענט, וואָס פרויד האָט אויפגעשטעלט פֿאַר דער מענטש־לעכער נשמה.

2

וואָס איז דער יסוד פון פרוידס תורה? וואָס איז דער זעלבסט באַשטימענדיקער צענטראַלער כח אין די טיפענישן פון מענטשן לויטן פרוידיאַניזם? — דער „הינטער באַוואוסטזיין”. אַלע פֿאַר־

לאַנגען וואָס זיינען ניט אויסגעפּירט געוואָרן, אַלע חשקס, גלוסט־טענישן, וואָס זיינען אונטערדריקט, בעיקר די עראָטישע שטרע־בונג, דער אינערלעכער דראַנג צו סעקסועלער ליידנשאַפט, וואָס איז ניט באַפרידיקט — דאָס איז דער צענטראַלער כח פון מענטש־לעכן דענקען, פילן און האַנדלונגען (ליבידיא קאָמפּלעקס). שכרות און פאַרברעכן, פּונקט ווי טאַלאַנט און וויסנשאַפטלעכע שטרעבונ־גען, זיינען נישט מער ווי סובלימירטע עראָטיק. סובלימאַציע הייסט לויט פרוידן: דער עראָטישער דראַנג געפינט אַ נייע פאָרם פון באַפרידיקונג. דער אמתער מענטש אייגנטלעך איז דער ניט באַוואוסטער, דער וואָס אַנטפּלעקט זיך אין חלום. „דער חלום איז אַ געפיל פון פאַרלאַנג". ווי אַ פּועל יוצא פון זיינע הנחות האָט פרויד אויף אַ ספּעקולאַטיוו־דאָגמאַטישן אופן געשאַפן אַלע זיינע באַגריפן פון „סעקס" און „ליבידיא", „איד", „עגאָ" און „סופּערעגאָ" און אַנדערע טערמינען פון זיין פילאָזאָפישן רעפּער־טואַר, וואָס זיינען צו קאָמפּליצירט, אַז מען זאָל זיי קענען אַנאַליזירן אין די ראַמען פון דער אַרבעט.

הגם פרויד איז ווייט פון מאַרקס' דיאַלעקטישן מאַטעריאַליזם, לויט וועלכן דער מענטש איז אונטערגעוואָרפן אין אַלע זיינע פּסיכישע שאַפונגען און האַנדלונגען דעם צענטראַלן כח פון די פּראָדוקציע מיטלען און סאָציאַל־עקאָנאָמישע סיסטעמען, — האָט ער אָבער אויך ווי מאַרקס, אונטערגעוואָרפן דעם מענטשן אונטער אַ צווייטן אַלמעכטיקן כח, — די פּרימיטיווע עראָטיק, דעם אונטערדריקטן „סעקס אינסטינקט". אָט דער סעקס אינ־סטינקט האָט זיך פאַרוואַנדלט, ביי פרוידן, אין אַ ליידנשאַפטלעכער אימהדיקייט וואָס פאַרשוועכט דעם גייסט פון זיין אָפּשטאַם.

פּונקט ווי ביים מאַרקסיזם זיינען אַלע פּסיכישע האַנדלונגען פונם מענטשן, אַלע קולטור־היסטאָרישע דערשיינונגען, נישט מער ווי „צוגאַבן" און „איבערבויען", ווי מאַרקס זאָגט בפירוש: „אויף די פאַרשיידענע פאָרמען פון אייגנטום, אויף די סאָציאַלע עקזיס־טענץ־באַדינגונגען, הויבט זיך אויף אַ גאַנצער איבערבוי פון פאַר־

שײדענע און אײגנאַרטיקע געפילן, אילוזיעס און וועלט אָנשױ־
אונגען", — אַזױ איז אױך בײ פרוידן די קולטור, אַ צוגעקומענע
„סובלימאַציע", אַ „סוראָגאַט".

פרויד, ווי מאַרקס, איז צו פּראָבלעמאַטיש אין זײן צוגאַנג
צום מהות פון מין מענטש. דער מענטש איז בײ אים, און בײ
מאַרקסן, מער ניט ווי אַ שפּילעכל פון געהײמער נויטווענדיקייט פון
בלינדע כחות (בײ מאַרקסן — די מעכטיקע עקאָנאָמיק, דער „מאַ־
טעריאַליסטישער דאָ זײן". בײ פרוידן: „בלינדע טריבן", אַ
צושטאַנד פון דריזן). פרויד זאָגט:

„פּסיכאָאַנאַליז איז דער מעטאָדישער צווײפל אין דער זעלבסט־
פאַרשטענדלעכקײט פון אײגענעם באַוואוסטזײן". און ער איז דער
אכזריותדיקער פאָרשער און אויסטײטשער. ער וויל גאָר קײ־
נעם ניט אויסלײזן און בעסער מאַכן. די עטיק ליגט ניט אין
זײן פאָרשונגס־גבול. איז דערפאַר זעלבסטפאַרשטענלעך, אַז
יידישקײט, וואָס איז שטענדיק אַרויסגעטראָטן קעגן אויסגעקליגל־
טע ראַציאָנאַליסטישע אידעאָלאָגיעס, געבויטע אויף אויסרע־
כענונגען און קאַלקולאַציעס, און וואָס איז אַלײן אַן אידעאָלאָגיע
פול מיט רגש, מיט פילבאַרקײט, וואָס ציט די יניקה פון אין סופ׳יקן
אינהאַלט פון דער נשמה, — זאָל זען אין פרוידיאַניזם אַ פײנטלע־
כע וועלט־אנשויאונג.

אַז דער אָרטאָדאָקסיש־פּסיכאָאַנאַליטישער שטאַנדפּונקט, וואָס
וויל צופּאַסן דעם מענטשן און די מענטשהײט צו דעם כלומרשטן
אַלמעכטיקן צענטראַלן כח פון עראָס, פון אינערלעכן פּרימיטיוון
דראַנג פון סעקסועלער לײדנשאַפט, איז מער ניט ווי אַ סדום־בעטל
וואָס קען ניט אַרײננעמען דעם גרויסן שעפערישן און גײסטיקן
כח, וואָס ווערט מאַניפעסטירט אין מענטשן — האָבן שוין באַוויזן
אַזעלכע דענקער ווי אַדלער און יונג. אײניקע קריטיקער פון
פרוידן האָבן אָנגעוויזן, אַז דער פרוידיאַניזם איז פּסיכאָ־פּאַטאָלאָגיש
ריכטיק, אָבער ניט פּסיכאָלאָגיש. געוויס קען דער פּסיכאָאַנאַלי־
טישער אמת אָנגעווענדעט ווערן בײ דערציאונג, בײם הײלן נעור־

ראַזן, די פראַגע איז אָבער צי קען מען מיט דער פּסיכאָאַנאַליז דורכדרינגען די קונסט, די וויסנשאַפט און אפילו ווייטערע לעבנס־געביטן ווי געשיכטע, גורל פון פעלקער און קולטורן און אויך די צענטראַלע פראַגע פון לעבן, די רעליגיע?

3

זיגמונד פרויד איז ניט נאָר געווען דער שעפער פון פּסיכאָ־אַנאַליטישן פאָרשונגס־מעטאָד אויפן געביט פון אינדיווידועלער פּסיכאָלאָגיע, נאָר ער האָט זיך בפירוש פאַרמאָסטן אָנצעווענדן זיין מעטאָד פאַר דער אויספאָרשונג פון קולטור און האָט אָפּט אונטער־געשטראָכן זיין נעגאַטיווע באַציאונג צו רעליגיע. אויב אפילו אין די לעצטע יאָרן האָט דער אַלטער גאון אליין באַמערקט, אַז זיין געשלעכטס־טעאָריע קען בשום אופן ניט אַוועקגעשטעלט ווערן אַלס דער איינציקער יסוד פון אינערלעכע פּסיכישע קאָנפליקטן, האָט ער אָבער, אפילו אין די „ימי הזקנה״, ניט אויפגעהערט צו טענהן, אַז ער געהער צו די אָפּלייקענער פון רעליגיע. אויף זיי־נע עלטערע יאָרן האָט טאַקע פרויד איין ווערק זיינס („די צוקונפט פון אַן אילוזיע״), געווידמעט צו דער פראַגע פון רעליגיע.

אין זיין פרואוו אָנצעווענדן זיין מעטאָד אויך פאַר דער אויס־פאָרשונג פון דער מענטשלעכער קולטור, האָט פרויד אויף זיך אויך גענומען די אויפגאַבע צו דערקלערן דעם גאַנצן פּראָצעס פון דער אַנטוויקלונג פון רעליגיע, איר מהות און צוקונפט. מיר ווען דאָ איבערגעבן, קורץ ווי מעגלעך, די אַנטי־רעליגיעזע סכעמע וואָס פרויד האָט אָנגעצייכנט.

די נויט פון דעם מענטשן איז דאָס, וואָס ער קען ניט באַ־צווינגען די נאַטור. זי נעמט אים צו זיין רו, דורך דער אייביקער געפאַר פון קאַטאַסטראָפעס, קראַנקהייטן און טויט. באַזונדערס באַאומרואיקט דאָס טויט־רעטעניש. דאָס זעלבסטגעפיל פון מענטשן פאַרלאַנגט טרייסט, דער באַגער צו וויסן פאַרלאַנגט תשובה

אויף די רעטענישן. געפינט דער מענטש אַ טרייסט און אַן ענטפער אין דער פּאַרמענטשלעכונג פון דער נאַטור. אומהיימלעך איז געווען דעם מענטשן אין דער גרויזלשאַפט פון אומפּערזענלעכע כחות — האָט ער זיי אויסגעטוישט אויף כחות פאַרמענטשלעכטע און פּערזענלעכע, וועלכע מען קען בעטן, משביע זיין, זיך משתדל זיין ביי זיי און טאַקע עפּעס פועלן אויך. דער יחיד גייט אויף דעם אים באַקאַנטן, אויסגעטראָטענעם וועג, וואָס ער האָט דורכגע־מאַכט אַלס קינד אין באַציאונג צו זיינע עלטערן, ווען ער האָט גע־פונען שוץ ביים פאָטער קעגן די געפאַרן פון דעם אַרום. דער מענטש — זאָגט פרויד — גיט די נאַטור כחות אַ פאָטער־כאַראַק־טער און מאַכט זיי פאַר געטער. אויף אַ העכערער מדרגה פון אַנטוויקלונג דערקענט דער מענטש די געזעצמעסיקייט פון דער נאַטור און זי ווערט אין זיינע אויגן מער זעלבסטשטענדיק. דאָס, וואָס קומט פאַר אויף דער וועלט, ווערט איצט באַטראַכט ווי די רעאַליזירונג פון די כוונות פון אַ העכערער אינטעליגענץ, וואָס רעגירט מיט דער וועלט, האָט די וועלט באַשאַפן און צייכנט זיך אויס מיט חכמה, גוטסקייט און גערעכטיקייט. די דאָזיקע העכערע אינטעליגענץ פאַרגיטיקט אויך און באַשטראָפט פאַר די מענטש־לעכע מעשים אויף יענער וועלט. דער מענטש שאַפט זיך דאָ ווי־דער די באַציאונג צו גאָט ווי צו אַ פאָטער, וואָס גיט אכטונג, אַז די קינדער זיינע זאָלן זיך אויפפירן בדרך הישר. אָט די רעלי־גיעזע פאַרשטעלונגען הויבן מענטשן אָן צו באַטראַכטן ווי דעם גרעסטן אוצר פון קולטור, ווי עפּעס אַזוינס וואָס אָן דעם קען מען נישט לעבן" (זע י. בערנשטיינס אַרבעט וועגן פרוידס „אילוזיע").

האָבנדיק אָנגעצייכנט די סכעמע, ווערט פרויד שטרענג־ראַ־ציאָנאַליסטיש, און הויבט אָן צו דערקלערן רעליגיע ווי אַן אילוזיע. אַלע רעליגיעזע אָנשויאונגען באַטראַכט פרייד פאַר אילוזיעס, דער־פאַר ווייל מ'דערקענט אין זיי אונדזער וואונטש. נאָר די מענשלעכע הילפלאָזיקייט האָט געבוירן די אילוזיע פון געטלעכער השגחה, פון

יענער וועלט. די רעליגיעזע וואונטשן זיינען אין אמתן דערפי־לונגען פון אַלטע שטאַרקע וואונטשן פון די דורות.

עס איז באַוואוסט, אַז פרויד האָט איבערגענומען ביי דאַרווי־נען די טעאָריע, אַז די אור־פאָרם פון געזעלשאַפטלעכן לעבן איז געווען די האָרדע. שפּורן פון דער היסטאָרישער האָרדע־תּקופה געפינט פרויד אין די אוראַלטע רעליגיעזע תּורות. אַזוי טייטשט ער אויס אויף אַ ראַציאָנעל־משכּילישן אופן, אַז דער געבאָט פון „לא תרצח", איז אַ פּועל יוצא דערפון, וואָס צווישן די מאָרד־טאָטן אין דעם נאַטור־צושטאַנד האָט זיך געטראָפן אויך דער מאָרד פונם פאָטער פון דער האָרדע, וואָס האָט פאַר איר, פאַר דער האָרדע געבראַכט אַ שווער געפיל־רעאַקציע און האָט געבראַכט דערצו, אַז טויטן זאָל פאַרבאָטן ווערן. לכתחילה איז דער פאַרבאָט באַ־שרענקט געוואָרן צום פאָטער־ערזאַץ און טאָטעמיזם (זע אויך פרוידס „טאָטעם און טאַבו"), און איז שפּעטער געוואָרן אויסגע־שפּרייט אויך אויף אַנדערע מענטשן. אָט די אור־פאָרם פון דער האָרדע איז עס געווען — זאָגט פרויד — דער מאָדעל, לויט וועלכן די שפּעטערדיקע דורות האָבן געשאַפן די גאָט געשטאַלט. אין דער געטלעכער באַטייליקונג אינם געבאָט פון „לא תרצח", קען מען, אַזוי אַרום געפינען, לויט פרוידן, די געוואוינהייטן פון די פאַר־היסטאָרישע פאַרגאַנגענהייט.

פרויד זאָגט: „דאָס קינד מאַכט אַדורך אויף זיין אַנטוויקלונג־וועג אַ מער אָדער ווייניקער, בולטע פאַזע פון נעוראָזע, צוליב דער שווערער נויטווענדיקייט צו פאַרדרענגען די אינסטינקטן, וואָס וועלן אים ניט זיין געברויכלעך אינם שפּעטערדיקן לעבן אַלס דערוואַקסענער. אויך די גאַנצע מענטשהייט אויף איר אַנטוויק־לונגס־וועג, פאַלט אַריין אין ענלעכע צושטאַנדן ווי די קינדערשע נעוראָזע, ווייל אויך זי האָט געמוזט פאַרציכטן אויף די אינסטינק־טיווע דראַנגען, און דערפאַר וויל פרויד האָבן, אַז די גאַנצע רעליגיע איז איין אַלגעמיין מענשלעכע צוואַנגס־נעוראָזע און זי ענטהאַלט אַ סיסטעם פון וואונטש־אילוזיעס.

דאָס איז אין קורצן דער געדאַנקען־בוי פון פרוידס אַרגו־מענטאַציע קעגן רעליגיע. ווייטער קומען אַזוי גערופענע פּראַק־טישע דערציאונגס־מעטאָדן ווי זיך צו באַפרייען פון נערוואָזע, אילוזיע, און ממילא רעליגיע.

4

אין פרוידס גאַנצן געדאַנקען־בוי פעלט די ריכטיקע אָפּ־שאַצונג וועגן קוואַל און מהות פון רעליגיע.

רעליגיע קען נאָר באַנומען ווערן לויט אַ מעטאַפיזישן באַ־נעם פון מענטשנס אייגענעם און דער נאַטורס עקזיסטענץ, און איז אָנגעבונדן און צוזאַמענגעפלאָכטן מיט די אַקטן פון געבוירן ווערן און טויט מיט דער הילף פון מיסטעריע. מען קען זיך ניט פאָר־שטעלן און בויען אַ רעליגיע אויף אַן עמפּירישן יסוד אָדער ראַצי־אָנאַליסטישן גרונט פון לאָגישער נויטווענדיקייט און אַ בולט אי־בערצייגנדיקער דעדוקציע. נאָר דורך מיסטעריע קען באַנומען ווערן די אַלץ אַרומנעמענדיקע רעטעניש פון וועלט, מענטש און באַשאַפונג.

פרויד, ווי אַנדערע משכיליש־ראַציאָנאַליסטישע לערער, גיט זיך גאָר קיין חשבון ניט אָפּ, אַז דעם מענטשנס דראַנג צום אַב־סאָלוטן דערקענען, צו פאַרשטיין דעם סוד און יסוד פון דאָ־זיין איז אַן אייביקער, מיט די אייביקע און אייביקייטס פּראָבלעמען וועט דער מענטש זיך שטענדיק פאַרנעמען. די דאָזיקע פראַגן, וואָס קיין וויסנשאַפט איז גאָרניט ביכולת צו לייזן, געפינען זייער קאָמ־פּענסירונג אין דער רעליגיעזער איבערלעבונג. רעליגיע איז מער איבערלעבונג ווי געדאַנק, דערפאַר פאַרבינדט זי דירעקט דעם יחיד מיט דער אור־קוואַל פון לעבן.

ביי אַ רעכטיקן באַנעם פון רעליגיע, וואָס איז אין תוך ניט מער ווי איבערלעבונג, קען מען זיך נישט באַגרענעצן מיט אַנאַלי־טישער באַהאַנדלונג פון רעליגיעזע דערשיינונגען.

פרויד באַטאָנט, אַז דער קוואַל פון רעליגיע שטעקט אין דער נעוראָטישער מורא, וואָס קען איבערגעוואונדן ווערן, ווייל זי איז אַ פאַרבייגייענדיקע דערשיינונג. אָבער ער פאַרגעסט, אַז די שטרעבונג צו דערקענען דאָס לעבן, די וועלט, איז אַן אינסטינקטיווער דראַנג וואָס לעבט אין אונדז אייביק, דערפאַר איז אויך אייביק דער באַדאַרף פון קאָמפּענסירונג פאַר דעם פאַרדרענגטן באַגער צו מעטאַפיזישן וויסן. דאָס מעטאַפיזישע דערקענען, דער רעליגיעזער געפיל און רעליגיעזע איבערלעבונג.

דער מענטש פון דער צוקונפט, וואָס וועט באַפרייט ווערן פון דער נערוואָטישער מורא, וואָס וועט דורך דער וויסנשאַפט ווערן כל יכולדיק, אומבאַגרענעצט, וועט ער דען נישט וועלן האָבן די מעגלעכקייט אַריינצובליקן אין די מעטאַפיזישע תהומות פון וועלט-אַל? אין סוד פון דער גיגאַנטישער יצירה? וועט ער דאַן נישט האָבן דעם באַדאַרף אין קדושהדיקע מינוטן צו קלאָגן אויף זיין באַגרענעצטקייט, זעענדיק זיך אַלס אַ נישטיקייט אין די מרחקים פון אין-סוף? דער רעליגיעזער אמת קליידט זיך אָן אין פאַרשידענע ריטואַלע לבושים. עס איז זיכער מעגלעך, אַז אין דער ווייטער צוקונפט וועט זיך די רעליגיאָזיטעט געשטאַלטיקן אויף אַן אופן, וואָס וועט צוגעפּאַסט צו דער צייט און אירע באַגריפן, און אויך צו דעם אוצר פון אָנגעזאמלטן וויסן פון דער דאַמאָלסטדיקער מענטשהייט, אָבער דאָך וועט די רעליגיעזע איבערלעבונג בלייבן דער קוואַל פון מעטאַפיזישער איבערלעבונג.

זיגמונד פרויד, וואָס האָט דערקלערט דעם רעליגיעזן מאָטיוו אין לעבן אַלס אַן אילוזיע, וואָס מיר האַלטן ביי איר סוף, אָדער דעם אָנהויב פון איר סוף, האָט, אין זיין שטרעבונג צו געפינען די טרייב-כחות פון אונדזער גייסטיקן לעבן, פאַרזען דעם עצם מהות פון אונדזער לעבנס-געוועב, דעם מהות פון די וויכטיקסטע לעבנס איינהאַלטן און זייער פּסיכישער זייט, וואָס זיינען אין תוך אויך ניט מער, ווי „אילוזיעס״, ווייל וואָס איז דען ליבע, די ליבידאָ, אין אַלע אירע פאַרמען און ניואַנסן, פון דעם חושים-

שפּיל ביז די דערהויבנסטע פאָרמען פון פּלאַטאָנישן „עראָס", אויב ניט פאָרשטעלונגען, וואָס זיינען אין איינקלאַנג מיט אונדזערע שטרעבונגען? אָן אילוזיעס איז אפשר בכלל דאָס לעבן ניט מעגלעך.

די הויפּט־אידעע פון פרוידס בוך, וואָס פּאַסט אויף די רעלי־גיעזע איבערלעבונג ווי אַ מענטשלעכע נערוואָזע, איז אַ פּועל־יוצא פון דעם וואָס דער פּסיכאָ־אַנאַליז איז אָנגעווענדעט געוואָרן נאָר אויף פּסיכאָ־פּאַטאָלאָגישע דערשיינונגען. פרויד האָט אָבסערווירט רעליגיעזע באַגריפן און פאָרשטעלונגען ביי נערוועזע מענטשן, ביי אַזעלכע מענטשן זיינען אויך די רעליגיעזע פאָרשטעלונגען אומ־נאָרמאַל, זיי שטאַמען פון שרעק, פון גוזמא, פאַנאַטיזם און פינצ־טערן אַבערגלויבן. פרויד האָט עס אָבער שפּעטער צוגעשריבן צו רעליגיע בכלל.

פרוידס פאַרגלייך פון רעליגיעזער איבערלעבונג ביי דער מענטשהייט מיט דער אינפאַנטילער נערוואָזע איז ווייט נישט אויס־געהאַלטן. עס זיינען דאָ קינדער, וואָס איבערווינדן זייער נערוואָזע, ניטאָ אָבער קיין רעליגיעזע געזעלשאַפט, וואָס האָט איבערגעוואונדן דעם צורך אין רעליגיעזער איבערלעבונג. רעליגיע און רעליגיאָ־זיטעט איז בכלל אַ סאָציאַלע דערשיינונג ניט קיין אינדיווידועלע. אנרי בערגסאָן שרייבט: „אין דער פאַרגאַנגענהייט, און אפילו נאָך היינט, געפינען מיר געזעלשאַפטן, וועלכע פאַרמאָגן ניט קיין וויסנשאַפטן, קיין קונסט און קיין פילאָזאָפיע. עס איז אָבער קיינ־מאָל נישט געווען, און עס איז אויך היינט נישטאָ, קיין געזעל־שאַפט אָן רעליגיע".

רעליגיע איז דער געפיל פון דער נשמה. דער אינטואיטיווער באַנעם פון גייסט אין מענטשן, וואָס ווייזט, אַז דער מענטש, ווי דער קאָסמאָס, זיינען אַן אויסדרוק און אַ שאַפונג פון אַן איבער־וועלטלעכער און איבערנאַטירלעכער קראַפט, און אַלס אַזאַ גע־פיל און אינטואיציע איז זי אייביק ווי דער מין מענטש.

ניצשע און יידישקייט

און ווידער איז דער מענטש און דאָס פּראָבלעם ניצשע געוואָרן אַן אַקטועלע טעמע. אין נאַצישן דייטשלאַנד ווערט ניצשע באַטראַכט ווי איינער פון די ערשטע באַגרינדער און אידעאָלאָגישע פאָרגייער פון נאַציזם. אין איטאַליע האָט מען ניצשען שוין לאַנג געקרוינט אַלס דעם גייסטיקן פאָטער פון פאַשיזם. מוסאָליני אַליין האָט, נאָך אין די טעג פון זיין באַרימטן „מאַרש אויף רוים", דערקלערט, אַז צום פאַשיזם איז ער געקומען נאָר אַ דאַנק ניצשעס „אויבער־מענטש" לערע, די תורה פון דער מעכטיקער פערזענלעכקייט, פונם גרויסן יחיד, וואָס דאַרף מיט זיין מאַכט באַהערשן די מינדערווערטיקע מאַסע. סיי מוסאָליני און סיי די נאַצישע אידעאָלאָגן באַטראַכטן ניצשען אַלס דעם פאָטער פון זייערע טעאָריעס. דאָס איז פון דער רעאַקציאָנערער זייט. אָבער אויך אין דער אַנדערער זייט, אין דער פּראָגרעסיווער וועלט, איז ניצשע נית ווייניק פּאָפּולער. נאָך פאַר דער ערשטער וועלט־מלחמה האָט מיכה יוסף בערדיטשעווסקי געוואָלט פאַראייניקן דאָס חסידות, די השכלה און ניצשען אויף איין ליניע. מיט אייניקע יאָר צוריק האָט אַ פּוילישער שריפטשטעלער אַרויסגעגעבן אַ בוך, אין וועלכן ער באַמיט זיך צו באַווייזן, אַז ניצשע איז געווען אַ גרויסער יידן און יידישקייט פריינט.

טומלט זיך ווידער וועגן ניצשען. וואונדערט מען זיך אויף דער עלאַסטישקייט פון דעם דאָזיקן גרויסן דיכטער פילאָזאָף. מען באַצייכנט אים, מיט רעכט, אַלס דעם „מענטש פון סתירות", און זיין פילאָזאָפיע — די פילאָזאָפיע פון ווידערשפּרוכן, וואָס קען אויסגעטייטשט ווערן ווי מען וויל.

ניט איינער האָט שוין אָנגעוויזן און אונטערשטראָכן, ווי טראַגיש ניצשע דאַרף לײדן צוליב זיין אַפאָריסטישקייט און ניט גאַנצ־

קייט, דער אופן ווי ער שטעלט אַרויס זיינע געדאַנקען. זייענדיק פאַנאַטיש ערלעך, האָט ניצשע אַליין ניט פאַרבאַהאַלטן זיינע אינ־ווייניקסטע סתירות און כמעט אַלע זיינע ווערק צענויפגעשטעלט פון פראַגמענטן, פון יענע קינסטלעריש־אָפּגעטאָקטע אַפאָריזמען, אין וועלכע יעדער איינציקער געדאַנק פלעגט זיך צום ערשטן אויסגיסן. אָט די ניט גאַנצקייט האָט גורם געווען אַז אַ סך מענטשן אויף וועלכע ניצשע וואָלטביים לעבן געקוקט מיט פאַראַכטונג, זעגלען איצט אונטער זיין נאָמען צו די פינצטערסטע האַפנס פון מענטשלעכן געדאַנק. זאַראַטוסטראַס וואָרט: „גבורים האָבן זיי געמיינט צו ווערן, פאַרשקלאַפטע בעלי תאווה׳ס זיינען זיי היינט״, פאַסט אַמבעסטן צו זאָגן אויף די ניצשעיאַנער. זיינען טאַקע אַ סך ניצשיאַנער דערגאַנגען צו קאָמישקייטן און ווילדקייטן וואָס דערוועקן אַזש געלעכטער.

דער ערשטער וועלכער האָט ניצשעס פרעדיגט און אידייאישן קאָלאָריט אינגאַנצן פאַרקריפּלט, איז געווען דער טאַלאַנטירטער פוילישער שרייבער סטאַניסלאַוו פּשעבישעווסקי. ער האָט אין זיין באַקאַנט ווערק „האָמאָ סאַפּיענס״, אין נוסח פון דער „אויבערמענטש״ תורה, געגעבן די גרענעצלאָזע רחבות פאַר די גראָבע אינסטינקטן פון דער מענטשלעכער נאַטור און געלאָזט זיינע העלדן אָפּטאָן די גרעסטע פאַרברעכנס. פּשעבישעווסקי, וועלנדיק „פאַרווירקלעכן״ דעם נעצשעיאַניזם, איז ממש דערגאַנגען ביז „רבן דקרו״, ביז לעסטערן זיין אייגענעם רבי׳ן, אַריינלייגנדיק אין זיינע ווערטער כוונות, וועלכע האָבן זיך ניצשען קיינמאָל גאָרניט גע׳חלומ׳ט.

אָבער, ווי געזאָגט, איז אין דעם ניט ווייניק שולדיק ניצשע אַליין. די מאָדנעקייט פון זיין לשון, פון זיין פּאָעטיש־פילאָזאָפישער פאָרם, האָט גורם געווען מען זאָל קענען לערנען פון אים מוסר און סם. דאָס ברוינע לאַנד האָט אויסגעזויגן זיין גיפט און מיט דעם גרויסן זיך די נאַצישע טעאָרעטיקער, זאָל זיי וואויל באַקומען.

עס טומלט זיך איצט אַרום ניצשען, איז אפשר איצטער די פּאַסיקע צייט, אַז יעדער דענקענדיקער ייד זאָל שטודירן ניצשען, זיך ניט אָפּזאָגן צו דעבאַטירן מיט אים, וואו און ווען עס איז נויטיק. דער יונגער דור וועט נאָך זיכער אַ סך נתפּעל ווערן פון ניצשען, פון זיין געניאַליטעט, פון דער גבורה פון זיין לשון, פון זיין קאָסמישן אומרו, פון זיין באַנעמען דעם שטאָלענעם ריטם פון לעבן.

2

עס איז דאָ ניט דאָס אָרט צו געבן אַ באריכותדיק בילד פון ניצשעס פילאָזאָפיע. וועלן מיר זיך באַנוגענען, ווען מיר וועלן געבן דעם גרענעץ־לאַנד פון זיין וועלט־בליק, באַרירן די דריטע עפּאָכע אין זיין שאַפונג, ווען ער אַליין האָט מודה געווען, אַז ער איז איבערגעקומען די פריערדיקע מדרגות פון זיין אַנטוויקלונג.

דער גרונט־שטריך פון דער דריטער תקופה איז געווען דאָס איבערוועלטיקן שאָפּענהויערס פּעסימיזם און ווערן אַ הייסער חסיד פון לעבן. אַ פלאַמענדיקע ליבשאַפט צום לעבן, דאָס איז דער כאַ־ראַקטעריסטישער שטריך פון ניצשעס באַנעם. אין דעם ליכט פון ניצשעס פונדאַמענטאַלן באַגריף וועגן אָפּטימיזם, קען מען באַטראַכטן דעם יידישן לעבנס־בליק, ווי אויך דער יידישער אָפּ־טימיזם שטעלט אַוועק דעם ענין פון אַ פריידיק גליקלעך לעבן אויף דער וועלט. „תחית המתים", די ווידעראויפלעבונג פון די טויטע, איז געוויס דער גרונט־מאָטיוו פון השאָרת הנפש, פון אַ לעבן נאָכן טויט, וואָס אויך אַנדערע רעליגיעס האָבן איגנאיי־נעם מיטן דעם יידנטום. ביי יידן איז אָבער תחית המתים מער איידער „השארת הנפש", איידער דאָס נשמה לעבן אויף יענער זייט פון דער רעאַלער וועלט. נאָר דאָס גלויבן אין אַן אייביקן ערדישן לעבן, דער העכסטער אָרויסשטראַל — פון יידישן אָפּ־טימיזם, איז דער יידישער לעכצן נאָך לעבן, ווי די העכסטע

זאַך אויף דער וועלט. און עס איז מערקווירדיק, וואָס דער יידי־שער אָפּטימיזם האָט געפונען אַזאַ התלהבותדיקן אָפּקלאַנג אין האַרץ פון דעם דיכטער־פילאָזאָף, ווען ער איז אין זיין פילאָזאָ־פישער אנשויאונג געקומען צום רעזולטאַט, אַז יעדער איינצעלנע דערשיינונג אויף דער וועלט איז שוין אומצאָליקע מאָל פריער געווען אין דער וועלט און וועט אומצאָליקע מאָל ווידער קומען אויף דער וועלט. ניצשע האָט מיט אַ פריידיקן ענטוזיאַזם געזונגען באַגייסטערטע הימנען פאַרן „אייביקן ווידערקום".

די ליבשאַפט צום לעבן דערקלערט אָבער ניצשע מיט זיין מאָראַל־קריטעריע: עס זיינען דאָ בלויז צוויי גרונט־טיפּן פון מאָראַל: די מאָראַל פון די האַרן און די מאָראַל פון די קנעכט. מאָראַלישע ווערטן זיינען שטענדיק באַשטימט געוואָרן אָדער דורך דעם הערשנדיקן שבט אָדער פון די שוואַכערע, די קענכט. די איידעלערע און די מעכטיקערע האָבן געשאַפן אַן אַנדער מאָראַל. זיי האָבן געהאַלטן פאַר גוטס די קראַפט און די מעכטיקייט. דאָס וואָס איז געווען די אייגנשאַפט מיט וועלכער זיי האָבן זיך אויסגע־צייכנט דאָס האָבן זיי געהאַלטן פאַר אַבסאָלוט גוט. די איידעלע האָבן ניט געוואוסט פון רחמנות, אַנדערש האָבן אָבער די קלאָגע־דיקע און שוואַכע געדענקט וועגן מאָראַל. זיי האָבן אַרויסגערוקט און גערימט נאָר די אייגנשאַפטן פון די ליידנדיקע.

וואָס זיינען די פּסיכאָלאָגישע הנחות פאַר דער „האַרן־מאָ־ראל"? אַ מעכטיקער קערפּער, אַ בליענדיקע, זעלבסט־איבער־שוימענדיקע געזעלשאַפט. די טיפסטע איבערלעבונג איז דאָ דער געפיל פון מאַכט, פון שלימות, פון גליק, וואָס גיסט זיך אַריבער פון שפע. קורץ, דער באַוואוסטזיין פון אייגענער עשירות. אָט פאַרוואָס דער מענטש פון דער „האַרן מאָראַל" קומט שטענדיק העלפן דעם ליידנדיקן. ער טוט עס ניט צוליב רחמנות, נאָר צו־ליב דער שפע פון נשמה־קראַפט, וואָס פאָדערט אויסגעלאָדן ווערן, — „איינע שיינקענדע טוגנט".

אין פאָלשטענדיקן קעגנזאַץ צו דער „האַרן־מאָראַל" איז די

„שקלאַפן מאָראַל״, איר פסיכאָלאָגישער אונטערשלאַק איז להיפוך, דער באַוואוסטזיין פון אינעווייניקסטע אָנמאַכט. דאָס איז אַ מאָראַל פון פאַרביטערונג. דעם היסטאָרישן ביישפּיל פון דער „שקלאַפן מאָראַל״ זעט ניצשע אין דער יידישער מאָראַל און פון דער פון איר אַרויסגעוואָקסענער קריסטלעכער מאָראַל.

דאָס קריסטנטום — זאָגט ניצשע — נעמט ביי אונדז צו דעם גרויסן פאַרמעסט פון די לעבנס־קרעפטן און וואַרפט אונדז אַריין אין שטענדיקן פעסימיזם, און פעסימיזם ווי אַ לעבנס־אנשויאונג וואַרפט ניצשע אָפּ מיט זיין גאַנצן פילאָזאָפישן אימפּעט און דיכטערישער קראַפט. טאַקע צוליב די סיבות, וואָס צוליב זיי זאָגט זיך דער פעסימיזם אָפּ פון לעבן, דאַרף מען האַלטן פון לעבן. „איר ווילט אָפּשאַפן דאָס ליידן, זאָגט ניצשע אין איינעם פון זיינע ווערק, מיר ווילן בעסער עס זאָל זיין ערגער און העכער״. די פרייד, דער תכלית פונם קיום, איז ניט די פרייד פונם געניסן, נאָר פונם באַשאַפן. דאָס לעבן איז פאַר אים שטענדיק אַ העכער גיין, אַ פאַרמאַנענטער העכער ווערן און איבערקומען די שטאַפּלען, וואָס פירן פון דער נידעריק אין דער הויך. די פאָר־באַדינגונג, די „קאָנדיטיאָ סינע קווא נאָן״ פאַר אַזאַ העכערונג איז דאָס לעבן פון יחיד זאָל זיך שטאַרק צעבליען. די וועלט דאַרף געהערן דעם איינצעלנעם, דעם שטאַרקן. די פאַרפאָלקאָמונג פונם מענטשלעכן מין וועט דערפאַר קומען נאָר דורך דער פאַר־טיליקונג פון די שוואַכע. פאַרטיליקן די שוואַכע וועט דער „אוי־בערמענטש״, דער וואָס דעראָבערט הערשאַפט, ווייל אַלץ וואָס דעראָבערט נישט קיין הערשאַפט, איז שוין דערמיט אַליין נידעריק. דער יחיד אבער, וואָס דורך זיין איבערקומען און העכער גיין צום שטאַרקסטן און מעכטיקסטן, איז גרעסער ווי די מענטשן־מאַסע וואָס איז דורכשניטלעך שוואַך און נידעריק.

אין לעצטן סך הכל האַלט ניצשע, אַז יעדער יחיד איז מער ווערט ווי די אַמאַלגאַמע פון אַ סך מענטשן. און די פרעטענציעס פונם כלל, ווי ווייט זיי לאָזן ניט דעם יחיד איבערגיין די מיטל

ליניע. ניצשע האָט פאַראַכטעט דעם המון. אַרויסגייענדיק פון זיינע אויבנדערמאָנטע הנחות האָט ער געהאַלטן, אַז אויך די דעמאָ־קראַטישע גלייכהייט איז געבויט אויפן פרינציפּ פון מיטלייד. די הערשנדיקע מאָראַל פון זיין צייט האָט ער געהאַלטן פאַר דער „מאָראַל פון קנעכט״. ניצשע האָט גערופן צום עקסטרעמען אינ־דיווידואַליזם, צו שטאָלצער איינזאַמקייט, צו באַפעסטיקן די מאַכט פון אויסדערוויילטן, אין אַ צייט פון סאָציאַלע שטרעבונגען.

אין זיין עקסטרעמען עגאָאיסטישן אינדיווידואַליזם, איז ער ניט געווען אָריגינעל. די הויפּט געדאַנקען זיינע, געפינען מיר ביי מאַקס שטירנערן. אויך שטירנער האָט געהאַלטן, אַז מיטלייד איז אַן אייגנניצלעכע אייגנשאַפט. די מאָראַל פון די שוואַכע איז אַ מאָראַל פון נוצן און אַז רחמנות, אַלטרואיזם, איז נאָר אַן אייגנ־שאַפט פון די שקלאַפן. ביי שטירנערן געפינען מיר שוין די הויפּט־אידעען פון זאַראַטוסטראַן.

3

אַז יידישקייט האָט גערעכט געגעבן דעם אינדיווידואַליזם — אמת מיט אַ געוויסער באַגרענעצונג — איז באַוואוסט. אַן פילאָזאָפישע און פסיכאָלאָגיש־קריטישע מעטאָדן האָבן די אַלטע יידישע חכמים אַרויסגעזאָגט די גרונט־געדאַנקען פון ניצשעס מענטש־באַנעם. צום ביישפיל אַזאַ וואָרט אין תלמוד: „השמח ביסורים מביא ישועה״ (תענית ח׳), אָדער „כל שהקב״ה חפץ בו מדכאו ביסורים״ (ברכות ה׳), און עס וואַקסט פאַר אונדז אויס אַן אַפּאָלאָגעטיק פאַרן „ליבשאַפט פון גורל״, פאַר דעם העראָאיש־ליידנדיקן מענטשן, און אַן אַנדער תלמודישער אַפאָריזם „בשביל צדיק אחד נברא העולם״ (יומא ל״ח), אָדער ״אדם אחד שקול כנגד מעשה בראשית״ (אבות דר׳ נתן). דאָ דערזעען מיר די אַקצענטי־רונג פון הויך־שטרעבנדיקן אינדיווידואַליזם, דאָ זעט מען ווי דער עגאָאיסטישער אידעאַל ווערט אויסגעטייטשט אין די טערמינען פון אַ נשמה, וואָס שטרעבט צו הויך און העכער, אין די טערמינען

פון „איבערמענטשן", דעם „אדם אילעא", דעם באמת וויכטיקן און ווערדיקן.

איך וואלט געקענט אנפילן גאנצע זייטן מיט ציטאטן פון תלמוד, זוהר, פון דער אלטער ידישער ליטעראטור; וואונדער־לעכע ווערטער און איינפאלן, וואס רייסן אויף ווייטע אידייאישע האריזאנטן, וואונקען וואס קענען אנטוויקלט ווערן אין אידעען. אבער עס איז גאר ניט נויטיק, די אלע תלמודישע מאמרים דארפן שטיין אליין אין זייער שיינקייט, אריגינאלקייט און טיפקייט. דא דארף מען פארקערט אנווייזן אויף דאס סתירותדיקע און להיפוכדיקע פון ידישקייט און ניצשעיאניזם.

עס איז זיכער אמת, אז ידישקייט האלט זייער גרויס דעם אויסדערוויילטן מענטשן, דעם „אדם אילעאי", דעם „צדיק". דער העראאישער מענטש, לויט דער יהדות, איז א נפש פון דער אייביקייט. אבער ניצשע מיט זיין גלויבן אין נאטוראליזם, אין „מאכט עטיק", ווארפט אפ לחלוטין די אויטאנאמיע פון גייסט אין די אינטערעסן פון אינסטינקטיוון לעבן. ביי אזא קאנסעקווענטן נאטוראליזם מוז די ידישע מאראל ניט זיין מער ווי א דעקאדענץ־מאראל, א מאראל פון לעבנס־ירידה, אבער ידישקייט איז עס בשום אופן ניט.

אין זיין ווערק „צור גענעאלאגיע דער מאראל", באהאלט ניט ניצשע זיין טיפע שנאה צום „נייעם טעסטאמענט". וועגן „אלטן טעסטאמענט" רעדט ער אבער מיט גרויס יראת הכבוד. „אין אים — שרייבט ניצשע — געפין איך גרויסע מענטשן. א הערא־אישע לאנדשאפט און עפעס אזוינס וואס איז דאס זעלטנסטע אין דער וועלט; די אומפארגלייכלעכע נאאיוויטעט פון דער שטאר־קער נשמה. אבער אין דער שפעטערדיקער עפאכע פונם ידנ־טום, ווען דאס ידישע פאלק האט שוין פארלוירן זיין פאליטישע זעלבסשטענדיקייט, זעט ער ניט קיינע אריסטאקראטישע ווערטן, וואס האבן אנגענומען די ניהיליסטישע ווערטן פון דער „שקלאפן־נאר דעקאדענץ־ווערטן. די ידישע נביאים זיינען עס געוועזן די,

מאַראַל״, מיט דעם וואָס זיי האָבן איבערגעשאַצט די אַלע ווערטן פון איידלקייט, שטאַרקייט, שיינקייט, רייכקייט און גליק און האָבען געפּאָדערט זייער אונטעראָרדנונג צו יושר און צדק, האָבן זיי אָנגעהויבן דעם „שקלאַפן אויפשטאַנד״ קעגן דער האַרן־מאַראַל. אין דער דאָזיקער ראַדיקאַלער איבערשאַצונג ליגט באַהאַלטן די פאַטאַלע ראָלע פון יידישן פאָלק, ווייל פון דעמאָלט אָן, פון די נביאים אָן, זיינען עס די „אומגליקלעכע, די אָנמעכטיקע, די אָרע־מע געוואָרן די גוטע, און דאַקעגן, די נאָבעלע, די געוואַלד־טוער זיינען אויף אייביק געוואָרן די פריידיקער פון דער מאָראַלישער זיינען אויף אייביק געוואָרן די פריידיקער פון דר מאַראַלישער דעקאַדענץ.

זיינען מיר צוגעקומען צום פונקט, וואו עס ליגט די געוואַל־דיקע פרעמדקייט צווישן דער יידישער אידעאָלאָגיע און ניצשעס אויפפאַסונג וועגן יידנטום און קריסטנטום.

ניצשע רעדט וועגן קריסטנטום אַלס דעם היסטאָרישן און לע־געטימן יורש פון דעם יידישן רעליגיעזן געדאַנק. דער יידישער געדאַנק וואָס האָט געהאַלטן ביי זיין דעמערונג איז איבערגעגאַנגען אין קריסטנטום, פאַר ווען דער שטאָלצער, אַריסטאָקראַטישער רוימישער זשעני האָט געבויגן דעם קאָפּ. „דער מענטש איז גע־צוימט געוואָרן — שרייבט ניצשע — פאַר דריי יידן און איין יידיש־קע: ישו פון נוצרת, דער פישער פעטרוס, דער טעפּיך־וועבער פאולוס און ישוס מוטער מרים״.

ניצשע פאַראיינפאַכט ביז גאָר און טייטשט אויס פאַלש די יידישע, און ממילא די קריסטלעכע, רעליגיעז־עטישע לערע. ער האָט ניט תופס געווען דעם טיפן אידייאישן תהום צווישן די גרונט־יסודות פון דער יידישער עטישער תורה און דער קריסטלעכער דאָגמע.

די קריסטלעכע רעליגיע האָט אָפּגעריסן דעם מענטשן פון דעם נאַטירלעכן, דערפאַר איר קאַמף פאַר איבערווינדן דאָס ערדישע, דער קאַמף מיט תאוות און ליידנשאַפט אין נאָמען פון

גייסטיקער דערלייזונג. ווען דאָס קריסטנטום האָט זיך אָפּגעריסן פונם יידישן שורש איז ער אַרונטערגעפאַלן אונטער דער הער־שאַפט פונם בודיסטישן גייסט, וועלכער האָט געזען די איינטיילונג פון דער וועלט אין איינצעלנע דערשיינונגען, וואָס עקזיסטירן כלומרשט איינע מחוץ פון דער אַנדערער. דאָס לעבן איז אַ בייזער שווערער קאָשמאַר פול מיט אומרו און אומענדלעכע ליידן און פּלאָגן, און דערפאַר האָט קריסטנטום אָנגענומען דעם רעלי־גיעזן אידעאַל פון „נירוואַנאַ", וואָס איז די הייסע בענקשאַפט נאָך אַזאַ דערלייזונג, נאָך אַזאַ פּודה ומציל, וואָס זאָל אַלץ און אַלעמען באַפרייען פון זייער וועלטלעכער עקזיסטענץ. ס'איז אמת, אַז דאָס קריסטנטום האָט צוגעגעבן צו דעם בודאָאיזם, דעם אַלטרו־איזם. אָבער איר אַלטרואיזם איז אַ געטלעכער. דער קריסטלע־כער מענטש דאַרף לעבן ניט צוליב זיך און ניט צוליב דער וועלט נאָר צוליב גאָט. די קריסטלעכע ליבע צו די מענטשן און די מסירת נפש פאַר זיי, וואָס ווערט געפאָדערט פון דעם פרומען קריסט, איז ניט צוליב די מענטשן, נאָר דאָס איז דער הייליקער פייער, אין וועלכן די נשמה לייטערט זיך אויס כדי אַריינצוטרעטן אַ ריינע אין „קעניגרייך פון די הימלען" אויף יענער וועלט. דער קריסטלעכער אַלטרואיזם, אָט דער רחמנות־געפיל, וואָס האָט באַצוועקט גובר צו זיין די אייגנליבע און די תאוות, איז אפשר יאָ דעקאַדענץ. קריסטנטום איז געשלעכטלעכע אַנטהאַלטזאַמקייט, אַסקעטיזם, איר מעטאַפיזיש־רעליגיעזער יסוד איז אַנטי־ערדיש. די יידישע רעליגיע איז דער אייביקער סינטעז פון ערדישקייט און הימלשקייט. להיפוך צום קריסטנטום, איז אין דער יידישער רעליגיע ניטאָ קיין מעטאַפיזיק, קיין איבערגעטריבענע מיסטעריעס. מען קען יידישקייט קורץ כאַראַקטעריזירן, ווי הערמאַן קאָהען האָט עס געטאָן אין זיין פונדאַמענטאַל ווערק „רעליגיאָן דער פאַר־נונפט אויס דען קוועלן דעס יודענטומס" — אַלס אַן עטישן אידע־אַליזם, אַ נביאים־רעליגיע, געריכטעט צו דער צוקונפט. מחמת איר גרונט־טענדענץ איז די עסכאַטאָלאָגיע, דער „אחרית הימים",

וווען דער קאָלעקטיוו וועט דערגרייכן זיין שלימות. יידנטום איז אָריענטירט אויף דער סאָציאַלער עטיק, וועמענס אויסגאַנגס־פּונקט עס איז דער משיחיזם, דער גלויבן אין מאָראַלישן פּראָגרעס פון דער וועלט, וואָס וועט קומען דורכן מאָנאָטעאיזם און סאָציאַלן אידעאַליזם, לויטן קריסטנטום איז שוין די דערלייזונג געקומען, דער משיחיזם איז ניט קיין זאַך פון דער צוקונפט, נאָר איז שוין פאַרווירקלעכט געוואָרן.

לויט דעם יידישן לעבנס־בליק דאַרף אַ מענטש לעבן קודם כל צוליב זיין אייגענעם לעבן, ווייל אַ מענטשלעך לעבן איז הייליק, אָבער דער אינהאַלט פון מענטשלעכן לעבן דאַרף באַשטיין אין דער ליבע און דער הייליק־האַלטונג פון דעם מיט־מענטש. זיין אייגן לעבן דאַרף דער מענטש לעבן אַזוי, אַז אין אים זאָל זיך אויך אויסדריקן די אַקטיווע מענשלעכע ליבע צו די אַנדערע מענטשן, ווייל אויך זייערע לעבנס דאַרפן אים זיין הייליק. און לעבנדיק פאַר זיך אַליין און פאַר די אַנדערע געדענקט דער יידישער לעבנס־בליק, אַז סיי זיין „איך", סיי יענעמס „איך", זיינען אין תוך נאָר באַשטאַנד־טיילן פון אַ גרעסערער און העכערער זאַך, וואָס רופט זיך געזעלשאַפט. אָט די שטעלונג צום פאָלק, צו דער געזעלשאַפט איז דער כאַראַקטעריסטישער שטריך אין דער יידישער אידעאָ־לאָגיע, וואָס שיידט איר אָפּ פון דער קריסטלעכער רעליגיע, וועלכע איז אַסקעטיש און ריין־אינדיווידואַליסטיש. עס איז זיכער אמת, אַז אויך יידישקייט אונטערשטרייכט אינדיווידואַליזם, יידיש־קייט האָט אָבער אַן עצמדיקע אינדיווידועלע הנחה, וואָס ניצשע האָט ניט, דער אינדיווידואַליזם מוז זיין אין די גרענעצן פון אַן אימאַנענטן פאַרלאַנג. יידישקייט וויל, אַז דער יחיד זאָל באַ־זיגן די וועלט אין דרויסן, אָבער ניצשעס אינדיווידואַליזם וויל, אַז דער יחיד זאָל זיין אַ האַר פאַר זיך.

4

ניצשעס שטעלונג צו יידן און יידישקייט איז, סיי פערזענלעך, סיי פילאָזאָפיש, שטאַרק פאַרפּלאָנטערט. אָפּט פול מיט סתירות, ווייל דער מענטש ניצשע אַליין איז געווען איין קנויל פון סתירות, איז דערפאַר זיין שיטה — אַ חוץ איר אַפאָריסטישקייט — קאָמ־פּליצירט ביז גאָר. ווי אַ דענקער און פילאָזאָף — דער קאָנסעק־ווענטער נאָכפאָלגער פון זיין רבין מאַקס שטירנער, וואָס האָט גע־פּריידיקט דעם קולט פון יחיד און זיין עגאָאיזם; דער יחיד איז דער באַהערשער, איינציק באַרעכטיקטער צו געניס, און אַלץ אויפן חשבון פון דער מאַסע, וואָס האָט גאָרניט קיין קולטורעלן און מאָ־ראַלישן זכות הקיום אָן דעם אויבערמענטש. און אַלס דיכטער — דער שיינער ליריקער, דער טיף־אָביעקטיווער, דער עמפּינדלעכער און צאַרטער. מיר לייענען ניצשעס בריוו און לייענען אַרויס פון זיי זיין טיף־פּאַטעטישן געמיט, זיין עמפּינדונג אויף יעדן מינדסטן מענטשלעכן צער און וועלט־וויי.

אין אַ בריוו צו מ. אייזנבערג, פון 15טן מערץ 1875, שרייבט ער: „איך וואָלט געוואָלט טאָן נאָר גוטס אַרום מיר. אַלע טאָג אין די האַרבסט־טעג פרעג איך מיך: — האָסטו דאָך היינט גע־קענט עמיצן העלפן מיט עפּעס? און באמת, דאַרף איך קלערן, ווייל מיינע ביכער און מיינע מחשבות באַטריבן דאָך אַזויפיל מענטשן. אַזוי אַז איך מוז, כאָטש מיט באַשרענקטע מיטלען, וואָס זיינען מיר פאַרבליבן, פאַרריכטן אָט דעם טעות". און נאָך אַזעלכע צאַרט־מענטשלעכע שטעלן געפינען מיר אין זיינע בריוו צו געאָרג בראַנדעסן. זיי אַלע באַווייזן אויף אַ גרויסער אידעלער נשמה.

און אָט בלעטערן מיר אין ניצשעס באַרימט ווערק: „די דע־מערונג דעס געטער" און מיר לייענען: „כ׳קען מיך אין אַלגעמיין ניט אָפּגעבן קיין דין וחשבון, וואָס קומט באמת פאַר מיטן אַרבעטער אין איראָפּע. אויב מען האָט שוין געמאַכט דערפון אַזש אַ פראַגע, אַן אַרבעטער פראַגע".

„עס גייט דעם אַרבעטער צו גוט פֿאַדערט ער אַלץ מער קאָנ־צעסיעס פֿאַר זיך, ווערט ער צודרינגלעך. עס איז שוין ניטאָ קיין האָפֿנונג, עס זאָל פֿון אַרבעטער ווערן אַ באַשיידענער, אַ מיט זיך צופֿרידענער טיפּ מענטש".

דאָס גאַנצע בוך איז פֿול מיט מיזאַנטראָפּיע, קאָנסעקוועטנטער אַנטי־סאָציאַלקייט און מענטשן־פֿיינדלעכקייט.

די אידעאָלאָגן פֿון היטלעריזם פּרוּוון אויסטייטשן ניצשעס וואָרט אַלס דעם גייסטיקן אָנזאָג פֿון זייער שיטה. זאָל זשע טאַקע דאָ דערמאָנט ווערן ניצשעס רייד וועגן דער „דייטשער טוגנד":
„ווי דעגענערירט איז זיין געשמאַק, און ווי שקלאַפּיש לגבי טיט־לען, שטאַנדן, שמוק, האָט געמוזט זיין אַ פֿאָלק וואָס האָט ניט אונטערשיידט פּשטות פֿון נידערטרעכטיקייט, דעם פּשוטן מענטשן פֿון דעם נידערטרעכטיקן. כדי אָפּצושאַצן די דייטשע מאָראַלישע גאוה איז גענוג דאָס איינציקע וואָרט שלעכט און גאָרנישט מער!"
פֿרעגט זיך, וואו איז דאָ אין אַזעלכע רייד אפֿילו אַ שפּור פֿון דער גאוהדיקער דייטשער ראַסן־טעאָריע, מיט וועלכער דער נאַציזם שטאָלצירט?

לייענט מען ניצשען, ווערט מען געפֿינען אין אים דאָס מאַקסי־מאַלע ברוטאַלע און דאָס ווערטפֿולע עטישע. צאַרטן ליריזם און וואולגאַריטעט. מענטשן־שנאה און מענטשן־ליבע, יידן־פֿריינט־לעכקייט און יידן־האַס.

גרויס און גרוי איז ניצשע דער מענטש געווען אין לעבן, און גרויס איז די סתירה אין זיינע ווערק און זיין שאַפֿונג.

שווערד און האַמער און די קרוין פון מלאכה

אין באַזיגטן דייטשלאַנד, נאָך דער ערשטער וועלט־מלחמה, ווען דער ניצשעיאַנער ווילן צו מאַכט איז געלעגן אַ פאַרחלשטער, אָבער ניט טויט, ווייל די מאַכט אינסטינקטן האָבן געדרימלט אין אינגעווייד פון דייטשלאַנד — איז אין יאָר 1920 דערשינען אַ ווערק „פרייסנטום און סאָציאַליזמוס" פון דעם באַרימטן היסטאָריקער און קולטור־פילאָזאָף אָסוואַלד שפענגלער. דאָס ווערק איז אפשר געווען דער אָנזאָג פאַרן היטלעריסטישן שטורם. עס האָט טאַקע בשעתו אַרויסגערופן גענוג וווכוחים אין דער אינטעליגענטער וועלט. שפּעטער איז עס פאַרגעסן געוואָרן. שפענגלערס נאָמען איז אידענטיפיצירט געוואָרן בלויז מיט זיין באַרימט ווערק „דער אונטערגאַנג פון מערב", דאָס ווערק „פרייסנטום און סאָציאַליזמוס" איז באַלד פאַרגעסן געוואָרן. צו אַזאַ אומגעווייגלעכשנעלער פאַרגעסנקייט פון שפענגלערס וויכטיק ווערק האָט צוגעהאָלפן דער אויפבלי פון מאַרקסיזם אין דייטשלאַנד. איצט האָט דער מאַרקסיזם אויף דער גאַנצער וועלט אָנגענומען אַזעלכע קאַטאַסטראָפאַלע פאָרמען און דימענסיעס, וואָס האָבן ניט זייער גלייכן אין דער געשיכטע פון דער באַפרייאונגס־באַוועגונג. אויפן פאָן פון דעם קריזיס ווערט ווידער אַקטועל דאָס ווערק. לאָמיר זיך באַקענען מיט זיין גרונט־געדאַנק.

שוין אין וועלט־באַרימטן „אונטערגאַנג", זיינען פאַראַן געוויסע אַנטי־מאַרקסיסטישע אַקצענטן און פאַרנעפּלטע חלומות וועגן מאַכט. די שטימונג איז אָבער דאַן געווען אַ שקיעהדיקע אַ געדריקטע, האָט זיך דער פרייסישער פילאָזאָף געטרייסט מיט צרת־רבים. נישט נאָר דייטשלאַנד גייט אונטער, נאָר גאַנץ אייראָפּע שטייט פאַר אַ גיגאַנטישע קאַטאַסטראָפע . . . דערצו איז דאָס ווערק געשריבן אין גייסטרייכן, שיין־פאַרפּוצטן ניצשעיאַנער

שטיל, וואָס האָט פאַרדעקט אויף די רויע מאַכט־איינסטינקטן. ביס־לעכווייז האָט זיך אָבער די לאַגע געענדערט און די ניצשעיאַנער מאָטיוון פון רויער מאַכט האָבן אָנגעהויבן זיך ערוועקן, דער פּאָ־טענציעלער „סאָלדאַטיזם״, וואָס האָט געדרימלט אין דער גערמאַ־נישער נשמה, האָט זיך אַנטפּלעקט, און שפּענגלער האָט זיך אַוועק־געזעצט און אָנגעשריבן אַ צווייט בוך „פּרייסנטום און סאָציאַליז־מוס״, דאָס ערשטע טעאָרעטישע ווערק פאַרן אַזוי גערופענעם פאַן־פּרייסנטום, פאַן־גערמאַניזם.

שפּענגלער דער עפּיגאָן פון שאָפּענהויער, דער פּעסעמיסט פון ירידה און יאוש, וועלכער האָט ווי אַ שוואַרצע קראָ בלויז אָנגעזאָגט חורבן און האָט געהאַלטן, אַז אָפּטימיזם איז אַן ענין פאַר פּחדנים, האָט זיך צום ערשטן מאָל אַנטפּלעקט פאַר אַן אָפּטימיסט. זיין טאָן איז געוואָרן האָפערדיקער, יינגער, קעמפערישער. ער זאָגט פאַר די באַנייאונג און אָפּפרישונג פון מערב, אויב ער וועט זיך אונטערגעבן דער פּרייסיש־סאָציאַליסטישער השפּעה.

2

שפּענגלער שטעלט אַוועק אַנטקעגן צוויי באַגריפן: ענגלאַנד־טום און פּרייסנטום. דער ערשטער דעקט זיך מיט דעם ליבעראַ־ליזם. דער צווייטער מיטן נאַציאָנאַלן סאָלידאַריזם. ווער זיינען די ענגלענדער? זיי זיינען די אור־אייניקלעך פון די אַלטע וויי־קינגען, וואָס זיינען באַשטאַנען פון באַוואָפנטע נאָרמאַנישע באַנ־דעס און געלעבט פון רויב. די דאָזיקע ים־גזלנים האָבן געטריבן אַן אַוואַנטוריסטיש לעבן אויף די אינדזלען, זיי האָבן ניט גע־דאַרפט בויען קיין מלוכה, ווייל זיי האָבן אויף די אינדזלען געהאַט נאַטירלעכע גרענעצן, וואָס האָבן זיי געשיצט פון שונא. די ענג־לענדער זיינען דעריבער פון דער נאַטור אויס פריי, ליבעראַל און אינדיווידועל. לחלוטינדיק אַנדערש זיינען אָבער די פּרייסן. אָן נאַטירלעכע גרענעצן האָבן זיי מיט די אייגענע כחות אָרגאַניזירט

אַ מלוכה. ביי זיי איז קודם כל פאַרפליכטענד דער קאָלעקטיוו, אָרגאַניזאַציע און דיסציפּלין. אין דער גאַנצער געשיכטע האַלט שפּענגלער, ראַנגלען זיך אָט די דאָזיקע צוויי „גייסטער": דער וויקינגער „גייסט" מיט דעם „אָרדנס גייסט". שפּענגלער האַלט אָבער, אַז די ענגלענדערס פרייהייט איז נאָר אַן אויסערלעכע, דאַקעגן — דעם פּרייסנס פרייהייט איז אַן אינערלעכע, אַ פרייהייט אין דער געהאָרכזאַמקייט.

די ענגלענדער האָבן תמיד געזוכט לייכטע פאַרדינסטלעך און באַקוועמע באַשעפטיקונגען. די אַרבעט האָט ביים ענגלענדער נאָר אַ רעלאַטיווע ווערט, ד. ה., זי איז אַזוי לאַנג אַ פּאָזיטיווער פאַקטאָר, כל זמן זי גיט דערפאָלג, רום און רייכטום. ביי די פּרייסן איז אָבער פאַראַן פאַר זיך גופא אַ קולט פאַר אַרבעט. די אַרבעט אָרגאַניזירט די געמיינשאַפט. די ענגלענדער אונטערשיידן רייכע פון אָרעמע, זיי רעכענען זיך נאָר מיט דעם פּאָזיטיוון אויסגאַנג פון דער אַרבעט. די פּרייסן אָבער שאַצן דערהויפּט די גרויס פון דער אָנשטרענגונג, אומהאָפּהענגיק פון איר רעזולטאַט. עס קומט דעריבער אויס, אַז פּרייסנטום איז לויט דער אינעווייניקסטער נאַטור סאָציאַליסטיש, דאַקעגן דאָס ענגלאַנדטום איז לויט דעם תוך קרעמעריש. דער פּרייסישער סאָציאַליזם — האַלט שפּענגלער — איז נישט קיין אינטעלעקטועלע קאָנצעפּציע, נאָר אַ לעבנסווערק אַרויסגעטראָגן פון „גערמאַנישע" אינסטינקטן.

וואָס איז מיטן מאַרקסיסטישן סאָציאַליזם? מאַרקס מענטאַליטעט איז טאַקע אַ ריין־ענגלישע — זאָגט שפּענגלער.

וואָס איז מיטן מאַרקסיסטישן סאָציאַליזם? מאַרקס מענטאַשאַפט, דאָס צוואַנציקסטע יאָרהונדערט איז אָבער אַן עפּאָכע פון פּסיכאָלאָגיע. מאַרקס איז אַ גוטער מאָראַליסט, אָבער אַ שלעכטער פּסיכאָלאָג. מאַרקס רעדט וועגן קלאַסן. דאָס פּרייסנטום רעדט וועגן שטאַנדן. (די ענגלישע מענטאַליטעט ווייסט פון רויבער און באַרויבטע, אויסניצער און אויסגענוצטע. מאַרקס פירט אַריין די דעפערענצירונג פון עקספּלואַטאַטאָרן און עקספּלואַטירטע, מאַרקס

האָט אַנטדעקט אַ נייע מיטאָלאָגיע: סאָציאַליזם (דער טוב) און קאַפּיטאַליזם (דער רע), פּראָלעטאַריאַט (מלאך) און בורזשואַזיע (שטן). אויך מאַרקס ווייזט נישט אַרויס קיין קולט פאַר דער אַר־בעט. זי איז ביי אים נאָר אַ טרויעריקע נויטווענדיקייט. נאָ־טירלעך, האָט דאָ אַ סך צו זאָגן זיין יידישע אָפּשטאַמונג. יידן האָבן בכלל ניט קיין זין פאַר אַרבעט. די תורה האַלט דאָך נישט די אַרבעט פאַר קיין ברכה נאָר פאַר אַ קללה. אדמען איז דאָך געווען וואויל און גוט אין גן־עדן. ער איז אַרומגעגאַנגען ליידיק, פּוסט און פּאַס, געגעסן פּירות און זיך לגמרי ניט באַקלאָגט אויף זיין אַרבעטסלאָזיקייט . . . ערשט שפּעטער, ווען ער האָט אָנגע־הויבן צו „פילאָזאָפירן,״ איז ער באַשטראָפט געוואָרן מיט דער האַרבסטער שטראָף . . מיט אַרבעט. „בזעת אפך תאכל לחם״, די הייליקייט פון א יום טוב קען ביי יידן פּראָפּאַנירט ווערן דורך אַרבעט. שבת איז מען מחלל מיט אַ וועלכער עס איז מלאכה. מאַרקס האַנדלט מיט אַרבעט, פּונקט ווי די בורזשואַזיע האַנדלט מיט קאַפּיטאַל. ער וויל די דיקטאַטור פון קאַפּיטאַל פאַרוואַנדלען אין אַ דיקטאַטור פון אַרבעט. ער זאָגט צום אַרבעטער: אַרבעט וואָס ווינציקער און פאַרדין וואָס מער. ער באַוואָפנט אים מיט שטרייק, אָבער — זאָגט שפּענגלער — דער שטרייק איז דער סאַמע אומסאָציאַליסטישער סימן פון מאַרקסיזם. דאָס איז גיכער האַנדלס פילאָזאָפיע. אויב די אַרבעט איז אַ טפל און דער פאַרדינסט איז אַן עיקר, פאַרשווינדט שוין ממילא די הייליקייט פון דער מלוכה, דער נאַציאָנאַלער סאָלידאַריזם שטיצט זיך אויף דער מלוכה, אָבער ניט דער מאַרקסיזם.

אין וואָס באַשטייט מאַרקס גרויסער חטא? ער האָט זיך באַ־מיט די טאַט־זאַך אויפצוהויבן צו דעם ראַנג פון אַ אידעע. ער האָט אַזוי צו זאָגן ניט דערשנאַפּט דעם אינסטינקטן־קעגנזאַץ פוןביידע ראַסן, נאָר פשוט אַרויסגעפירט דעם מאַטעריעלן קאָנטראַסט פון צוויי שיכטן. עס איז ביי אים פאַראַן בלויז אַן אינטעלעקטועלע קאָנצעפּציע, אין דער צייט וואָס דער פּרייסישער סאָציאַליזם איז

זיך סומך אויף בלוט און דערציאונג. „עס איסט נור ליטעראטור, ניכט בלוט אונד ערציאונג". אויב שוין יאָ די שטים פון בלוט, רעדט פון מאַרקסן אַרויס זיין יידישער אינסטינקט פון אַרבעטס־פאַראַכטונג . . . מאַרקסיזם קען נישט בויען קיין געזעלשאַפט, דאָס איז בלויז ליטעראַטור. דער אמתער בויער און הערשער פאַר־טראָגט נישט קיין ליטעראַטור: „נאַפּאָלעאָן דולדעט ניכט קיינע ביכער, שרייבער, נור זיך".

די פּרייסישע אינסטינקטן האָבן זיך דורכגעשלאָגן צו אַן איי־גענער „דאָזיינספאָרם" און אין דעם זין זעען זיי זייער גליק. דער מאַרקסיזם איז אַן אַבסטראַקטע אידעאָלאָגיע, וואָס האָט פאַרלייקנט די פּרייסישע ווירקלעכקייט און ברענגט מיט זיך אומגליק. „מאַרקס איז ליטעראַטור, אַ ליטעראַטור ווערט פאַרעלטערט, אַ ווירקלעכ־קייט — זיגט אָדער שטאַרבט".

דאָס לעבן איז דאָס ערשטע און דאָס לעצטע. דאָס לעבן לאָזט זיך נישט אַריינצעמען אין קיין קלעם פון אַ שכלדיקן פּראָג־ראַם אָדער סיסטעם. סאָציאַליזם אדרבה, אָבער ריין פּרייסישער. דער ווירקלעכער „אינסטינקטיווער" סאָציאַליזם איז אַן אויסדרוק פון אַלט־פּרייסישן וועזן. שפּענגלער זאָגט עס אָפן: „מיר גלויבן ניט מער אין דער מאַכט פון דער פאַרנונפט איבער דאָס לעבן".

שפּענגלער רעדט טאַקע אין דעם דאָזיקן ווערק מער מיט אינסטינקט, ווי מיט שכל הישר. און עס איז מערקווירדיק: פּונקט ווי ער דערשיינט אין זיין „אונטערגאַנג" ווי אַ מוטלאָזער צווייפלער, וואָס וויל מיטן אַלגעמיינעם פּעסימיזם אויסלייזן די דייטשן פון זייער עלנט, אַזוי איז ער דאָ דער איבערגעטריבענער מאמין אין דער מכלומרשטער אינסטינקטיווער שעפערישקייט פון פּרייסנטום.

3

אַז שפּענגלערס גאַנצע סכעמע וועגן מאַרקסיזם און וועגן יידן איז דורכאויס פאַלש, וועגן דעם קענען קיין צוויי מיינונגען ניט

זיין. קודם כל איז עס ניט אמת, אַז דאָס יידנטום באַטראַכט אַרבעט בלויז ווי אַ מיטל. אַרבעט לויט יידישקייט איז צוועק פאַר זיך. באַטירלעך, לאָזן זיך ניט אויסשעפּן די טויזנטער מאמרים, וואָס זיינען פאַרשפּרייט איבער דער אַלט־יידישער ליטעראַטור וועגן דער היילקייט פון אַרבעט אין די ראַמען פון איין עסיי. גענוג צו דערמאָנען די תלמודישע אינטערפּרעטאַציע טאַקע וועגן דעם מיטאָס פון אדמען וואָס זאָגט, אַז ער איז געקומען אין גן־עדן בלויז צו באַאַרבעטן און היטן די ערד — און עס ווערט קלאָר די פאַרהעלטניש פון דער יידישקייט אידעאָלאָגיע צו דעם מאָמענט פון אַרבעט.

די הכמי התלמוד, נישט וועלנדיק הנאה האָבן פון פאַרדינסטן וואָס קומען ניט אַלס פּועל יוצא פון דירעקטער אייגענער אַרבעט און נישט וועלנדיק זיך באַנוצן בכתרה של תורה ווייל — „דאשתמש בתגא חלף״ — די תלמודישע זיילן, ווען עס איז זיכער פרעמד געווען די גלאָריפיקאַציע פון מלוכה־קרוין האָבן אָבער אַריינגעפּאַסט אַ סך פּערל אין דער קרוין פון מלאכה.. „גדולה מלאכה שמכבדת את בעליה, חביבה המלאכה מזכות אבות, אף הקב״ה לא השרה שכינתו על ישראל עד שעשו מלאכה (גרויס איז די אַרבעט וואָס גיט כבוד, ליבער איז די מלאכה פון זכות אבות, ליב איז די מי פאַר דעם, וואָס האָט געזאָגט און אַ וועלט איז געוואָרן, דער נאָמען געבענטשט איז ער האָט ניט געמאַכט רוען זיין שכינה אויף ישראל ביז זיי האָבן זיך ניט אָנגעהויבן באַשעפטיקן מיט אַרבעט).

מלאכה — איז — מלוכה, אַ פאָלקס־ווערטל, וואָס איז זיכער אַ כאַראַקטער־שטריך פון יידישער נאַציאָנאַלער פּסיכאָלאָגיע. ווייל אויב די נעגאַטיווע באַציאונג פון יידישן גייסט צו דער מלוכה־קרוין, דער מאַנגל פון מלוכהשאַפטלעכן דראַנג ביי יידן איז אַן אור־נטיה, האָט פּסיכאָלאָגישע וואָרצלען אין דער יידישער נשמה, איז אָבער די באַציאונג צו מלאכה אַליין ווי צו אַ קרוין.

שעפּנגלער, דער טונקעלער פילאָזאָף, וואָס האָט אין זיין

„אונטערגאַנג״ געמאַכט דעם פּאַרזוף אָנצומעסטן אויף זיך דעם מאַנטל פון אַ נביא, האָט זיך אין זיין בראָשור „פּרייסנטום און סאָציאַליזמוס״ פּאַרנומען אַרויפצוזעצן דעם גערמאַנישן גייסט אויף דעם זאָטל פון דער וועלט (פּאַרגלייך זיין וואָרט אין זיין ווערק „די יארע דער אַנטשיידונג״: „אַ פּרייסישער סאָציאַליסט איז ניט דוקא דער וואָס איז געבוירן אין פּרייסן״), איינרעדנדיק דעם יונקעריש־מיליטערישן דייטש, אַז דאָס איז ער דער דירעקטער יורש פון „צעזאַרס שווערד״, ער האָט געוואָלט, אַז די גלאָריע פון דעם גערמאַנישן פּאַגאַניזם זאָל קומען דורכן האמער.

„שווערד און האַמער״ אַנטקעגן „סערפּ און האַמער״, ווייל אויך אין מאַרקסיזם, אויף וויפיל דער נביאישער פּאַטאָס פּאַרן סאָציאַלן יושר האָט אין אים געפונען אַ פלאַם־פייערדיקן אָפּקלאַנג, איז דאָ אַ הייליקע באַציאונג צו אַרבעט.

דער פּעסעמיסטישער שפּענגלער האָט מיט פּרייסישער אינ־סטינקטיווער שנאה פּשוט פּראָפּאַנירט יידישקייט און מאַרקסיזם. אַזוי אַרום האָט ער געשניטן אַ צוריקוועג צו באַרבעריי.

אויפן פאָן פון זיינע הנחות האָבן זיך שפּעטער אַרויסגערוקט די מאַניאַקן, וואָס האָבן זיך געקרוינט אַלס פירער און „דערלייזער״. די דאָזיקע פּאַלשע משיחים האָבן זיך אָנגעכאַפּט אין „פּרייסישן סאָציאַליזם״ און האָבן מיט דעם פּאַרטריבן יעדן שיין פון שכל און אָפּעלירט בלויז צו די נידעריקע אינסטינקטן.

עס איז אמת, אַז דער פּרייסנטום האָט אין אונדזער צייט, אין שרעק פאַרן וואוקס פון דעמאָקראַטישן סאָציאַליזם אויסגענוצט דעם אָנגעזאַמלטן באַגאַזש פון שפּענגלערס אינטעלעקטואַליזם און אים נאָך אַ היפּש ביסל וואולגאַריזירט אויף אַן עכט עם־האַרצישן שטייגער. אַזוי אַרום איז אויפגעקומען דער היטלערישער נאַציאָנאַל „סאָציאַליזם״, ניט דער סאָציאַליזם פון די פּלעבעער, וואָס זיינע וואָרצלען האָט ער אין דער יידישער נבואה, נאָר דער „סאָציאַליזם פון שווערד און האַמער״, פון פּרייסישן אינסטינקט, פון רויב און מאַכט.

אַט וואָס דער לינקער נאַצישער „סאָציאַליסט", אָטאָ שטראַ־סער, היטלערס אָפּאָזיציאָנער, זאָגט וועגן סאָציאַליזם.

„דער סאָציאַליזם איז נישט קיין יידישע תורה . . . מאַרקס האָט גאָרנישט דערפונדן. אינם סאָציאַליזם זיינען שטענדיק גע־ווען דריי מעגלעכקייטן. מאַרקס האָט שטודירט די עקאָנאָמישע פּראָצעסן צוזאַמען מיטן גוטן דייטש ענגעלס, דער איטאַליענער מאַד־זיני האָט באַגרינדעט די נאַציאָנאַלע און רעליגיעזע אייגנשאַפטן פון סאָציאַליזם, און באַקונין האָט פאַראויסגעזאָגט דעם ניהיליס־טישן עלעמענט, פון וועלכן עס איז אַרויסגעקומען דער באָלשע־וויזם".

לייענענדיק שפּענגלערס „פּרייסנטום און סאָציאַליזם", מוזן מיר קומען צו אַ טרויעריקן אויספיר, אַז דער ביסמאַרקיזם איז אפשר דער אייגנטלעכער דייטשער סאָציאַליזם פון מאַכט און אָרד־נונג. די שפּענגלערס האָבן דערזען אין סאָציאַליזם די טעאָריע פון מאַכט און אָרדנונג, אָבער ניט דעם נביאישן דאָרשט נאָך סאָציאַלער גערעכטיקייט. דייטשלאַנד פעלט ניט קיין אינטעלעקט, קיין קולטור, עס פעלט איר נאָר דאָס טיף־מענטשלעכע. ניט אומזיסט האָט דייטשלאַנד פּראָדוצירט אַזויפיל מעטאַפיזיקער. דער דייטש נעמט אַלצדינג אַבסטראַקט, טעאָרעטיש. צווישן גע־דאַנק און ווירקלעכקייט איז ביי אים אַן אָפּגרונט. ער פאַרשטייט, אָבער ער לעבט ניט דורך.

וואָלטער ראַטענוי האָט געזאָגט אַ גרויס וואָרט: די דייטשע קולטור האָט זיך אָפּגעזאָגט אַנצונעמען די ביבל, דאָס פּאַטריאַר־כאַלישע אין לעבן, ד. ה., די באַציאונגען צווישן מענטש און מענטש ווי צווישן ברודער און ברודער.

דערפאַר איר יונקערישקייט, איר קאָנסערוואַטיווקייט.

די דייטשן זיינען סאָציאַליסטיש, ניט ווייל עס האָט זיי געצויגן צום עלנטן, צום אָרעמען, ווייל זיי האָבן פּערזענלעך מיטגעליטן מיטן אָרעמען, מיטן אונטערדריקטן, נאָר ווען זיי זיינען אַפילו גע־ווען סאָציאַליסטן, מאַרקסיסטן, האָבן זיי אין דעם געזען אַ נייעם

סיסטעם פון אָרדנונג. דער סאָציאַליזם איז פאַר זיי ניט געווען קיין נייער הימל און אַ נייע ערד, נאָר אַ פאָרמולע פאַר אָרדנונג. דער מענטש איז בלויז אַ פאַרגליווערטע קאַטעגאָריע, אַן אַבסטראַקטער באַגריף, סאָציאַלע געזעלשאַפט, אַ געשלאָסענע שרענגע „אין ריי און גליד". ניט קיין יושר, ניט קיין עטיק. ניט דער סאָציאַליזם פון רחמנות און הומאַניטעט, נאָר פון צוואַנג און אָרדנונג. אָט דער מין סאָציאַליזם אַנטשפּרעכט דעם פּרייסישן פּסיכישן אייגנאַרט. דאָס איז דער „סאָציאַליזמוס", וואָס איז אין הסכם מיטן „פּרייסנטום".

סאָציאַליזם אין דעם זין פון פאַרבייטן די אינדיווידועלע, אַנאַרכישע קאַפּיטאַליסטישע ווירטשאַפט אויף אַ פּלאַנמעסיקער מלוכה־ווירטשאַפט איז אפשר גאָרניט אין סתירה צום פּרייסישן „סאָציאַליזם". שוין איצט זעען מיר אין דייטשלאַנד ווייטגייענדיקע אינטערווענץ מצד דער מלוכה אין ווירטשאַפטלעכן לעבן. אָבער דער יידישער סאָציאַליזם, וואָס באַדייט בלויז נישט בלויז אַן ענדערונג אין די פאָרמען פון דער פּראָדוקציע, דער מאַרקסיזם וואָס האָט געדאַרפט אַריינגעבן אַ נייעם גייסטיקן אינהאַלט פון לעבן, און אויסלייזן דעם יחיד פון צוואַנג פון פאַרשיידענע כחות, וואָס דריקן אים, דער איז ווילד־פרעמד דער פּרייסישער אינסטינקטן־גייסט.

דעם יידישן סאָציאַליזם וועט נאָך אויסקומען צו קעמפן מיטן פּרייסישן סאָציאַליזם אויפן סאָציאַלן שלאַכטפעלד.

דער מיטאָס פון געצנדינסט
די נייע נאַצישע פילאָזאָפיע

מיט אַ צען יאָר צוריק איז אין דייטשלאַנד דערשינען אַ ווערק „דער מיטאָס פון צוואַנציקסטן יאָרהונדערט". דאָס ווערק איז שטאַרק באַרימט און פּאָפּולער אין דייטשלאַנד, איז אַ געוויסע צייט אויך געווען דאָס געשפּרעך פון דער אייראָפּעאישער אינטעלעקטועלער וועלט. שוין דער פאַקט אַליין וואָס די נאַציס באַטראַכטן דאָס בוך ווי דאָס וויכטיקסטע טעאָרעטיש־אידעאָלאָגיש ווערק פון נאַ־ציאָנאַל־סאָציאַליזם, און ווי דאָס צווייטע נאַצישע עוואַנגליע — היטלערס „מיין קאַמף", איז געווען גענוג אַנצורעגן קעגנער זיך צו באַקענען מיטן אינהאַלט פון דעם „פילאָזאָפישן" טראַקטאַט, וואָס איז מבשר אונטער יובל־געזאַנגען דעם נאַצישן אויפמאַרש אין אייראָפּע, דעם גרויסן צוריקקער צום טעווטאָניזם און צו דער וואָ־טאַנישער רעליגיע.

אַלפרעד ראָזענבערג דער מחבר פון דעם ווערק, אַן עסט־לענדער פון געבורט, אַ האַלב־אינטעליגענט, האָט שטודירט אין רוסלאַנד, איז אַנטלאָפן פון דאָרט נאָך דער באַלשעוויסטישער אי־בערקערעניש.

וואָס זיינען די ווינקלשטיינער פון זיין פילאָזאָפיע? איידער מיר גייען אַריבער צו אַ קריטישן אַנאַליז פון דער פאַלשער שיטה, וואָס פּרעטענדירט אויף פילאָזאָפיע, איידער מיר באַקענען זיך מיט זיינע פּסעוודאָ־וויסנשאַפטלעכע הנחות און קולטור־פּראָפּאַ־גאַנציעס, איז כדאי זיך צו פאַרטראַכטן וועגן נאָמען פון בוך: „דער מיטאָס פון צוואַנציקסטן יאָרהונדערט". דער נאָמען אַליין העלפט, אין אַ געוויסן זין, קלאָר מאַכן דעם אידייאישן הינטערגרונט פון ראָזענבערגס ווערק, זיין היסטאָריזם.

וואָס איז דאָס אַזוינס מיטאָס אין וויסנשאַפטלעכן זין? וואָס

פאַר אַ ראָל שפּילט מיטאָס אין לעבן פון די פעלקער? איינער פון די, וועלכע האָבן אַריינגעבראַכט אַן ענדערונג אין אונדזער אויפפאַסונג וועגן מהות פון מיטאָס איז געווען דער פראַנצויזישער דענקער און פילאָזאָף סאָרעל. דערקלערענדיק די דינאַמיק פון מיטאָס באַצייכנט סאָרעל מיטאָס, ניט אַלס לעגענדע פון דער פאַרגאַנגענהייט, נאָר אַלס אַ גייסטיקן אינסטרומענט, וואָס שאַפט געשיכטע. מ׳באַניט אַלטע מיטאָסן און מען שאַפט נייע לעגענדעס אויף צו דערציען און אַקטיוויזירן דאָס פאָלק אין קאַמף פאַר פּאָליטישע אידעאַלן. דער מיטאָס פאַרנעמט דעם פּלאַץ פון דער טרוקענער פּראָגראַם, פון אָפיציעלן פּאָליטישן סיסטעם, וואָס זיינען אַליין ניט בכוח אָנצוצינדן די פאַנטאַזיע פון די מאַסן. ער ווירקט ווי מאַגיק אויף דער פאָלקס־נשמה, און דינאַמיזירט און פאַראייניקט דאָס פאָלק אַרום דעם פּאָליטישן שטאַט און זיינע פירער.

לויט זיגמונד פרוידן, דעם שעפער פון פּסיכאָאַנאַליז, איז דער מיטאָס דער טרוים פון קאָלעקטיוו און רעפּרעזענטירט זיין אור־שפּרינגלעכן געהאַמעוועטן וואונטש, אַט פּונקט ווי דער חלום שטעלט מיט זיך פאַר דעם אונטערדריקטן, מערסטנס יוגנטלעכן וואונטש פון אינדיווידו. דאָס פאָלק, ווי דער יחיד, ווערט באַהערשט פון מינדערווערטיקייט און איבערווערטיקייט קאָמפּלעקסן וואָס דריקן זיך אויס אין דער שטרעבונג צו מאַכט און הערשאַפט. אַ פאָלק וואָס איז ווירטשאַפטלעך רואינירט, פּאָליטיש אונטער־דריקט און לעבט אין אָרעמקייט און צוואַנג — מוז עס שאַפן אין זיין פאַנטאַזיע אַן ערזאַץ פאַר דער גרויער רעאַליטעט, אויסוועבן אַ חלום, וואָס הויבט אים אויף איבער זיין טרויעריקן הוה און פירט אים צוריק אין אַ גלאָררייכן עבר, וואָס גיט אים האָפנונג פאַר אַ שטאַרקן נאַציאָנאַלן ווידערקום.

אַזוי אַרום איז געשאַפן געוואָרן אונטער דער השפעה פון סאָרעל, וואָס די פאַשיסטישע און נאַציסטישע אידעאָלאָגן האַלטן זיך פאַר זיינע גייסטיקע יורשים, אַ נייער מיטאָס פאַר די אונטער־דריקטע מאַסן, גלייך ווי פאַר די אונטערגייענדיקע קלאַסן פון די

פּאָליטיש־שוואַכע פעלקער. דער אויסגעטראַכטער מיטאָס דאַרף שפּייזן דעם המון מיט דערהאָבענע חלומות וועגן אַ גלאָריפיצירטער נאַציאָנאַלער און קולטורעלער פאַרגאַנגענהייט.

דער נאַציזם האָט אין פּאַראַומגליקלעכטן, נאָך מלחמהדיקן דייטשלאַנד, אָנגעהויבן אויפצולעבן אַן אַלטן מיטאָס. ראָזענבערג, דער הויפּט־טעאָרעטיקער פון נאַציזם — וויל אין זיין בוך, וועלכן ער רופט „דער מיטאָס פון צוואַנציקסטן יאָרהונדערט״, באַנייען דעם מיטאָס פון אַלטן דייטשנטום, פון די הויכע, בלאָנדע, נאָרדישע העלדן, די מיטאָלאָגיע פון בלוט און פאָלק, באָדן און ראַסע. דער מיטאָס רופט צוריק צו דער אַלטער אורוואַלדישער גערמאַנישער רעליגיע, צו דעם וואַלד־געץ און דאַרף דינען אַלס סימבאָל פון אַן אייגנאַרטיקער דייטשער דינאַמיק, וואָס זאָל אַנטקעגנגעשטעלט ווערן דער קריסטלעכער מאָראַל. לויט ראָזענבערגן דאַרף די נייע דייטשע רעליגיע זיך פּראַקטיש פאַרוואַנדלען אין וואָטאַנישער געצנדינעריי, וואָס זאָל דינען ווי דער צרעמאָניאַל פאַר דער טאָטאַליסטישער מלוכה און איר געץ, דעם פירער.

לויט אים איז דער מיטאָס ניט קיין צופעליקע דערשיינונג אין דעם דייטשן לעבן, נאָר אַן אַלטע שטרעבונג, וואָס איז ממש דער ריטם פון דער דייטשער נשמה און וואָס האָט אַ לאַנגע עקזיסטענץ אין דער פאָלקס־פּסיכיק, נאָך איידער זי האָט אָנגענומען קאָנקרעטע פאָרמען און באַקומען אַ טעאָרעטישע באַגרינדונג. לויט דעם מיטאָס דערפירט דער נאַצי־טעאָרעטיקער אַלע גרויסע דייטשע קולטור־דערשיינונגען צו זייער חיהשן אור־באַגין.

2

דער יסוד פון ראָזענבערגס מיטאָס, איז דער גלויבן אין דער סופּעריאָריטעט פון דער דייטשער ראַסע, אין דער מיסיע פון דייטשן פאָלק, די איבערצייגונג, אַז דאָס גערמאַנישע פאָלק האָט אַ היסטאָרישע רעכט אַרויפצוצווינגען מיט געוואַלד זיין ווילן און הערשאַפט איבער די נידעריקערע ראַסן און פעלקער.

די גריכן, למשל, האָבן געהאַלטן, אַז די מאָס פאַר דער ווירקלעכקייט איז דער מענטש. אין דעם מיטלאַלטער האָבן די פילאָזאָפן געגלויבט, אַז גאָט איז דער שעפער פון קאָלאָסאַלן פּראָצעס, וואָס נעמט אַרום דעם וועלטאַל, דעם אוניווערס. דער נאַציִשער פילאָזאָף שטעלט אַרויס אַ נייע וועלט־אַנשויאונג, וואָס זאָגט, אַז די באַשטימטע ראַסן־פּסיכאָלאָגיע, די „פאָלקס־נשמה" איז די מאָס פאַר אונדזערע געדאַנקען און טאַטן.

אַנטקעגן דעם באַגריף פון אַן אַלגעמיינער מענטשלעכער קולטור שטעלט ער אַרויס די פּערזענלעכקייט און די „ראַסע".

ראָזענבערג באַמיט זיך איינצורעדן די דייטשן, אַז דער געץ וואָטאַן איז דער סימבאָל פון דער אייגנאַרטיקער דייטשער היסטאָרישער דינאַמיק. היינט, ווי אַמאָל, שפּיגלט וואָטאַן אָפּ די גייסטיקע אור־כחות פונם נאָרדישן מענטשן, דעם קאָמפּלעקס פון ערע, העלדישקייט, שעפערישקייט. וואָטאַן — שרייבט ראָזענבערג — איז דער אויסדרוק פון דער אייביקער אומרואיקייט פון דער נאָרדישער זעל. וואָטאַן האָט דורכגעמאַכט עטלעכע נשמה־גלגולים און האָט זיך אַנטפּלעקט אין פאַרשיידענע עפּאָכעס. ער האָט זיך פאַרקערפּערט אין דעם נאָרדיש־מערבדיקן פילאָזאָף און מיסטיקער, מייסטער עקהאַרט (1260־1327), נאָכדעם אין ביסמאַרקס פּרייסן, שפּעטער אין געטעס „פאַאוסט" (ווי די דייטשן מעלה גרהן כסדר געטען!), און איצט איז דער ריינסטער אויסדרוק פון וואָטאַנס נשמה פאַרקערפּערט אין דעם נאַצישן „פירער".

דער היטלעריזם איז אַ דירעקטער פלוס פון דעם דייטשן טראַדיציאָנעלן קולטור־שטראָם. זוכנדיק אין דער דייטשער פאַרגאַנגענהייט אַן אָנלען פאַר זיינע היינטצייטיקע אידעען, שטיצט זיך דער היטלעריסטישער אידעאָלאָג אויף די שריפטן און פּרעדיקטן פון דייטשן מייסטער עקהאַרט, וועלכער איז באַקאַנט ווי איינער פון די שעפער פונם דייטשן קינסטלעריש־פילאָזאָפישן סטיל. ראָזענבערג ווידמעט עקהאַרטן אַ באַזונדער קאַפּיטל א. נ. „מיסטיק

און טאָט", און האַלט, אַז עקהאַרט איז געווען דער גייסטיקער פאָטער פון נאַציזם.

ביים סוף פון פערצנטן יאָרהונדערט, האָט דער הייליקער אַוו־גוסטינוס, געשאַפן זיין רעליגיעז־פילאָזאָפישע קאָנצעפּציע וועגן די צוויי מלוכה־באַגריפן: אַן ערדישע מלוכה און אַ געטלעכע מלוכה. לויט אַווגוסטינוסן איז דער אייגנטלעכער יסוד פון דער וועלט־געשיכטע — דער געראַנגעל צווישן דיביידע וועלטן. לויט זיינע פאָראויסזאָגונגען קומט אויס, אַז די ערדישע מלוכה מוז אונטערגיין און מאַכן פּלאַץ פאַר דער געטלעכער מלוכה, וואָס וועט אייביק עקזיסטירן. די דאָזיקע סכעמע האָט אין איר צייט טרי־אומפירט אין מערב אייראָפּע און געהאָלפן געשטאַלטיקן די אייראָ־פּייאישע קולטור. אין ניינצטן יאָרהונדערט האָט אַווגוסטינוסעס אידעע דורכגעמאַכט אַ קולטור־פּאָליטישן גלגול, פאַרקערפּערט גע־וואָרן אינם געדאַנק פון אַ „דריטער מלוכה", וואָס וועט זיין אַן אידעאַלע מלוכה און וועט אַנטשטיין אויפן גרונט פון די ווידער־שפּרוכן צווישן געדאַנק אוןווירקלעכקייט. עס איז כדאי צו דער־מאָנען, אַז וועגן דער „דריטער מלוכה" רעדט אפילו דער באַגרינ־דער פון מאַרקסיזם, פרידריך ענגעלס, אין זיין העגעליאַניש ווערק „די דייטשע אידעאָלאָגיע".

נאָך דער ערשטער וועלט־מלחמה, האָט די זעלביקע אידעע דורכגעמאַכט אַ נייעם פּאָליטישן גלגול. אין יאָר 1925 האָט אַ יונגער פּרייסישער פילאָזאָף, אַרטור מאָלער וואַן־דע־ברוק, אַן אָנהענגער פון דער אידעע „פּרייסנטום און סאָציאַליזמוס" אַרויס־געגעבן אַ בוך „דאָס דריטע רייך". אַ קעגנער פון ליבעראַליזם און דעמאָקראַטיע, פּרוּווט ער אין זיין בוך צושטערן די אַלטע יסודות פון דער מערב־אייראָפּעאישער קולטור. וואַן־דע־ברוק האַלט: דאָס „צווייטע רייך" איז געווען ביסמאַרקס פּרייסישער מיליטאַריזם וואָס האָט אָנגעהויבן צו פאַרווירקלעכן די נאָרדישע וועלט־אַנשוי־אונג. ביסמאַרקס אימפּעריע איז אָבער צעבראָכן געוואָרן, ווייל ער האָט זיך אונטערגעגעבן דער „פּאַרפּוילטער דעמאָקראַטיע".

דערפאַר מוז קומען אַ „דריטער רייך", וואָס זאָל פאַרווירקלעכן דעם אַלטן גערמאַנישן שטרעבן פון דייטשער וועלט־באַהערשונג. „מיר זיינען געווען טעווטאָנער, מיר זיינען דייטשן, מיר זאָלן זיין אייראָפּעער" — אַזוי האָט וואַן־דע־ברוק פאָרמולירט דעם ענדציל פון זיין „דריטן רייך". דער נאַציזם האָט אויפגעכאַפּט וואַן־דע־ברוקס געדאַנק, און איינגעטיילט די מלוכה אין דריי פאַזן: דער ערשטער רייך — די אַלטע הייליקע רוימישע מלוכה פון דעם דייטשן פאָלק, דאָס צווייטע רייך — די ביסמאַרק רעגירונג, דאָס דריטע רייך: דער נאַציאָנאַל־סאָציאַליזם.

וואַן־דע־ברוק איז באַגאַנגען זעלבסט־מאָרד בעתן אויפקום פון דער היטלערישער באַוועגונג. אַ סך נאַציס האָבן געקוקט אויף אים ווי אויפן גייסטיקן פאָטער פון זייער באַוועגונג. וואַן־דע־ברוק האָט אַ סך בייגעטראָגן צום עמאָציאָנאַליזם און מיסטיציזם פון פרייסנטום, וואָס האָט דערמעגלעכט אַ וויטן אָוועקפלי פון דער טרויעריקערווירקלעכקייט, און האָט רעאָריענטירט דעם בליק פון די דייטשע אינטעלעקטואַלן צו דער דייטשער פאַרגאַנגענהייט און זי געוויזן אין רעגנבויגן־פאַרבן. טראָץ אַלע פאַראַדאָקסן, און קנאַפּער קלאָרקייט און אויסגעהאַלטנקייט, האָט וואַן־דע־ברוק דאָך באַזעסן פּאָליטישע און פילאָזאָפישע אידעען. ער איז אָבער געווען צופיל קריסט צו זיין אַ נאַצי, דאָך האָט עס ניט אָפּגעהאַלטן דעם פּאַגאַניסט ראָזענבערג פון באַנוצן זיך מיט זיינע אידעען.

ווי אַזוי איז דוקא דאָס נאַציִשע „דריטע רייך", די היסטאָריש נויטווענדיקע פאַרווירקלעכונג פון אַווגוסטינוסעס „מלכות שמים"? דאָ זוכט ראָזענבערג שוץ ביים דערמאָנטן עקהאַרט, וועלכער האָט געשאַפן די פאָרמולע: ערע און פרייהייט און מיט דעם אַמטרעפּלעכסטן כאַראַקטעריזירט דאָס וועזן פון דער גערמאַנישער ראַסע און דער דייטשער קולטור. עקהאַרט, דער זייל פון דער דייטשער מיסטיק, האָט עס אַנטפּלעקט די נייע פריידיקע בשורה פון דייטשער „נשמה־שטאַרקייט" און אויבערהערשאַפט. אַזוי אַרום, איז

ער, נאָך צוריק מיט זעקס הונדערט יאָר, געוואָרן דער גרינדער פון דער נייער נאָרדישער רעליגיע.

פאַרוואָס האָבן געמוזט אָפּלויפן גאַנצע זעקס הונדערט יאָר ביז עקהאַרטס רעליגיע זאָל אָנגענומען ווערן אויפן דייטשן באָדן? ווער איז שולדיק אין דעם, וואָס די נאָרדישע רעליגיע האָט אין משך פון זעקס הונדערט יאָר ניט געהאַט די מינדסטע ווירקונג אויף די מיליאָנען אַריער? אויף דעם האָט ראָזענבערג אַ פאַרטיקן תירוץ: די קאַטוילישע קירך, דער קאַטויליציזם, אַרויסהויבנדיק דעם „אַלטן טעסטאַמענט״, האָט דערשטיקט די דייטשע מיסטיק.

ראָזענבערג זאָגט, אַז עקהאַרט, דער אַפּאָסטאָל פון אַן אַרישער אייראָפּע, האָט אונדז באַשאָנקען מיט אַן אייגענעם דייטשן גלויבן. ער האָט געשטרעבט אויסצעוואָרצלען די יידישע דאָגמען און זייער איינפלוס אויפן דייטשן לעבן און אַרויסרופן די פּאָטענציעלע וואָטאַנישע דינאַמיק אינם דייטשן מענטשן. צו אייראָפּעס אומגליק, האָט אָבער די אַרישע וועלט ניט אָנגענומען עקהאַרטס אידעען, און אנשטאָט זיי איינגעפיהרט דעם יידישן „יעהאָווא״, די אַלטע ביבל, וואָס האַלט די אַרישע וועלט 1500 יאָר אין גייסטיקן קלעם פון יידנטום.

הינטערן רוימישן פּויפּסטס הערשאַפט, איז פאַרבאָרגן די הערשאַפט פון יידנטום, ווייל דער פּויפּסט איז יעהאָוואס פאַר־טרעטער אויף דער ערד, שרייבט ראָזענבערג. ער טרייסט זיך אָבער, אַז אין דער קירך איז דאָך פאַרבליבן וואָטאַנישע רעליגיעזישקייט, אויף ווי ווייט עס זיינען נאָך אין איר ניט פאַרווישט די נאָרדישע שפּורן.

און קוים וועט עמיצן אויסזען מאָדנע, וואָס עס האָט באַדאַרפט דויערן גאַנצע זעקס הונדערט יאָר, ביז עקהאַרט איז „אַנטדעקט״ געוואָרן — און דוקא דורך אַ „וויס־גוואַרדייער״ — האָט ראָזענ־בערג אויף דעם אויך אַ פאַרטיקן ענטפער: עס האָבן געמוזט אָפּ־לויפן דריי הונדערט יאָר ביז דאָס קריסטנטום האָט זיך אָנגענומען צווישן די פעלקער, וואָס וואוינען ביים מיטללענדישן ים, און

טויזנט יאָר האָט גענומען ביז איראָפּע איז געוואָרן דורכגענומען מיטן קריסטלעכן גייסט, איז דאָך זעלבסטפאַרשטענדלעך, פאַרוואָס מען האָט געמוזט וואַרטן גאַנצע זעקס הונדערט יאָר ביז עס האָט זיך אָנגענומען אין דער וועלט — דורך ראָזענבערגס שדכנות — עקהאַרטס רעליגיע. דער היטלעריזם איז דער וואַריאַנט פון עקהאַרטום. אין אים האָבן אויפגעבליט מיט אַ שטאַרקער קראַפט עקהאַרטס אידעען.

3

עס איז נישט דער ערשטער פאַל אין דער געשיכטע, אַז מענטשן מיט גרויסע אַמביציעס צו הערשן איף די מאַסן און אָנצעוואַרפן זיי זייערע אידעען, שאַפן זיך בר סמכאס כדי זיך לייכטער צו מאַכן דעם וועג און אָפּצעשוואַכן יעדע אָפּאָזיציע דורך אויטאָריטעט פון זייערע מכלומרשטע פאָרגייער. נאָך לייכטער איז עס דעמאָלט, ווען די אידעע, אויף וועלכער די פעלשער זיינען זיך סומך, לאָזט צו פאַרשיידענע אינטערפּרעטאַציעס. אין אונדזער צייט פון פּראָפּאַגאַנדע, איז דער דאָזיקער מעטאָד פון „וויסנשאַפטלעך" באַגרינדן אַבסורדן, שטאַרק אָנגענומען געוואָרן. אָבער צו נעמען אַ שאַפונג און אַריינגיסן אין איר אַ שפּאָגל נייעם תוכן, דאָס האָבן זיך נאָר די נאַצישע באַרבאַרן געקענט דערלויבן. דאָס האָט געטאָן אַלפרעד ראָזענבערג אין זיין „מיטאָס פון צוואַנציקסטן יאָרהונדערט", וועלכער וואָגט צו מאַכן די אַלטע דייטשע מיסטיקער און עטיקער פאַר די פאָרגייער פון נאַצישן ראַסיזם.

עס איז גאָרניט שווער צו באַווייזן, אַז ראָזענבערג פאַרפלאַכט און טייטשט אויס פאַלש עקהאַרטס אידעען. יעדער איינער, וואָס איז מער אָדער ווייניקער באַהאַוונט אין מיטלאַלטערלעכער פילאָזאָפיע, וועט גלייך דערקענען די פאַלשקייט פון דער צונויפפאָרונג פון עקהאַרטס לויטערער רעליגיעז־עטישער געדאַנקען־וועלט מיט ראָזענבערגס געצנדינערישע אויספירן. עקהאַרט האָט, קודם־כל, געפּריידיקט ליבע צו דער מענטשהייט. ער האָט געלערנט

צו באַקעמפן גאוה און אייגננוץ, און בעיקר האָט ער געפאָדערט רע־ליגיעזע פרייהייט, בשעת דער קווינט־עסענץ פון היטלעריזם איז פאַרהערלעכונג פון טיראַניי און גוואַלדטאַט.

ראָזענבערג שעפּט פון עקהאַרטס פלאַמענדיקער שנאה צו דער קירך און איר קלעריקאַלן פאַנאַטיזם, פולע הויפנס אַרגומענטן קעגן קאַטויליציזם. לויט עקהאַרטן קומט אויס, אַז נישט די קירך, דער פּויפּסט און דער בישאָף זיינען גאָטס פאַרטרעטער אויף דער ערד, נאָר דער מענטש. דער מענטש אַליין מוז אָנגיין ווי אַ „האַר פון זיינע ווערק", ווייל דער מענטש איז אין זיין וועזן פריי. קומט ראָזענבערג און טייטשט אויס די דאָזיקע אינערלעכע פרייהייט, ווי אַן אַפּאָלאָגעטיק פאַרן דיקטאַטאָרס מאַכט, וואָס גיט אים ענלעכקייט צו גאָט, און גיט אים רשות צו באַקעמפן די קירך און אַלע אַנדערע רעליגיעזע אינסטיטוציעס. עקהאַרטס רעליגיעזע אידעען וועגן מענטשנס ווערדע און פרייהייט און זיין עטיש־זינפולער, צו דער צוקונפט געווענדעטער עקזיסטענץ קלינגען פראַפאַן ביז ווייטיק אין דער אויסטייטשונג פון נאַצישן אידעאָלאָג, וואָס אונטערדריקט יעדן פרייהייטלעכן פרואוו און טרעט בעסטיאַל אויפן מענטשן און זיין ווערדע.

עקהאַרטס קאַמף קעגן דאָגמאַטישן קאַטויליציזם, איז צונויפ־געפלאָכטן מיט זיינע אידעען וועגן „מלכות שמים". מלכות שמים און מענטש, זיינען ניט אַבסאָלוט אָפּגעשיידט איינער פון אַנדערן, דערמיט הענגט לאָגיש צוזאַמען דער גלויבן, אַז גאָט אַליין ווירקט אין דעם מענטשן, און אַז אפילו אינם ערגסטן מענטשן, ניט דוקא אין דעם וואָס שטאַמט פון אַרישן אדל, אַנטפּלעקט זיך עפּעס פון דער הייליקייט. אָט דער גלויבן האָט באַזעלט און באַגייסטערט דעם דייטשן מיטלאַלטערלעכן מיסטיקער, מייסטער עקהאַרט. צווישן דער דיקטאַטאָרישער ראַסיסטישער אידעען־וועלט און דער רעלי־גיעזער אויפפאַסונג פון עקהאַרטן, ליגט אַ טיפער אָפּגרונט.

עס איז קיין נאַווינע ניט, אַז ברוטאַלער כח זאָל פּרעטענדירן אַלס שליח פון גייסט. איז דעריבער קיין וואונדער ניט, וואָס אויך

די מיסטיש־עטישע לערע פון עקהאַרטן איז געוואָרן אַ מיטל אין די הענט פון נאַציִשער טומאה.

חוץ דער פאַלשער אינטערפּרעטאַציע, וואָס ער גיט עקהאַרטס אידעען, פאַלט ראָזענבערג בכלל אַריין אין אַ נעץ פון סתירות, ווען ער וויל באַווייזן, אַז די נאָרדישע דינאַמיק איז שטענדיק געווען די טרייב־קראַפט פון דער דייטשער אַנטוויקלונג. ראָזענבערג באַטאָנט יעדעס מאָל, מיט אַ ספּעציפישער ראַסיסטישער גאוה, אַז די דייטשע קולטור איז אַ קולטור פון דינאַמיק, פון „ווערן און אַנטוויקלונג", דער אויסדרוק פון אַ „נשמה אינסטינקט", וואָס איז אייביק אומצופרידן און האַלט אין איין זוכן נייע לעבנס־פאָרמען. ווי אַ קלאַסישן קעגנזאַץ צו דער דינאַמיש־שעפערישער קולטור, פירט דער פאַגאַניסטישער אידעאָלאָג אַרויס, די „יידישע נשמה", וואָס איז שטענדיק זאַט און צופרידן און האָט געפונען שוץ ביי איר גאָט „יעהאָווא", דערפאַר זאָגט ער, איז איר קולטור אַ סטאַטישע און שטרעבט צו גאָרנישט.

דאָ ווייזט דער ראַסיסטישער טעאָרעטיקער אַרויס, חוץ דעמאַגאָגיע, אויך עם־הארצות. ווייל גראָד איז די אַלטע העברעאישע נביאים־קולטור דורכאויס דינאַמיש, דורכגעדרונגען מיט דער סאָציאַל־עטישער דינאַמיק פון קאַמף קעגן אונטערדריקער און עקספּלואַטאַטאָר און אַן אַלמענשלעכער וויזיע פון אַן „אחרית הימים", וואָס יעדער דור דאַרף שטרעבן צו פאַרווירקלעכן — דאָס איז די יידישע סאָציאַל־עטישע דינאַמיק, וואָס באַקומט אין יעדן דור אַן אַנדער געשטאַלט.

אין אַלגעמיין, איז דער ענין דינאַמיק אַ האַרטער ביין פאַר ראָזענבערגן, אַן ענין וואָס ער מוז אויספּשטלען טעאָרעטיש און דאַן ערשט פאַלט ער אַריין אין פּלאָנטערס, ווייל עס פּאַסט זיך ניט אַריין אין זיין גאַנצער סיסטעם. פון איין זייט, פאַהערלעכט ער די קולטור פון „ווערן און אַנטוויקלונג", וואָס באַדייט לעבנס־שעפערישקייט. פון דער אַנדער זייט, האַלט ער נישט פון קיין קולטור, וואָס פאַרמאָגט עלעמענטן פון קאַמף. איבערהויפּט, קאַמף

פאַר אַלגעמיין־מענטשלעכע אידעאַלן, ווי דעמאָקראַטיע, אינטער־נאַציאָנאַליזם און סאָציאַליזם, אין אַזאַ קולטור געפינט ער באַלד איינפלוסן פון אַ פרעמדן, ניט־אַרישן עלעמענט.

דער באַלטישער נאַצי, זעט ניט איין די אָפענע סתירה פון זיין טעאָריע. פון איין זייט, לויבט ער די וואָטאַנישע אומרו, איר אומצופרידנקייט און איר גאַנג צו כסדרדיקע ענדערונגען, זייענדיק פילאָזאָפיש איבערצייגט, אַז דאָס איז דער וועג צו פאַלקאָמענקייט, פון דער אַנדערער זייט, פאַרדאַמט ער, מיט היטלעריסטישער פאַר־ביסנקייט, יעדן פרואוו פון סאָציאַלן רעוואָלט, וואָס איז דאָך אין תוך אַן אויסדרוק פון אומצופרידנקייט, אומרואיקייט, און איז, אין עצם, אַ קאַמף פאַר שלימות.

ראָזענבערג דערקלערט אָבער דעם סאָציאַליזם און מאַרקסיזם אַלס פועל יוצא פון מאַנאָטעאיזם, וואָס זיינען לויט אים — סטאַטיש, זאַט און צופרידן.

4

חוץ ראָזענבערגן, זיינען דאָ אויך אַנדערע היטלעריסטישע פילאָזאָפן. זיי נעמען זיך שטאַרק איבער מיט דער ירושה פון פריד־ריך ניצשע, וועלכער זאָל, לויט זיי, האָבן געגלויבט אין גערמאַנישן מיטאָס און געשטרעבט צו אַן איינהייטלעכער דייטשער קולטור.

די נאַצישע אידעאָלאָגן, וואָס פּרואוון אויסטייטשן ניצשען ווי דעם גייסטיקן פאָטער פון זייער באַוועגונג, זיינען צווישן אַנדערע: בוימלער און הערטל. הערטל שרייבט אָפן אין זיין בוך „ניצשע און דער נאַציאָנאַל סאָציאַליזמוס" (מינכען, 1937): „ניצשע האָט פאָרגעפילט דעם נאַציזם, נאָר אַ באַוואוסטזיניקער נאַצי קען תופס זיין ניצשען, ניצשע איז נאָר דער אָנזאָגער אָבער ניט די אויספּי־רונג."

דאָ מוז מען מודה זיין, זיינען די נאַצישע טעאָרעטיקער מער אויסגעהאַלטן ווי ווען זיי שפּאַרן זיך אָן אויף מייסטער עקהאַרטן

און זיין מיסטיק. ניצשע, וואַגנער, טשעמבערליין האָבן רעוואָל־טירט קעגן דעם „יידישן לעבנס־גרונט", און זייער אָפּשאַצונג וועגן קולטור און ראַסע שפּילט אַריין אין די הענט פון די נאַציס.

אָבער אויך אין ניצשעס קולטור־טעאָריע, טראָגן זיי אַריין אַ היפּש ביסל פאַלשקייט. ניצשע איז, קודם־כל, געווען אַ פּרינצי־פּיעלער קעגנער פון יעדער ראַסן־טעאָריע. ווען עס איז אין זיין צייט אויפגעהויבן געוואָרן די ראַסן־פראַגע, האָט ער אויפגעפּאָ־דערט זיינע אָנהענגער ניט צו האָבן צו טאָן מיט קיינעם, וואָס איז באַטייליקט אין דעם „ראַסן־שווינדל" (ניצשעס ווערטער). די נאַ־ציִשע ראַסיסטן, וואָס פאַררעכענען ניצשען צווישן זייערע פאָר־גייער, מאַכן זיך ניט וויסנדיק, אַז די באַגריפן „בלוט" און „ראַסע" זיינען ביי ניצשען געווען ניט קיין ביאָלאָגישע, נאָר פּסיכאָלאָגישע קאַטעגאָריעס, און אַז ער האָט בכלל געגלויבט, אַז עס וועט אַמאָל קומען די צייט פון אַ בשותּפותדיקער קולטור און אַ פעלקער־מאָראַל, אַז עס דערנעענטערט זיך די צייט פון אַ פאַן־אייראָפּעאי־שער קולטור. דער באַרבאַרישער נאַציזם, וואָס האָט געפונען זיין וואולגאַרן פילאָזאָפישן אויסדרוק אין דעם „מיטאָס" און אין די ווערק פון בוימלערן, איז באַזירט אויף דער צעטראַמפּלונג פון דער אייראָפּייאישער קולטור און אויף פעלקער־פאַריאָכונג.

וואָס שטעלט מיט זיך פאָר בוימלערס פילאָזאָפישער בנין? בוימלער פּסלט דעם אידעאַליזם, ליבעראַליזם און הומאַניזם, ווייל זיי אַלע זיינען געבויט אויף אַ העכערן פאַרשטאַנד. דער אידעאַ־ליזם קען נאָר די מענטשלעכע פּערזאָן, וואָס מאַכט אירע „געזעצן", דערפאַר פּרעדיגט ער פרייהייט, פרייען ווילן, אַ שעפערישן „איך". זיי אַלע, האַלט בוימלער, זיינען ווייט פון דער רעאַלער היסטאָרי־שער ווירקלעכקייט. דערפאַר זיינען פרעמד געווען די אַלע פילאָ־זאָפישע סיסטעמען, די באַגריפן פון שטאַט, פּאָליטיק, פירער און געמיינשאַפט (געמיינשאַפט אין דעם זינען פון אַ פאָלק, וואָס ציט זיך נאָכן פירער — א. ב.), קריג און זיג, בלוט און באָדן.

אָבער בלוט און באָדן, האַלט בוימלער, איז דער אָנהויב פון

אַ נייער אָריענטאַציע אין דער פילאָזאָפיע. בוימלער אַנטוויקלט די טעאָריע פון בלוט און באָדן אַ סך מער ווי ראָזענבערג.

בוימלער פרעגט: וואָס באַשטימט דאָס וועזן פון דער מענטש־לעכער פערזענלעכקייט? ער ענטפערט: דאָס קערפּערלעכע אויס־זעהן, די פיזישע געשטאַלט. די אָנגעהעריקייט צו דער נאַציע, צום פאָלק, ווערט באַשטימט און באַדינגט דורכן געבורט, דורכן פיזישן אַקט פון געבוירן ווערן. די שייכות פון אַ יחיד צו אַ באַשטימטער נאַציע, איז ניט קיין „פילאָזאָפישער באַגריף״, נאָר שיקזאַל. די אידעאַליסטישע פילאָזאָפיע האָט ניט געוואוסט פון קיין „געבורט״. ביי איר, איז דער מענטש ווי נאָך ניט געבוירן געוואָרן. ער איז אָפּהענגיק פון דער ראַסישער ווירקלעכקייט. אָבער אין דער אמתן איז דאָס געבורט פאַרבונדן מיטן סוף, אַזוי אַז מען קען זיי ניט אָפּשיידן.

אַלזאָ, דעם יחידס פיזיש געשטאַלט, איז דער סימבאָל פון דעם קאָלעקטיוו, שפּיגלט אָפּ אין זיך דאָס געשטאַלט פון דער ראַסע, און די נאַציע אַליין איז אויך אַ סימבאָל פונקט ווי דער שיקזאַל איז אַ סימבאָל. די נאַטור אַליין איז ניט נאַטירלעך, אָדער עמפּיריש, נאָר זי איז — פיזיק, געבורט, פּרוכטבאַרקייט און געשלעכט.

בוימלער ווייזט אָן, אַז דער אידעאַליזם האָט דערקלערט די פערזענלעכקייט, וועלכע האָט איר אייגענעם געזעץ און באַשטימט איר אייגענע אויטאָריטעט, אָבער אַז די נאַציאָנאַל־סאָציאַליסטישע פילאָזאָפיע דאַקעגן זאָגט: מיר שיצן זיך ניט אין שאָטן פון אַבסאָלוטן (העגעל), ניטאָ אין אונדז דער קליינלעכער גייסט און דער פעסעמיזם פון 19טן יאָרהונדערט (שאָפּענהויער), מיר זיינען אויך ניט קיין שותפים אין דער אידעע פון געלייטערטן שכל און אוניווערסאַלער פערזענלעכער דערקענטעניש (קאַנט און פיכטע). מיר זיינען נאָר מענטשן פון אַ באַשטימטן גראַד בלוט, וואָס וואוי־נען אויף אַ באַשטימטער ערד און זיינען די פּרוכט פון אַ באַ־שטימטער ראַסע און שיקזאַל.

אַזוי ווי די נאַצישע פילאָזאָפיע איז קעגן אידעאַליזם מיט זיין שכל, שעפערישער פרייד און קאָסמאָפּאָליטיזם, אַזוי איז זי אויך קעגן פּאָזיטיוויזם. זי פאַרלייקנט די גאַנצע דייטשע פילאָ־זאָפיע. ניט קאַנט מיט זיין „דינג אַן זיך", מיט זיין מאָראַלישן געזעץ אין מענטשן; ניט העגעל מיט זיין פאַרנעמען דעם ריטם פון וועלט גייסט און די אָפּקלאַנגען פון זיינע עליות און ירידות, און מיט זיין שטעלן דעם גייסט אַלס די העכסטע רעאַליטעט און דעם שטאַט אַלס די טאָטאַליטעט פון דעם גייסט. ער האַלט, אַז אַלץ איז בלוט און פאָלק, אַז אַלץ גייט דורך דורך דער פּריזמע פון בלוט, „הדם הוא הנפש", אַלץ איז ראַסע, פאָלק, שטאַט, שיק־זאַל אָדער „בינדונג" (אַן אַנדער וואָרט פאַר שיקזאַל). ניטאָ קיין דיאַלעקטיק פון „אַבסאָלוטן גייסט", אָדער אַן אַנערקענטער פאַקט פון צייט, ווי די פּאָזיטיוויסטן לערנען, נאָר בלויז שיקזאַל, בינדונג צו די אייזערנע געזעצן פון בלוט, ראַסע, שטאַט און פירער.

דאָ ציטירט בוימלער טשעמבערליינען, וואַגנערס אײדים, דעם מחבר פון „די יסודות פון 19טן יאָרהונדערט", דעם פּייערדיקן אָנהענגער פון ראַסיזם און גערמאַנטום, וואָס האָט דערקלערט, אַז די גאַנצע וועלט־קולטור איז אַ פּראָדוקט פון דער גערמאַנישער ראַסע, פון דייטשן בלוט און פיזיאָנאָמיע.

פון פילאָזאָפישן שטאַנדפּונקט, האַלטן בוימלערס „פילאָזאָ־פישע" רייד ניט אויס די מינדסטע קריטיק. ער האָט ניט גע־שאַפן קיין פילאָזאָפישן סיסטעם; זיינע אָפּאָטאָעזן זיינען קרום און לאָגיש ניט אויסגעהאַלטן. ער אַנטלויפט פון פּאָזיטיוויזם און איז דאָך פּאָזיטיוו, ער באַקעמפט דעם ראַציאָנאַליזם און איז באַגייס־טערט פאַרן שכל, פאַר דער עקאָנאָמיק, וועלכע איז דער זיווג פון ראַציאָנאַליזם. ער באַקעמפט דעם מאַטעריאַליזם, און איז דורך און דורך מאַטעריאַליסטיש. ער אַנטלויפט פון אַבסאָלוטן און שאַפט אַן אייגענעם אַבסאָלוט. ער שלעפט ציגל פאַר אַ פילאָ־זאָפישער געביידע און עס באַקומט זיך אַ צעפיצלטע טעאָריע.

מער אויסגעהאַלטענער ווי הימלער איז מאַרטין היידעגער,

דער רעאַקציאָנערער תלמיד פון עדמונד הוסורעל, דעם משומד און פילאָזאָף — פאָטער פון דער „פילאָזאָפיע פון קיום", היידעגער האָט אָנגעווענדט דעם עקזיסטענציאַנאַליזם — די שיטה, אַז פי־לאָזאָפיע איז ווילן, אַקטיוויטעט און פרייהייט — אויפן „פּאָליטישן פּאַטאָס, אויף דער דינאַמישקייט און אויפן טאָטאַלעריזם פון היט־לעריזם. און עס איז די איראָניע פון דער געשיכטע, אַז אַ געשמד־טער ייד (הוסורעל) האָט גייסטיק באַאיינפלוסט דעם היטלעריזם. אויך היידעגערס פילאָזאָפיע צייכנט זיך ניט אויס מיט אויסגע־האַלטנקייט, אָבער זי האָט מער פילאָזאָפישן ווילן און געדאַנק־לעכן אימפּעט, און דאָס גיט איר צו אַ געוויסן טעם.

פּאַר אַ פילאָזאָף פון נאַציזם האָט אויך גערעכנט פאַררעכנט ווערן דער רעאַקציאָנער אָסוואַלד שפּענגלער, דער טיפּישער פאַר־שטייער פון דעם קולטורעלן אונטערגאַנג, מיט זיין פאַטאַליזם, די־נאַמיק פון טאַט, דערנידעריקונג פון פאַרשטאַנד און פאַרגעטע־רונג פון געפיל. די נאַציס האָבן אים אָבער פאַרבאָטן צו דרוקן דעם צווייטן טייל פון זיין באַרימט ווערק „יאָרן פון ענטשיידונג", וויל ער רעדט דאָרט וועגן קולטורעלע ראַסן (פאַרגלייך זיין וואָרט „ווער עס רעדט אַ סך וועגן ראַסן, איז אַ סימן, אַז ער האָט קיין ראַסע ניט").

אַזוי איז די דייטשע טיפּזיניקע פילאָזאָפיע, מיט איר מעטאַ־פיזישן אָדלער־שוואונג, פאַרביטן געוואָרן אויף אַ פּסעוודאָ־פילאָ־זאָפיע.

מער קלאָרקייט ווי אין זייער מעטאַפיזיק אויף די געביטן פון מאָראַל, לאָגיק און פּסיכאָלאָגיע, איז דאָ אין נאַצישן פּאָליטישן שטרעבן, אין זייער שטרעבן זעט זיך כאָטש אַ בפירושער ווילן צו פאַרווירקלעכן דעם חלום פון די אַלטע גערמאַנישע שבטים, און די פּאָליטישע אידעאַלן און צילן פון פרידריכן און ביסמאַרקן, און פון וואַן־דע־ברוקס „דריטן רייך".

צום סוף, זאָל דאָ אויך דערמאָנט ווערן, אַז אין צוגרייטן דעם „פילאָזאָפישן באָדן" פאַרן נאַציזם, האָט אויך אַ היפּשן חלק רי־

כאַרד וואַגנער. די וואַגנערישע „אידעען מוזיק" האָט זיכער אויס־געפלאַסטערט דעם ברייטן שליאַך, אויף וועלכן עס טרעטן איצט די שטיוול פון פרייסישן מיליטאַריזם. וואַגנער האָט אויך גע־שאַפן די אָרקעסטריש־מיסטישע געצנדינעריי פאַרן פירער קולט. ווען היטלער איז געוואָרן דער משיח פון נאַצישן דייטשלאַנד, האָט ער זיך אָנגעשפאַרט אָן זיינע פאָראויסלויפער, דעם דייטשן „גאָט־געזאַלבטן" קינסטלער (גאָט, הייסט עס, איז אויך אַ טייל פון דייטשלאַנד). אין „מיין קאַמף", רופט זיך היטלער „אַ יונגער וואַג־נעריער". אויב וואַן־דע־ברוק איז דער דיאַלעקטיקער פון נאַ־צישן באַרבאַריזם, איז וואַגנער דער כאַראַקטעריסטישער מיסטי־שער קינסטלער פון נאַצישן גייסט.

אין דער אידעען־מוזיק וואַגנערס — שרייבט בוימלער — האָבן מיר צום ערשטן מאָל דערהערט דעם גערמאַניש־וואָטאַנישן קולט פון קראַפט, פון די רויע סטיכישע בלוט־כחות.

ווען מען מאַכט אַ סך הכל פון דער נייער נאַצישער פילאָזאָפיע זעט מען, אַז איר מוסר־השכל איז ראָזענבערגס „מיטאָס פון 20טן יאָרהונדערט", און ווען מען באַנעמט דעם וואַגנערישן מוזיקאַלישן שטראָם, פאַרשטייט מען בעסער די געצנדינערישע פילאָזאָפיע פון היטלעריזם, אין וועלכער עס שפיגלט זיך אָפּ די פאַרלוירנקייט און וואַנזיניקייט פון אַ קראַנקער אונטערגייענדיקער וועלט.

מיר האָבן דאָ אָנגעצייכנט די גרונט־שטריכן פון דער נאַצי־שער פילאָזאָפיע, פון דעם מיטאָס פון געצנדינסט, און דאָס דינט ווי אַ באַווייז, אַז היטלערס פּאָליטישע הערשאַפט איז געקומען צו־גלייך מיט פונדאַמענטאַלע ענדערונגען אין דער וועלט פון גייסט אין דייטשלאַנד.

דאָס בוך איז געדרוקט אין פינף הונ־
דערט עקזעמפּלאַרן אין דער
דרוקעריי פון די ב ר י ד ע ר
ש ו ל ז י נ ג ע ר , ניו יאָרק,
נ. י., געזעצט דורך ש. לעוו,
אין יאָר פינף טויזנט זיבן
הונדערט און צוויי זינט
דער באַשאַפונג פון
דער וועלט. 1941.